STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04301

OYSGEVEYLTE VERK

Isaac Leib Peretz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

אויסגעוויילטע ווערק

י. ל. פרץ

אויסגעוויילטע ווערק

באַנד V

פאָלקסטימלעכע געשיכטן

II טייל

I. L. PEREC

DZIEŁA WYBRANE

Tom V

Redaktor: D. SFARD
רעדאקטאָר: ד. ס פ א ר ד

Okładkę projektował: J. REJZMAN
הילע געצייכנט: י. ר יי ז מ א ן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch"
Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 5066. Nakład 2500. Druk ukończono w listopadzie 1958 r.
Ark. druk. 13 ark., wydawn. 10. Papier druk. sat. V kl. 61 × 86,80 g.
Druk. RSW „PRASA", Warszawa, ul. Tarczyńska 8. A-85

מסירת נפש

מיט דורות צוריק האָט געשמט אין צפת אַ ייד — אַ גביר און אַ גרויסער בעל־מזל, וואָס האָט געהאַנדלט מיט צירונג און אַלערליי אבנים טובות ומרגליות. און געווען איז דער ייד אַן עושר אַן אמתער, נישט קיין אויפגעבלאָזענער, ווי היינטיקע צייטן.

און געהאַט האָט ער זיין אייגנם אַ פּאַלאַץ, וואָס האָט אַרויסגעקוקט מיט ליכטיקע פענצטער־אויגן אויפן ים־כנרת; און אַרומגערינגלט האָט דעם פּאַלאַץ אַ גאָרטן אַ גרויסער, מיט אַלערליי גלוסטיקע ביימער, מיט כל המינים פּירות און זינגענדיקע פייגל, און מיט אַלערליי שמעקעדיקע קרייטעכצער און אַנדערע געוויקסן, הן לנוי והן לרפואה. —

און געהאַט האָט דער גאָרטן וועגן ברייטע, אויסגעשיטע מיט גאָלדענעם זאַמד, און די ביימער איבער די וועגן האָבן זיך אין דער הייך צוזאַמענגעטראָפן מיט די קרוינען און צוזאַמענגעפלאָכטן און פאַרשאָטנט די וועגן.

און סוכות זיינען צעזייט און צעשפּרייט געווען אויף אַלע עקן פון גאָרטן צום אָפּרוען, און וואַסערלעך, איבער וועלכע די טייערסטע ווייסע גענדז — בר־אווזות — זענען אַרומגעשוואומען, האָבן געגלאַנצט ווי די שפּיגלען, — ממש אַ גן־עדן התחתון.

און געהאַט האָט דער ייד זיינע אייגענע אייזלען און קעמלען, צו פאָרן איבער דער מדבר; און אַן אייגענע שיף, מיט אייגענע שיפסלייט און אַ שיפס־קאַפּיטאַן — צו פאָרן אויפן ים...

מיט איין וואָרט: אויף כל ישראל געזאָגט. . .

און דער ייד האָט נישט געקאַרגט די מטבע, און האָט זיך משדך געווען מיט רבנים, ראשי ישיבות און אזוי גאונים פון בבל און ארץ־ישראל, און האָט אַוועקגעשיקט די קינדער למקום תורה; און וואָס אַ זון ער האָט אַוועקגעשיקט, האָט ער אים באַלד אָפּגעטיילט בכסף מזומן זיין חלק ירושה, אויסער נדן, כיד הגביר. און מיט דער צייט איז ביי אים

געבליבן נאָר די יונגסטע טאָכטער מיטן נאָמען שרה, דאָס געליבטע מוזיניקל, וואָס ער האָט געהיט, ווי דעם שוואַרץ־אַפּל פון אויג.

שרה איז געווען אַ גרויסע יפֿי־פּיה, און אַ לבֿ טובֿ, און מזג טובֿ — אין לשער.

און פאַר דער בת־יחידה, אַז עס איז געקומען די צייט, האָט ער זיך אַראָפּגעבעטן, פון נשיא פון בבלס ישיבה, אַ טייערע כלי, מיטן נאָמען חייא.

און געשריבן האָט דער ראש ישיבה אויפן בחור צום צפתער רבֿ נישט מער און נישט ווייניקער, ווי עטרת ראשי ועטרת הישיבה; דאָס הייסט: די קרוין פון ראש־ישיבהס קאָפּ, און די קרוין פון דער גאַנצער ישיבה און דאַצו נאָך — ו„שלשלת היוחסין“, ד"ה: נאָר דאָס אייבערשטע פון שטייסל — יחוס שביחוס.

און אַ קלאַנג איז געגאַנגען איבער דער וועלט, אַז אותו הבחור חייא קומט אַרויס „מזרע המלוכה“; גייערט בשעת חירום אין בבל, ווען מען האָט דעם חייאן געהרגעט פאָטער און מוטער און אומגעבראַכט שוועסטער און ברודער, און ער אַליין איז ניצל געוואָרן, ממש על פּי נס, — איז דער יחוס־בריוו פאַרלוירן געוואָרן... האָט אָבער ר' חייא דער גרויסער עניו, דערפון קיינמאָל נישט גערעדט, ווייסט מען נישט. — זיכער איז אָבער, אַז מענטשן, וואָס האָבן דעם בחור חייא אין גאַס געזען, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, קוקן אויף אים, ווי אין אַ שיינדל אַריין, און נישט איינער האָט אַ ברכה געמאַכט איבער זיין שיינקייט. וואָרום אַ פּנים האָט דער חייא געהאַט פון אַז אמתן בן־מלך; די שכינה האָט אויף אים גערוט...

באַזעצט זיך דער חייא ביים שווער אין צפת — על התורה ועל העבודה.

נישט לאַנג אָבער האָט זיין מנוחה געדויערט; דער שווער, דער אַלמן, איז אַ צייט נאָך חייאס חתונה נפטר געוואָרן. דער יונגערמאַן האָט געמוזט איבערנעמען די גרויסע עסקים און מאַכן נסיעות איבער ווייטע מדינות. מיט איין וואָרט, ער איז געוואָרן אַ גרויסער סוחר, פון די גרעסטע אויף דער וועלט.

דאָס האָט אָבער אים, חלילה, צו בטול־תורה נישט געבראַכט.

דאָס קעמל, אויף וועלכן ער איז געריטן איבער דער מדבר, האָט עמעץ פון דער קאַראַוואַנע ביים ציימל געפירט, און ר' חייא האָט נישט

אַרויסגעלאָזט דאָס ספר, וואָס ער האָט געהאַלטן, פון האַנט, און נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון ספר.

און אין שיף האָט ער געהאַט אַ חדר מיוחד (קאַיוטע בלע"ז), ווו ער איז געזעסן ביחידות און עוסק געווען בתורה, הן בנגלה, הן בנסתר.

און ער האָט נאָך אפילו געפונען צייט, צו לערנען זיך שבע חכמות ביי די אַלטע שייכן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפן אויפן וועג, ווי חכמת הרפואה, שיחת חיות ועופות און אפילו אצטגנינות, וכדומה...

און אַ בעל־צדקה איז ער געווען, אין לשער ואין לספר. ובכל מקום בואו — ווו ר' חייא האָט זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט אין קהילה, — פזר נתן לאביונים — האָט ער קודם־כל מפריש געווען מעשר־עני פון ריווח אויפן וועג. אַ חוץ פדיון שבויים לפי הצורך...

און אַזוי פלעגט ער אויך טון גרויסע טובות דעם כלל ישראל.

וואָרום דער מסחר מיט אֶבנים טובות ומרגליות האָט אים מקרב געווען צום מלכות מיט אירע שרים. און מיט שיינקייט און ערלעכקייט, און אפשר מער נאָך מיט זיין חכמה, האָט ער שטאַרק נושא־חן געווען אין זייערע אויגן, און זיי פלעגן אין אים אמונה האָבן, גלייבן לכל היוצא מפיו, און אַלץ צוליב טון...

פלעגט ער זיין אַ שתדלן און אַ מליץ יושר על כל צרה שלא תבא. . און ברוח פיו האָט ער מבטל געווען בלבולים נוראים: אַרויסגענומען פון תפיסות, באַפרייט פון מלקות און קייטן; און נישט איינמאָל און אין דער לעצטער מינוט, — פון תלינם הענט; כמה וכמה יונגע נפשות, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון מעטשעטן, וואָס מען האָט זיי געוואָלט אָפּ־שמדן איבערגעוואלט...

און איבער דער צייט, וואָס ר' חייא איז געווען אַ מהלך בדרך, פלעגט שחה די צדיקת ממלא מקומו זיין אין דער היים אין צפת לכל דבר שבצדקה, ווי עס פאַסט פאַר אַן אמתער אשת־חיל. ובטח בה לב בעלה, — האָט זיך ר' חייא אויף איר פאַרלאָזט און איז זיכער געווען, אַז דער הונגעריקער, וואָס וועט אַריינקומען אין זיין הויז, וועט אַרויסגיין אַ זאַ־טער; און דער דאָרשטיקער — אַן אָנגעטרונקענער. ווי אויך, אַז זי וועט זייער בת־יחידה, מרים, מגדל זיין לצדקה ולמעשים טובים און מדריך זיין אין כשרן וועג.

וכך הוה: דער פאַלאַץ איז שטענדיק פול געווען מיט אורחים און אָרימע לייט. און תלמידי חכמים, רבנים און ראשי־ישיבה, וואָס פלעגן אַרויסגיין לחוץ לארץ וועגן צרכי הצבור און צוריקפאָרן, האָבן זיך אַהינצו

וועגס, ווי צוריקוועגס, אָפּגעשטעלט — אַזוי פלעגט מען שוין זאָגן — ביי ר׳ חייאס ווייב, און זי פלעגט מקבל זיין בסבר פנים יפות, און שפּייזן מיט אַלדאָס גוטס, און פלעגט נאָר פאַרלאַנגען, זיי זאָלן אַרויפלייגן זייער האַנט אויף דער בת־יחידהס קעפּעלע און בענטשן זי מיט מזל...

און די ברכות האָבן אָנגעהויבן מקוים צו ווערן: די איינציקע טאָכטער מרים איז געווען אַן אויסטערליש געראָטן קינד, אַ ברכה פון זיין ליבן נאָמען. און גאַנץ צפת פלעגט זיך בענטשן מיט איר, מען זאָגט: „חייאס טאָכטער לייכט ווי די זון“... „איז קלאָר ווי דער טאָג“; „עס ליגט אויף איר אסתר המלכהס חן וחסד“; און זי איז ווירקלעך געווען אַ יפי־פיה — די מוטער אויסן אויג.

זענען דאָך אָבער גאָטס דרכים נישט צום פאַרשטיין; און צוריק געשמועסט, האָט דאָך שוין שלמה המלך, עליו השלום, געזאָגט: „את אשר יאהב... יוכיח“ — וועמען זיין ליבער נאָמען ליבט, דעם שטראָפט ער: טייל מאָל ברענגט דער רבונו של עולם גאָר אויפן צדיק אַ נסיון; ער פּרוּווט מיט יסורים דעם צדיק, צו זען, ווי ווייט, ווי טיף, און ווי שטאַרק דעם צדיקס בטחון איז — סיי־ווי־סיי, שחה די צדיקת פאַלט פלוצלינג אַוועק. ר׳ חייא באַקומט די בשורה־רעה אויף אַ ווייטן וועג. און לב יודע מרת נפשו — פילט ער, אַז עס איז שלעכט, וואַרפט ער אַוועק אַלע עסקים און לויפט אַהיים. איבער טאָל און איבער בערג, מדבריות און ימים. באַגעגענען אים אַלערליי מניעות. פאַלן אונטער אים אין מדבר אייזלען און קעמלען פאַר דאָרשט; שטורעם־ווינטן ווילן אים צעשלאָגן די שיף אויפן ים, — איז אים אָבער דער זכות התורה והעבודה בייגעשטאַנען. האָט ער גובר געווען אַלע מניעות און איז אַהיימגעקומען בשלום... האָט ער אָבער שוין געטראָפן די צדיקת שרה כמעט ביי יציאת נשמה... גאָר ווי די צדיקת האָט אים דערזען, האָט זי זיך געשטאַרקט און אויפגעזעצט אויפן בעט, און נאָך אָפּגעגעבן אַ שבח והודיה צום בורא עולם, וואָס האָט אויסגעהערט אירע תפילות, זי זאָל זען איר כשרן צדיק פאַר דער פּטירה; און דרייט זיך איבער צו ר׳ חייאן, און טרייסט אים און איז אים מבטיח, אַז זי איז מקבל די יסורי־מות באהבה... און רעדט מיט אים נאָך אַ וואָרט וועגן דער בת־יחידה מרים, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט אַ פאַרחלשטע... און ר׳חייא זאָגט איר צו, אַז ער וועט זיין פאַר איר אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע; אַז קיין פרעמדע הענט וועלן דאָס יונגעביימעלע נישט בייגן, נישט קרימען, נישט, חס ושלום, ברעכן... וכנגד זה, זאָגט זי אים צו, אַז זי וועט אויפן עולם־האמת קיין רגע אָן זיי נישט

פאַרגעסן, אַז זי וועט זיך שטענדיק מיען פאַר דער בת־יחידה וועגן אַ זי־ווג, עס זאָל זיין לפי כבודה ומעלתה... און אויב עס וועט זיך מאַכן חס ושלום, אַ סכסוך, אַ ספק, צי אַ מניעה, וועט זי אַלץ אָנווענדן און באַקומען רשות, צו באַווייזן זיך ר' חייאן אין חלום, און זאָגן וואָס מען דאַרף... אַזוי האָט זי זיך מיט ר' חייאן געזעגנט, געזאָגט נאָכאַמאָל שמע ישראל (עס איז שוין געווען נאָך ווידוי) און נאָכאַמאָל געעפנט די אויגן און אַ קוק געטון אויף ר' חייאן באהבה רבה און מיט חן וחסד, און געהייסן גריסן די טאָכטער, און געבעטן אים, ער זאָל מקבל זיין דעם גזר־דין פון זיין ליבן נאָמען באהבה, און האָט זיך אַראָפּגערוקט פון קישן, איינגעצויגן די פיס און איבערגעדרייט זיך צו דער וואַנט — ויצאה נשמתה בטהרה...

און באַלד נאָך שלשים האָט ר' חייא, אַז אַ רגע ישוב הדעת, מיט־אַמאָל אָפּגעשניטן פון אַלע מסחרים, פאַרקויפט די פערל און בריליאַנטן און אַלערליי אַנדערע צירונג כמעט בחצי חינם, און האָט זיך באַזעצט במנוחה על התורה ועל העבודה אין צפת... און אין פּאַלאַץ זיינעם האָט ער זיך געעפנט אַ ישיבה, און האָט אויסגעזוכט און פאַרזאַמלט אין איר פון צפת און פון דער סביבה אַלע בחורים — וווילערנער, און האָט געזאָגט פאַר זיי, וואָס גאָט גיט אַ טאָג, דעם ישיעור. און זיי האָבן דאָר־שטיק געטרונקען זיינע רייד, און די אָרעמע בחורים פון צווישן זיי האָט ער נאָר איינגאַנצן אויף זיך גענומען, און זיי אויפגעהאַלטן ביי זיך אין פּאַלאַץ, צו צוויי און דריי בחורים אין אַ חדר מפואר. און האָט זיי מפרנס געווען בעין יפה. און האָט זיי מלביש ומנעיל געווען כבני הגבירים. וכל מחסורם עליו — פאַרזאָרגט אפילו מיט קליינגעלט. אַ בחור זאָל זיך קענען אַמאָל אָנטון אַ נחת און נישט פאַרשעמט ווערן פאַר זיינע באַלע־באַטישע חברים...

וכשהגיע התור, אַז אַן אָרים־בחור איז געקומען צו שמונה־עשר־לחופה, פלעגט ר' חייא שיקן נאָך שדכנים און אויסקלויבן אים אַ שידוך מיט קעסט און אָנהאַלטעניש, לפי כבודו ומעלתו, און פלעגט געבן נדן, הלבשה ומתנות און נעמען אויף זיך כמעט האַלב הוצאות החתונה מיט רח"ש, און פלעגט אַליין פירן צו דער חופה, נאָך דער חופה משמח זיין חתן־כלה כדת־וכדין. און וואָס אָנבאַלאַנגט זיין טאָכטער מרים, האָט ער

געהאָפּט, אַז עס וועט זיך אים טרעפן גאָר אַ כלי יקר — טאַקע, ווי מען זאָגט, פּאַר גאָט און פּאַר לייט.

וועגן דעם ענין האָט ער אַמאָל געשריבן בדרך משל צו זיין מחותן דעם נשיא פון בבל, מיט וועלכן ער פלעגט זיך דורכשרייבן, הן אין דברי־תורה, הן אין עניני משפחה, אויף לשון קודש, וואָס מיר זעצן דאָ איבער אויף עברי־טייטש, כאָטש אין עברי־טייטש פאַרלירט עס אַ סך פון מתי־קות.

און אַזוי שרייבט ער:

„מיטן הילף פון זיין ליבן נאָמען האָב איך מיר געפלאַנצט זייער אַ שיינעם גאָרטן (דאָס מיינט ער די ישיבה) מיט כל המינים ביימער, וואָס טראָגן כל המינים פירות (דאָס מיינט ער — די תלמידים) און אַז — אַ פרי ווערט צייטיק און זאַפטיק, (דאָס מיינט מען: ראוי לחופה), זוך איך אים אויס אַן אדם הגון (אַ שיינעם מחותן) און היים אים אַ ברכה מאַכן ברכת נשואין, און אַז גאָט וועט מיר העלפן, — שרייבט ער — און עס וועט זיך באַווייזן אַן אתרוגל אַ הדר, גאָר אָן אַ פגימה, וועט שוין אין דעם הדרל זוכה זיין בתי היקרה מרת מרים, תח"י.

און אַז דער נשיא פון בבל האָט אים צוריקגעשריבן מיט זיין לשון בקצור נמרץ:

— היכא דמי, עס זאָלן, אין דיין ישיבה נישט זיין קיין לומדים מופלגים?

גיט אים ר' חייא אָנצוהערן, אַז „לא המדרש עיקר".

— אין תורה — שרייבט ער אים בדרך המליצה — אלא מים; תורה איז געגליכן צו וואַסער. אָבער נישט אַלע וואַסערן פליסן אַרויס פון גן־עדן. (נישט יעדערער, הייסט עס, לערנט לשם־שמים)... איינער לערנט לשם תאוות הנצחון: ער וויל איבעריאָגן און מנצח זיין זיינע חברים; אַ צווייטער מיינט נאָר צו באַנוצן זיך מיטן כבוד פון דער תורה... נישט ער זאָל מכבד זיין די תורה, נאָר די תורה זאָל אים מכבד זיין; אַ דריטער האָט צום לערנען גאָר אַן אַנדער מין יצר־הרע — ער האָט ליב שכלדיקס! ער פרייט זיך נישט מיט גאָטס תורה, נאָר מיט זיין א י ג ע נ ע ר! מיט ז י י נ ע ח ד ו ש י־ת ו ר ה, מיט זיינע המצאהלעך; ער קוועלט פון זיינע אייגענע אויפטועכצער, פון זיינע קונצן, וואָס ער באַווייזט אין דער תורה! און, צוליב אַ קונץ, איז ער אפילו גרייט מגלה פנים צו זיין בתורה שלא כהלכה. טייל זעגען מער מגושם, מאַכן זיי זיך פון דער תורה אַ האַק, צו גראָבן אין מיסט, און צו געפונען אַ שווער — אַז

אַנהאַלטעניש, קעסט — ריין קישקע מיט שמאַלץ, און, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, — אַ ירושה!... און ווען אפילו מתוך שלא לשמה קומט אַמאָל לשמה, — בלייבט אַלץ אויף דער נשמה אַ פלעק, אַן אָפּזאַץ, אַ טעם לפגם! הכלל אתרוגים כשרע זענען פאַראַן פיל, וויל אָבער ר׳ חייא א הדר: עס זאָל זיין תוכו כברו, און דעם תוך פון אַ מענטש — איז נישט אַזוי לייכט צו דערקענען... כבדהו וחשדהו; און ער וויל גלאַט כשר!

איז אים דער ראש־ישיבה מודה, און ענטפערט אים, כדרכו, בתכ־לית הקצור:

„יגעתי ומצאתי תאמין“.

ווי אַזוי אָבער זוכט מען?

הוא היה אומר, אַ מענטש — פלעגט ר׳ חייא זאָגן — וואָלט לייכט געווען צו דערקענען אין די אויגן... די נשמה אין גוף זיצט, ווי אין תפיסה; האָט דער בורא עולם, מיט זיין גרויס רחמנות, געעפנט דער נשמה אין דער תפיסה צוויי פענצטערלעך, דאָס זענען די אויגן פון אַ מענטש, זי זאָל דורך זיי אַרויסקוקן, זען די וועלט, און לאָזן זיך דערקע־נען דער וועלט! וואָלט מען אין די אויגן יעדן דערקענט, האָט אָבער אַ מענטש פאָרהענגלעך צו די פענצטערלעך — ברעמען, מיט וועלכע ער קאָן זיי פאַרשטעלן... און, אַ מענטש, וואָס האָט אַ נשמה מיט אַ פגם, באַהאַלט ער זי, ווי מען באַהאַלט קודם אַ חופה אַ כלה מיט אַ מום, און ווען די נשמה וויל זיך באַווייזן , לאָזט ער די פאָרהענגלעך אַראָפּ; מכלומרשט פאַר עניוות...

לייכטער — זאָגט ר׳ חייא — וואָלט שוין געווען צו דערקענען אַ מענטש אינעם קול. אין דעם האָט ער געהאַט זיין אייגענע שיטה:

„משול — פלעגט ער זאָגן — כחרס הנשבר“ — אַ פּראָסטער מענטש איז נישט מער ווי אַן ערדענער שאַרבן. און דער גאַנצער מענטש, דער אדם השלם — צו אַן ערדערנער כלי, וואָס קאָן אין זיך מקבל זיין די תורה און פאַרלירט נישט קיין טראָפּן. הני מילי: ווען דער טאָפּ איז גאַנץ... ווי אַזוי דערקענט מען אָבער, צי דער טאָפּ האָט נישט קיין שפּעלטל, כאָטש עס איז נישט מיטן אויג צו דערזען? מוז מען אָנקלאַפּן אָן דעם טאָפּ און הערן זיין קלאַנג—האָט דער טאָפּ אַ ריינעם, פולן קלאַנג, מה טוב! אַגיט, איז טאַקע משול כחרס הנשבר... און אַזוי אויך דער מענטש.

א מענטש, וואָס איז נישט גאַנץ, קאָן האָבן אַן אויבער־קול, אַן אונטער־קול, אַ ביי־קול, אַ צעשפּאָלטן קול, אַ ציטערדיק קול, אָבער נישט קיין ריינעם, קלאָרן קלאַנג; קיין רעכט קול האָט ער נישט! איז אָבער אַ מענטש קיין טאָפּ נישט; אַז מען קלאַפּט אָן, און ער האָט נישט זיין אייגן קול, מאַכט ער נאָר אַ פרעמד קול... טוט ער ווי אַ פּאַפּוגיי! דו הערסט אַמאָל פונוויטנס אַ קול, מיינסט, דער און דער פויגל, און אַז דו קומסט צו — אַ נאָכגעמאַכט קול, אַ פּאַפּוגיי...

וכה יעשה כל הימים — לויט דער שיטה פלעגט ר׳ חייא זיך נוהג זיין אַזוי:

דעם שיעור פלעגט ער זאָגן פאַר וואַרימעס; און אַ פּאָר שעה פאַר מנחה פלעגט ער אַרויסלאָזן די תלמידים אין גאָרטן אַריין: זאָלן זיי מטייל זיין אין שאָטן פון די ביימער. טועם זיין פון זייערע פּירות און אַ ברכה מאַכן, און אויך נהנה זיין פון די ריחות פון אַלערליי קרייטעכצער, און שפּאַצירנדיק, איבערחזרן דעם שיעור בעל־פּה, אָדער גלאַט רעדן פון תורה; אפילו שיחת רעים איז אויך קיין סכנה נישט... און ער פלעגט זיך דעמלט מתבודד זיין אין זיין חדר, און לערנען סתרי תורה... און זיין חדר האָט געהאַט אַ פענצטער אין גאָרטן אַריין, מיט אַ שווער־זייַדענעם פאָרהאַנג פאַר דער זון. און פון צייט צו צייט פלעגט ר׳ חייא אַראָפּנעמען די ברילן, לייגן אויפן ספר און נאָך צודעקן מיטן פולאַרענעם טיכל און אַרויפלייגן דאָס טאַבאַק־שקעטעלע, — און צוגיין צום פענצטער, און שטעלן זיך אַ ווײַלע הינטער דער פאָרהאַנג, און איינהערן זיך צו די קולות פון זיינע תלמידים, וואָס גייען אַרום אויף די שפּאַצירוועגן, פאָרן אָדער קופּקעלעך־ווייז, און רעדן צווישן זיך ווי חברים, און האָבן קיין סיבה נישט צו היטן זיך און בייטן די קולות...

וואָס זיי האָבן געשמועסט, האָט ער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט הערן: אַרויף ביז צו זיין חדר איז צוגעקומען פון די בחורים נאָר דער קלאַנג אַליין, אָן אַ חתוך הדבור... און אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ צייט, און ר׳ חייא האָט קיין אמת רעכט קול נישט געהערט, איז ער אַריינגעפאַלן אין עצבות.

איינמאָל האָט ער זיך אפילו געקלאָגט פאַר זיין ליבן נאָמען.

— רבונו של עולם! — זיפצט ער — די פייגעלעך אין גאָרטן, וואָס האָבן נאָר אַ נפש חיה, זינגען דיין שבח, און די תלמידים מיינע, וואָס האָבן אַ נשמה און אַ יחידה, לערנען דיין תורה... פאַרוואָס איז דאָס קול

פון דיינע פייגעלעך אַזוי גאַנץ, אַזוי ריין, אַז עס גיסן זיך אין זיי אויס גאַנצע נשמות, בשעת ווען מיינע תלמידים — — —

געענדיקט אָבער האָט ער גישט: מקטרג זיין אויף זיינע תלמידים האָט ער גישט געוואָלט... דאָס עצבות אָבער טרעט נישט אָפּ!

פון צייט צו צייט קומען אָן נייע תלמידים, נייע קולות, אָבער אַלץ קיין קמח-סולת נישט!

און איינמאָל שטעלט ער אָפּ די טאָכטער מרים, קוקט אויף איר אַ ווײַלע מיט גרויס ליבשאַפט און רחמנות, און גיט זי אַ פרעג:

— גייסט אַמאָל, טאָכטערשי, אויף דער מאַמעס קבר?

— יאָ, טאַטעשי! — ענטפערט זי אים און קושט אים דערביי מיט גרויס ליבשאַפט די האַנט.

קושט ער זי אויפן שטערן, און גלעט זי האַרציק איבערן קאָפּ, און בענטשט זי דערביי, און פרעגט נאָך:

— און וואָס בעטסטו ביי איר, טאָכטער?

— הייבט זי צו אים אויף אירע געטרייע אויגן און זאָגט:

— פאַר דיין געזונט, טאַטעשי, בעט איך! ביסט טיילמאָל אַזוי טרויעריק... און איך, נעבעך, ווייס נישט, ווייס נישט, מיט וואָס דיך משמח צו זיין... זי, די מאַמע, עליה השלום, האָט געוווסט... בעט איך ביי איר, זי זאָל עס מיר אַריינגעבן אין האַרץ אַריין, אָדער צו חלום קומען און אויסלערנען, ווי אַזוי דיך משמח צו זיין...

גלעט ער זי איבער די סאַמעטענע בעקלעך און זאָגט איר:

— איך בין, ברוך השם, טאָכטער. בקו הבריאה! עפּעס אַנדערש דאַרפסטו בעטן ביי דער מאַמען!

— וואָס, טאַטעשי?

—— אַז דו וועסט גיין, טאָכטערשי, אויף דער מאַמעס קבר, בעט זי, זי זאָל זיך מיען, שטאַרק מיען און זען, עס זאָל מקוים ווערן דאָס, וואָס איך טראַכט וועגן דיר.

ענטפערט זי אים בתמימות:

— גוט, טאַטעשי!

ויהי היום — איינמאָל, זיצנדיק פאַר מנחה אין ערשטן חדר, דער־הערט ר׳ חייא פון פאָדערהויז אַ וויכוח, עס הערן זיך צוויי קולות: איין

קול אַ בייזערדיקס, דעם ריש־דוכנא׳ס קול, און אַ צווייט קול, אַ יונגס, אַ פרעמדס — מן הסתם, פון אַ פרעמדן בחור, און דאָס קול פון פרעמדן בחור מאַכט אויף ר׳ חייאן אַ גרויסן רושם. אויף אַזאַ קול האָט ער גע־האָפט, אויף דעם האָט ער מתפלל געווען! פאַרמאַכט ר׳ חייא דאָס ספר, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיך, און וויל זיך לענגער איינהערן, האַקט זיך אָבער דאָס צווייטע, בעטנדיקע קול איבער, און עס הערט זיך נאָר דעם ריש־דוכנאס קול, וואָס מוסרט און בייזערט זיך. גיט ר׳ חייא אַ קלאַפּ אין טיש, פאַר אַ סימן, אַז ער רופט. עפנט זיך די טיר, און עס באַווייזט זיך פאַר אים דער ריש־דוכנא. אַ צערודערטער, אַ דערשראָקע־נער, און שטעלט זיך פאַר ר׳ חייאן כעבדא קמיה מריה, און זיין אַלט פנים איז נאָך בלאַס, די אויגן שפּריצן נאָך מיט פייער, און נאָז־פליגל טאַנצן — אַזאַ כעסן איז ער געווען.

וואָרנט אים ר׳ חייא: כל הכועס!...

— ניין, רבי! — בלאָזט זיך אָפּ דער ריש־דוכנא — עס איז משיחס צייטן — אַזאַ חוצפה פון אַ בחור!

— נו, נו, — וואָס וויל ער, דער בחור?

— ער וויל אַ קלייניקייט: אַריין צו אייך אין ישיבה!

— נו?

— פרעג איך אים: קענסט „ש״ס ופוסקים“? זאָגט ער: ניין! — כאָטש „משניות“? — פרעג איך ווייטער — ניין! — מאַך איך מיר אַ שפּאַס: און „עין יעקב“? — אויך נישט! — שפּאַס איך שוין ווייטער: און דאַווענען? צעוויינט ער זיך! — וואָס איז? דאַווענען אין סידור קאָן ער. נאָר פירוש המלות האָט ער פאַרגעסן! שוטה, וואָס־זשע ווילסטו־ — צו ר׳ חייאן וויל ער! — נאָך וואָס? זאָגט ער, אַז ער וויל אייך בעטן, איר זאָלט אים לאָזן זיצן אין ישיבה און צוהערן זיך צום שיעור, אפשר וועט אים גאָט העלפן, ער וועט זיך דערמאָנען!

— געקאָנט, הייסט עס, און פאַרגעסן, — זיפצט ר׳ חייא אָפּ, — אַ חולה, נעבעך, און וואָס איז דער כעס?

— וואָס דער כעס איז? אדרבא — זאָג איך אים, איך וועל דיך אַריינלאָזן צו ר׳ חייאן. טראָגט אָבער דער בחור אַ לייוונטן מלבוש, אַרומגעבונדן איז ער מיט אַ האַנפענער שטריק איבער די לענדן און האַלט נאָך אין דער האַנט אַ וואַלד־שטעקן, ווי אַ גזלן,—אַן אָפּגעשיילטע צווייג פון אַ מאַנדלבוים. זאָג איך אים: גוט, בחור, איך וועל דיך אַריינ־לאָזן צו ר׳ חייאן, נאָר טו דיך איבער. האָסט אַנדערע מלבושים? —

ניש ער האָט, ניש ער וויל זיך איבערטון... ער מאָר נישט, זאָגט ער — לייג כאָטש אַוועק דעם שטעקן! דאָס אויך נישט! ער מאָר דעם שטעקן נישט אַרויסלאָזן פֿון האַנט, נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט; ער שלאָפֿט מיטן שטעקן!

פֿאַרשטייט ר׳ חייא, אַז עס איז אַ בעל תשובה, זאָגט ער:

— יבא, זאָל אַריינקומען דער בחור.

קומט ער אַריין אַ בלאַסער, אַ מאָגערער; אָנגעטון, ווי דער ריש־דוכנא האָט אים אויסגעמאָלט, און שטעלט זיך ביי דער טיר.

רופֿט אים ר׳ חייא צו צו זיך נעענטער, דערלאַנגט אים „שלום“, לאָזט זיך נישט פֿאַלן צו די פֿיס, נישט קושן די האַנט, און אַז ער זעט, אַז דער בחור הייבט אויף אים זיין אויג נישט אויף, פֿרעגט ער:

— קינד מיינס, וואָס לאָזטו די אויגן אַראָפּ פֿאַר מיר? באַהאַלטסטו פֿאַר מיר דיין נשמה?

— יאָ, רבי — ענטפֿערט דער בחור — מיין נשמה איז אַ זינדיקע... איך האָב מיך מיט איר וואָס צו שעמען.

זאָגט ר׳ חייא: אין אדם משים עצמו רשע... איך הייס דיר אויפֿ־הייבן די אויגן.

פֿאָלגט דער בחור.

און ר׳ חייא, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, ווערט פֿאַרציטערט, אַ פֿאַרשאָלטענע נשמה האָט ער דערזען.

— קינד מיינס — פֿרעגט ר׳ חייא — עס שטעקט אַ קללה אין דיינע אויגן. ווער האָט דיך פֿאַרשאָלטן?

— דער ראש־ישיבה פֿון ירושלים!

ר׳ חייא ווייסט, אַז דער ראש־ישיבה פֿון ירושלים איז ערשט נישט לאַנג נפֿטר געוואָרן, פֿרעגט ער: ווען?

ענטפֿערט דער בחור: שוין צוויי חדשים.

„ריכטיק! — טראַכט ר׳ חייא — דערמלט האָט ער נאָך געלעבט“... און הויך פֿרעגט ער:

— פֿאַרוואָס?

— אויף דעם האָט מען מיך געהייסן, איך זאָל פֿאַר אייך זיך מתוודה זיין.

— גוט... און ווי הייסטו, בחור?

— חנניא...

— גו, בחור חנניא, — מאַכט ר׳ חייא און שטעלט זיך אויף —

אַצינד קום דאַוונען מנחה ומעריב, דערנאָך וועט דיר דער ריש־דוכנא ווייזן אַן אָרט ביים טיש... נאָכן עסן, וועסטו אַראָפּגיין אין גאָרטן אַריין, איך וועל דיך אויפזוכן און אויסהערן דיינע רייד.

און ער נעמט אים אָן ביי דער האַנט, און פירט אים מיט זיך צום בית־המדרשל ביי דער ישיבה.

און גייענדיק, טראַכט ר' חייא:

— אַזוי יונג, אַזאַ קול... און אַ בעל־תשובה... און אין די אויגן אַ קללה... וואונדערלעך זענען דעם בוראס דרכים.

שפּעט ביינאַכט גייט ר' חייא מיטן חנניא אַרום אין גאָרטן. פון צייט צו צייט גיט ר' חייא אַ קוק צום הימל ארויף און זוכט עפּעס אַ צייכן על פי האיצטגנינות, עפּעס אַ סימן, איז אָבער דער הימל פאַרשטעלט מיט אַ שטומען גרויען נעפּל; אַ נאַכט אָן לבנה, אָן שטערן... עס שטראַלן נאָר די שויבן פון די פענצטער אין פּאַלאַץ, און מיט זייערליכט פירט ר' חייא דעם בחור חנניא מיט זיך אין סוכה אַריין, און זיי זעצן זיך. „ופתח פיו בחכמה", און ר' חייא הייבט אָן:

— אין „פּסוק" שטייט — זאָגט ער צו חנניאן — „דאגה בלב איש — ישיחנה".

— רבי, וואָס איז דער טייטש? בעט זיך דער בחור.

טייטשט אים ר' חייא אוים וואָרט ביי וואָרט:

— דאָס איז טייטש: „דאגה" — אַ זאָרג (חנניא חזרט איבער), „בלב" — אין האַרץ, „איש" — פון אַ מענטש, „ישיחנה" דאָס איז טייטש: ער זאָל אויסזאָגן אַן אַנדערן, — ער זאָל זיך אויסגיסן דאָס האַרץ. און כאָטש דער בחור איז תופס נאָר טייטש־ווערטער, הייבט זיך אים אָן דאָס בלאַסע פּנים צו רייטלען, ווי ביי אַ פאַרחלשטן, ווען מען ראַטעוועט אים און די נשמה קומט פּאַמעלעך צוריק אין גוף אַריין.

קריגט אויף אים ר' חייא גרוים רחמנות און זאָגט אים:

— פּתח פּיך, בני — עפן דיין מויל, חנניא, ויאירו דבריך — און זאָלן לייכטן דיינע ווערטער, און זיי דיך פאַר מיר מתוודה...

האָט אים חנניא דערציילט אַ מ ע ש ה נורא.

קומען קומט ער אַרויס פון ירושלים... זיין מאַמע איז אַ רייכע אַל־מנה, וואָס האַנדלט מיט בשמים...

און זי האָט נאָר צוויי קינדער געהאַט, אַן עלטערע שוועסטער מיטן נאָמען אסתר, און אים, חנניא.

האָט זי, פאַרשטייט זיך, ליבער געהאַט חנניאן, דעם קדיש, פאַר זיין שוועסטער. בפרט, אַז חנניא האָט זיך באַוויזן אַ יינגל אַן עילוי...

און כאָטש אסתר איז שוין אַלט געוואָרן אַ יאָר זעכצן, האָט די מוטער זיך נישט געזאָרגט און נישט געטראַכט וועגן אַ שידוך פאַר איר. און אַז שכנות דערמאָנען זי, האָט זי אַ גרייטן ענטפער: עס וואַקסן איר נאָך ברוך השם, קיין גרויע צעפּ נישט; און אָפּגעגעבן איר גאַנץ האַרץ האָט זי חנניאן. זי האָט אים געדונגען גוטע מלמדים, און ווייל זי איז דעם ראש־ישיבה'ס אַ ווייטע קרובה געווען, און האָט געהאַט אַ דריסת הרגל אין זיין הויז, פלעגט זי אַלע עטלעכע שבתים פירן חנניא'ן צו דער רביצין, און די רביצין פלעגט אים אַריינפירן צום ראש־ישיבה צום פאַרהערן.

האָט דער בחור ביים ראש ישיבה שטאַרק נושא חן געווען. שטייט די מוטער הינטער דער טיר און הערט, ווי מען לויבט אים; און קוקט אַריין דורך אַ שפּאַרע און זעט, ווי דער ראש ישיבה קנייפּט אים אין בעקל אַריין מיט גרויס ליבשאַפט, און איז אים מכבד מיטן שענסטן עפּל פון שבת־אויבסט — קוועלט זי!

נאָך מער וואַקסט אין איר דאָס האַרץ, אַז די רביצין זאָגט איר, אַז דער ראש־ישיבה וויל דעם בחור אַריינגעמען צו זיך אין ישיבה אַריין, אויבוואָל זי איז דערויף נישט באַשטאַנען, ווייל זי וויל זיך מיט אים נישט צעשיידן. איר שיינגדל, וויל זי האָבן ביי זיך אין דער היים; זי זאָל קאָנען וואָס אַמאָל מוסר זיין די השגחה אויפן געוועלבל אַ שכנה, און אַריינלויפן אויסקושן איר בן יחיד אַלע אברים. נעמט זי אים צו נאָך אַ גרעסערן תלמיד חכם, ער זאָל לערנען מיט בחור אינדערהיים.

און אינעם גרויסן תלמיד־חכם איז זי נכשל געוואָרן...

עס איז געווען איינער פון די פאַלשע תלמידי חכמים, וואָס לערנען נישט תורה לשמה, און האָבן נאָר אינזינען זיך צו הייבן און צו קריגן אויפן חשבון פון דער תורה; האָט ער געפירט חנניאן אויף דעם אייגע־

נעם דרך. ער האָט מיט אים געלערנט נאָר פּלפּול און קונצן, ווי אַזוי אַלץ אָפּצוּווענדן. ער האָט געפּלאַנצט אין חנניאס האַרץ די ביטערע קרייטעכצער פון גאווה און נצחון. און חנניא האָט זיך געשווינדט אויסגעלערנט די חכמה; וואָרום באמת איז עס נאָר אַ ח כ מ ה, אָבער קיין ת ו ר ה נישט. נישט דאָס האָט מען אויפן באַרג סיני געמיינט. — נאָר דאָס האָט די מוטער און דער עולם אַרום נישט פאַרשטאַנען, האָט מען חנניאן נאָך מער געלויבט, און די מוטער — וואָס ווייסט אַ נאַרישע יידענע? — האָט דערפון נאָך מער נחת געהאַט...

און אין אַ צייט אַרום האָט חנניא מקבל געווען די גאַנצע תורה פון תלמיד־חכם, און האָט געזאָגט דער מוטער, אַז ער דאַרף שוין קיין מלמד נישט האָבן, האָט די נאַרישע יידענע געמיינט, אַז עס עפענען זיך פאַר איר אַלע שבעה רקיעים...

און חנניא איז געגאַנגען אויפן דרך השקר שוין אויף דעם אייגענעם חשבון, און פלעגט האָבן וואָס אַמאָל מער וויכוחים מיט בחורים פון ישיבה און גלאַט לומדים, און אַלע גובר זיין און מבייש זיין, און מאַכן פאַר עם הארצים... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז עס איז אָנגעקומען צום ראש ישיבה, האָט דער ראש־ישיבה געזאָגט מעשה ילדות! דערפון וואַקסט אַ תלמיד־חכם אויס! און האָט נאָר געהייסן גיין אין זיין נאָמען און זאָגן דער מוטער, זי זאָל אים דערלאַנגען אַ פעטשל דערפאַר.

— אַ מאַמע — זאָגט ער — מעג!

גייט, מן הסתם, די מוטער און גיט אים אַ קוש פאַרן פעטשל, און קויפט אים נאָך אַ שיינע מתנה פאַר זיין חכמה...

זעט חנניא, אַז עס איז גוט אַזוי, ווערט ער נאָך מער מחוצף, לויפט ער אַרום אין שילן און בתי־מדרשים, און מאַכט זיינע קונצן. וו סע זיצט אַ מתמיד און לערנט, שטעלט ער אים אָפּ אין דער אייגענער סוגיא, וואָס יענער לערנט, און פרעגט קשיות, הערט תירוצים, און ווענדט אָפּ... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז יענער ווערט פאַרטומלט, און חנניא ווייזט פאַרן גאַנצן עולם, אַז דער מתמיד האָט קיין שום השגה נישט...

אַמאָל טרעפט ער, ווען אַ בחור זאָגט אַ חילוק, אָדער עס דרשנט אַ תלמיד־חכם, — און נאָך איידער יענער זאָגט „ובא לציון“, שפּרינגט ער שוין אַרויף אויפן בעלעמער, און מאַכט פון חילוק אשפה, און צעשנײַדט מיטן מויל, ווי מיט אַ שער, דעם דרש אויף פּיצלעך, און צערייסט אים ווי אַ שפּינוועבס, און מאַכט אַלע פאַר עם־הארצים.

לויפט מען ווייטער צום ראש־ישיבה, גיט ער אַרויס אַ האַרבערן פּסק: גייט, זאָגט ער, צו דער מוטער און זאָגט איר, אַז איך האָב געהייסן אים אָפּשמייסן....

קריגט חנניא פון דער מוטער נאָך שענערע מתנות און נאָך מער ממתקים; טוט ער נאָך מער מעשים רעים. דערציילט מען ווייטער דעם ראש־ישיבה, זיפצט ער אָפּ און זאָגט, אַז ער, האָט אים מורא מעניש צו זיין, אַזאַ למדן איז ער, אַז נאָר אַ מאַמע מעג. דערציילט מען אים, וואָס די מוטער טוט, הייסט ער, מען זאָל אַרויפשיקן חנניאן אַליין. קומט חנניא אַריין מיט עזות. און אַז דער ראש־ישיבה הייבט אָן אַ שמועס וועגן תורה, האַקט ער אים איבער מיט חוצפּה און פרעגט שפּיציקע קשיות, און קשיות אויף קשיות, און ווייזט זיין גבורה, און מישט צונויף ש"ס ופּוסקים... איז אָבער דער ראש־ישיבה אַ גרויסער עניו געווען, ביי־זערט ער זיך נישט, און זאָגט אים געלאַסן:

— הער, חנניא! דיין גאַנצע חכמה איז גאָר אויף אָפּוועגדן, אַלע קשיות און תירוצים — אויף נישט אַזוי, אַלץ „ניין“ און „ניין“... הייסט עס, אַז דו האָסט קיין גאַנצע תורה נישט... ווייל די תורה האָט דאָך עשהן און לא תעשהן, האַלב הן און האַלב לאוו, און דו האָסט נאָר: לאַוו און לאַוו... מער ווי העלפט וועסטו קיינמאָל נישט האָבן. אַ והא ראיה: זאָג עפּעס דייגס, דיין אייגנס אויף יאָ...

שווייגט חנניא; אין דעם איז זיין כוח נישט געווען. זיין כוח איז גע־ווען „סתירה“, נישט „בנין“...

פאַרענטפערט ער זיך:

— דאָס האָט מיך דער מלמד נישט געלערנט!

זאָגט אים דער ראש־ישיבה: דיין מלמד, חנניא, איז נפטר געוואָרן, און עס ברענט אים דאָס פייער אין גיהנום און דער זכות פון דער תורה קאָן אים נישט מציל זיין, — און ער וועט אַזוי ברענען, כל זמן דו, חנניא, וועסט נישט תשובה טון און אויסרייסן פון האַרץ דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט אין דיר פאַרזייט...

— דאַרפסטו — זאָגט דער ראש ישיבה ווייטער: רחמנות האָבן אי אויף דיר, אי אויף יענעם תלמיד־חכם, און תשובה טון און לערנען תורה לשמה...

לויפט חנניא אויפן בית עלמין אַרויס און פרעגט זיך נאָך, צי דער און דער מלמד איז באמת נפטר געוואָרן? און ווען? ווייל ער האָט דערפון נישט געהערט. זאָגט מען אים: יאָ, און די קבורה איז געווען ערשט נעכטן,

און מען וויזט אים דעם וועג צום קבר. זעט ער, חנניא, ווי דאָס קבר איז איבער גאַנץ פֿאַרוואָקסן געוואָרן מיט שטעכעדיקע און ברענענדיקע דער־נער... פֿאַרשטייט ער, וואָס דאָס באַדייט, און באַשליסט זיך תשובה צו טון...

מאַכט זיך אָבער, מעשה שטן, אַזאַ מעשה:

אין יענער צייט האָט געלעבט אין ירושלים אַ געוויזנער קצב, וואָס דאָס בית־דין־צדק האָט אים אַריינגעזעצט אַ תלמיד־חכם פֿאַר אַ נאמן, ווייל ער, דער קצב, איז געווען אַ חשוד על הטרפות; און אַז דער נאמן וויל ממלא זיין משלחתו באמונה און באמת משגיח זיין אויף דער יאַטקע, כאַפּט דער קצב די האַק און וואַרפֿט דעם תלמיד־חכם אין קאָפּ אַריין און נעמט אים אָן אַ פֿאַרוווּנדעטן, און וואַרפֿט אים אַרויס אין גאַס אַריין. נסים מן השמים, וואָס מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט. ווערט אַ רעש, גייט דער בית־דין־צדק און הייסט אויסרופֿן, אַז דעם קצבס פֿלייש איז פּגול, טרפֿה ונבלה, ערגער ווי חזיר... איז אָבער דער קצב פֿון טרפֿות שוין אַ גביר געוואָרן, פֿאַרמאַכט ער גאָר אין גאַנצן די יאַטקע, און ווערט אַ מלווה ברבית, און מסרט דאָס בית־דין־צדק למלכות. כאַפּט מען די דיינים און מען וואַרפֿט זיי אין תפֿיסה אַריין, און מען איז זיי מחייב מלקות און גלות... און וואָס זאָל מען טון, אַז ער האָט שוין קיין כשרע יאַטקע נישט? — דאַנקט מען און מען לויבט גאָט, אַז דער רשע האָט זיך דאָס האַרץ געקילט, און עס וועט שטיל ווערן.

איז נאָך דער עושר אַ רע לב און האָט אויף זיין אייגענער פּרוטה קיין שליטה נישט געהאַט, און פֿלעגט נישט עסן, נישט טרינקען, און אַרומגיין קרוע־בלוא, און אַז אַ מלבוש איז אים אַראָפּגעפֿאַלן פֿון לייב, האָט ער עס אויך נישט אַוועקגעשענקט קיין אָרעמען, נאָר פֿאַרקויפֿט בפרו־טה אויף לאַטעס... און מגדל געווען האָט ער כלבים, עס זאָלן אָרעמע לייט נישט מאַכן זיך קיין דריסת הרגל אין זיין הויז...

און קיין בנים זכרים האָט דער רשע נישט געהאַט, נאָר איין איינ־ציקע טאָכטער חנה. ווייל אַ ווייב האָט ער געהאַט אַן אשה צנועה און אַ צדקת, און נאָך דעם, ווי חנה איז געבוירן געוואָרן, און זי האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין דאָס התנהגות פֿון מאַן, האָט זי געבעטן גאָט, ער זאָל איר טראַכט פֿאַרשליסן, זי זאָל כאָטש קיין בנים זכרים נישט האָבן, ווייל ברא כרעיה דאבוהו, און וועלן בוודאי אַרויסגיין לתרבות רעה. האָט זי מער ווי די איינע טאָכטער נישט געהאַט און דעם מאַן מחזיר למוטב זיין האָט די

צנועה נישט געקאָנט, האָט זי פריער מקבל געווען אויף זיך די יסורים באהבה, וכאשר כשל כח הסבל — ווייל ער פלעגט זי פייניקן און רודפן, האָט זי אויף זיך אליין געבעטן דעם טויט... און פאַר דער פטירה האָט זי באַשוווירן די קרובים, זיי זאָלן זיך אַליין מתעסק זיין אין איר קבורה, און דער מאַן זאָל אפילו פון איר קבר נישט וויסן.

און דער רשע איז שוין אַן אַלמן געבליבן. קיינער וויל אים נישט געבן קיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. וווינט ער אַליין מיט דער בת יחידה חנה. און הפלא ופלא — זי, די בת יחידה זיינע, האָט ער דווקא שטאַרק ליב געהאַט און געהאַלטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ, און האָט געוואָלט, זי מהנה זיין מכל המיני עולם הזה, און איז גרייט געווען פאַר איר מבזבז צו זיין דאָס גאַנצע געלט, כאָטש דאָס געלט איז אים טייערער געווען פאַר דער נשמה.

ווייל אָבער די טאָכטער נישט נהנה זיין, זי האָט אַ צוואה פון דער מוטער, זי זאָל, אויסער ברויט מיט וואַסער, אין פאָטערס הויז נישט עסן... און קיין טייערע קליידער וויל זי נישט און דאַרף נישט, ווייל זי קומט נישט אַרויס מפתח ביתה, זי זאָל נישט הערן, ווי מען שעלט דעם פאָטער און מען איז אים מבזה אין אַלע גאַסן.

און וואָס ווייניקער די טאָכטער וויל נהנה זיין פון זיין גוטס, מער חשק און תאווה האָט דער עושר איר טובות צו טון.

און אַז עס העלפט קיין איבערריידן נישט, טראַכט ער: איין טובה וועט זי וועלן; איך וועל איר געבן אַ מאַן אַ תלמיד חכם.

וכשהגיעה לפרקה, וויל ער פאַר איר אויסזוכן אַ חתן, דאָס אייבער־שטע פון שטייסל — אַ למדן שבלמדנים; גיט ער לאַנד־שדכנים גרויסע רשימות, און ער אַליין לויפט אַרום אין ירושלים און אין דער סביבה אין אַלע ישיבות, און איז פוסק אַ הון רב פאַר אַ גוטן בחור. און אַלץ איז אומזיסט. קיינער וויל זיך נישט משדך זיין מיט דעם מנוול — וואָרום פון קרן האָט דאָך קיין בן אדם נישט געוווסט.

ווערט דער עושר מלא חמה, בפרט אַז עס איז צו אים געקומען אַמאָל אַ שדכן און געזאָגט אים, ער זאָל אַוועקלייגן די גאווה און טון, וואָס עס לאָזט זיך, און דערציילט אים, אַז בשכנות וווינט אַ בעל־מלאכה — אַ נהגה מיגיע כפו, אַן ערלעכער מאַן, וואָס וויל זיין טאָכטער, און וויל אפילו קיין גראָשן געלט נישט, ווערט ער גאָר אונטערגעצונדן!

וואָס דען טוט ער?

פאַלט ער אויף אַן עצה און זוכט אויס צוויי תלמידי חכמים אביונים

און גיט זיי געלט אויף חוצאות הדרך אויף צוויי יאָר, אַ חוץ פּרנסה, איבערצולאָזן פאַר ווייב און קינד אין ירושלים, און הייסט זיי אַרויסגיין אין גאַנץ תּפוצות ישראל, ווו זיין שלעכטער נאָמען האָט נאָך נישט דערגרייכט, און ברענגען אים אַן איידעם אַ תלמיד חכם, אַ מופלג.

יידן — אביונים, באַשטייען זיי, — און נעמען צידה לדרך, און לאָזן זיך אין וועג אַריין; און מעסטן אויס אין דער לענג און אין דער ברייט גאַנץ ארץ ישראל — און אַלץ בחינם.

און — אַ פּשוטע זאַך: די תלמידי חכמים האָבן אַלץ גערעדט וועגן נדן, קעסט און מתנות, און פון מחותן נישט גערעדט אַ וואָרט. און אַז מען האָט זיי געפרעגט וועגן מחותן, האָבן זיי זיך געמאַכט נישט הערנדיק, וואָרום קיין ליגן זאָגן האָבן זיי נישט געוואָלט; פאַרשטייט מען, אַז עס איז מיט אַ גרויסע סירכא, וויל מען נישט...

גייט אַוועק די צייט, וואָס דער עושר האָט זיי געגעבן, גייען די תלמידי חכמים צוריק בידים ריקות, און שטעלן זיך אָפּ ביי די טויערן פון ירושלים מיט גרויס פּחד; ווען נישט וואָס זיי וואָלטן איבערגעלאָזט קינדער — לעבעדיקע יתומים און ווייבער עגונות, וואָלטן זיי בעסער אויף דער מדינה ארויס, און אהיים נישט געקומען, וואָרום זיי ווייסן, אַז דער עושר וועט זיי נישט גלייבן, און מיינען, אַז זיי האָבן זייערס נישט גע־טון בשלמות. און וועט זיי רודפן עד חרמה און חס ושלום נאָך איבער־געבן אין גוישע הענט... זיצן זיי אַזוי און טרויערן.

און ווי זיי זיצן אַזוי פאַרן טויער פון שטאָט ירושלים און טרויערן, גענענט זיך צו זיי אַן אָרעם בחור, אָנגעטאָן אין ווייסע לייוונט מיט אַ האַנפענעם שטריק אַרום די לענדן, און אַ פּראָסטן וואַלד שטעקן פון אַ מאַנדל־בוים אין דער האַנט; און ער גייט צו צו זיי, און גיט זיי שלום, און פרעגט זיי, צי זיי ווילן נישט טרינקען, און וואָס זיי זיצן אַזוי פאַר־שמאכט; און זאָגט זיי, אַז ער וווינט דאָ אין דער מדבר און ער ווייסט פון אַ באר מיט חיים, און עס איז נישט זייער ווייט פון דאַנען, און אויב זיי ווילן, וועט ער זיי פירן צום קוואַל... ווייל ער האָט קיין כלי נישט אַהער צו ברענגען וואַסער. זאָגן זיי אים, אַז דורשטיק זענען זיי נישט, נאָר זיי האָבן אַזוי עגמת נפש, און עס מאַכט זיך אַ שמועס, פרעגן זיי ביי אים, ווער ער איז; זאָגט ער זיי, אַז ער איז אַ נע־ונד, ווייל ער איז אַ יתום אָן טאַטע־מאַמע, לעבט ער חוץ לישוב און שפּייזט זיך פון קרייטעכצער.

— און ווילסט גאָרנישט לערנען קיין תורה?

ענטפערט ער זיי, אַז ער ל ע ר נ ט תורה; אַז אַלע נאַכט, ווען

עס ווערט פינצטער אין מדבר, קומט צו אים אַן אַלטער מאַן, און לערנט מיט אים בעל־פּה... און ער דערזעט דעם אַלטן מאַן נאָר פון ווייטנס, ווייל עס לייכטן אים די אויגן אין דער פינצטער ווי די שטערן, און די ווייסע באָרד זיינע איז בלאַנק ווי שניי, און דער אַלטער מאַן קומט צו אים נאַכט אויף נאַכט און זעצט זיך נעבן אים און לערנט מיט אים ש״ס ופוסקים, ספרי, ספרא און תוספתא... ווילן זיי אים פאַרהערן, צו זען אויב ער זאָגט אמת. ווייזט ער זיך אַ גאון עולם... פּערל שיטן זיך אים פון מויל... פרעגן זיי אים, פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזט די מדבר, און וואָס ער טוט הינטער די טויערן פון ירושלים? דערציילט ער זיי בתמימות, אַז נעכטן האָט זיך מיט אים דער אַלטער מאַן געזעגנט און געזאָגט, אַז ער וועט שוין מער צו אים נישט קומען, און ער האָט אים געוויזן דעם וועג קיין ירושלים, און געהייסן אים גיין אין דער הייליקער שטאָט אַריין, וווּ ער וועט געפינען זיין זיווג און זיין מזל, און וועט זיצן על התורה ועל העבודה. און איך — זאָגט ער — מוז דעם אַלטן פאָלגן... ווערן זיי, די תלמידי חכמים, דער־פרייט, און זאָגן אים: קום, בחור, מיט אונדז, מיר האָבן פאַר דיר אַ ווילן שידוך. גייט ער מיט זיי...

פירן זיי אים גלייך אַריין צום גביר, און זאָגן אים: „אל תבט אל מראהו“ — עס איז אַ גאון עולם; אליהו הנביא אַליין האָט מיט אים תורה געלערנט. גלייבט זיי דער גביר און דערפרייט זיך, און מאַכט באַלד אַ סעודה, און שרייבט תנאים און איז מגביל זמן החתונה אינגאַנצן אויף צוויי וואָכן. ער האָט מורא פאַר אַן עין־הרע און אַ בייז וואָרט... און קודם כל נעמט ער פון חתן אַראָפּ די קליידער און נעמט צו דעם שטעקן, און איז אים מלביש ומנעיל כיד הגביר, און די אַלטע קליידער באַהאַלט ער צום פאַרקויפן, תיכף ומיד נאָך דער חתונה, דעם ערשטן בעסטן אויף לאַטעס פאַר אַ פּרוטה... און די זאַך באַקומט אין שטאָט אַ שם. טייל זאָגן: דער ערגסטער הונט כאַפּט דעם בעסטן ביין... אַנדערע הענגען עס אָן אין דעם זכות פון דער כלהס מוטער. דאָס האָט די צנועה אויסגעבעטן, נאָך אַנ־דערע — אַז בכלל זענען גאָטס דרכים נישט צו פאַרשטיין...

די צוויי וואָכן גייען בשלום פאַרביי, און עס קומט דער טאָג פון דער חתונה. און צוליב דער טאָכטער האָט דער כלב אָוועקגענומען די האַנט פון הארץ, און געמאַכט אַ הילולא, וואָס די וועלט זעט עס נישט און לכבוד דעם חתן, זענען אַלע נכבדים פון ירושלים געקומען אויף דער חתונה, און צום חתן־מאָל — אַלע בחורים פון די ישיבות...

און די צייט פון פאַרן באַדעקנס — דערציילט חנניא ווייטער —

איז געקומען, דער חתן זאָגט פאַר אונדז בחורים און במעמד תּלמידי חכמים דינים און דעם ראש־ישיבה — אַ שאַרפֿן חילוק... אין דער צווייטער שטוב איז מען שוין גרייט צום באַדעקנס... די קלעזמער שפּילן שוין מוסר, און די אונטערפֿירערס פֿון חתנס צד, דער רב און דער ראש ישיבה, האַלטן שוין הבדלות אין די הענט און דעם חתנס תּורה גיסט זיך נאָך אַלץ ווי בוימל, און צעגייט זיך, ווי אַ ריח פֿון בשׂמים, און די אויגן זיינע לויכטן ווי די שטערן... אַלע גאַפֿן און הערן, חנניא אויך. ער האַלט וואָרט. עס פֿאַלט אים גאָרנישט איין אים אָפּצווועגדן. אדרבא, ער האָט נחת פֿון פֿרעמדן חילוק: ער פֿרייט זיך, אַז פֿון אַצינד אָן וועט ער האָבן אַ חבֿר, מיט וועלכן עס וועט בדאי זיין צו לערנען און צו רעדן וועגן לערנען. און עס האָט זיך שוין אין אים דערוועקט אַפילו אַ ליבשאַפֿט צום חתן, אַ הייסע ליבשאַפֿט. עס פֿאַרגלוסט זיך אים דווקא אויפֿצושטיין און צוגיין און קושן דעם חתן... און ער טוט עס. אָבער אין גאַנג האָט ער זיך אויסגעגלײַטשט! פֿאַרבײַגייענדיק דעם עולם, הערט ער, ווי איין בחור זאָגט צום צווייטן: דער חתן קאָן בעסער לערנען פֿאַר חנניאן. און יענער ענטפֿערט: חנניא איז אַ גולם קעגן אים... און דאָס איז שוין פֿאַר חנניאן אַ צו גרויסער נסיון געווען... עס האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, עס האָט אויפֿגעפֿלאַקערט אין אים אַ ווונד, גלייך אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן — הוא הנחש — הוא היצר־הרע! און ער בלייבט שטיין, שטעלט זיך אויף די נעגל, הייבט פּלוצלינג אָן רעדן, אָפּצווועגדן, און פֿון מויל שיט זיך אים פֿעפֿער און סמאַלע... פּלוצים דערפֿילט ער, אַז ער פֿאַרזינדיקט זיין נשמה, אַז ער גייט קעגן אליהו הנביאס תּורה, קעגן תּורת האמת... אַז ער שטעכט דער תּורה אין האַרץ אַריין שפּיזן און שווערדן, אַז ער טייט די תּורה. און ער דערשרעקט זיך און וויל אויפֿהערן רעדן, און קאָן נישט... עס רעדט זיך שוין אָן זיין רצון, קעגן זיין ווילן, עס רעדט פֿון אים אַ נישט־גוטער אַרויס! און ער זעט, ווי דער חתן ווערט בלאַס פֿאַר שרעק, ווי ער וואַקלט זיך און פֿאַלט פֿאַר חולשות הדעת אויף אַ שטול...

און באותו הרגע ווערט אַ גיהנום אין שטוב. דער סקנער ווערט מלא חימה און ברילט ווי אַ לייב: מקח טעות! מקח טעות... און לויפֿט אַרום ווי משוגע, און ער זוכט און כאַפּט די אָרעמע תּלמידי חכמים, די שליחים און שדכנים זיינע, און שלאָגט זיי און רייסט זיי אויס די בערד, און לויפֿט קעגנאיבער צו די קלעזמער און רייסט זיי די כּלים פֿון די הענט אַרויס, און וואַרפֿט און צעשמעטערט זיי. און לויפֿט צו צו דער כּלה אינמיטן שטוב און רייסט זי אַוועק פֿון באַדעקנס. און לויפֿט ערגעץ אין אַ קאַמער

אַרוים און ברענגט אַריין דעם חתנס אַלטע מלבושים: דאָס לייוונטענע מלבוש מיטן האנפענעם שטריק און ווייסן וואלד שטעקן. און רייסט אַראָפּ פון פאַרחלשטן חתן די נייע מלבושים, און שטופּט אים אַרויס אַ גאַ־קעטן פון מיר, און וואַרפט אים נאָך די אַלטע מלבושים... און די אנשי השובים פון ירושלים און אַלע חתונה געסט אַנטלויפן פאַר שרעק.. איין חנניא בלייבט. ער שטייט נאָך אַלץ פאַרשטאַרט אויפן אָרט. און הערט, ווי דער עושר שרייט: אַ שאָד די סעורה; ברענגט מיר אַריין דעם סטאַליאַר — שרייט ער — האַלט גרייט די חופּה!... רייסט ער קוים די פיס אָפּ פון פּאָדלאָגע און אַנטלויפט פון שטוב אַרויס. און באַלד אין גאַס איז אים אַנטקעגן געקומען דער ראש־ישיבה; ער שטעלט אים אָפּ און זאָגט אים: חנניא, דו קענסט חרוב מאַכן אַ וועלט, פאַרגעם בעסער דאָס לערנען!...

— און באותו הרגע — דערציילט חנניא, האָט מיר עפּעס אַ קנאַק געטון אין מוח, עפּעס האָט דאָרט געפּלאַצט, און איך בין געבליבן ווי אַ לערע שטייג אָן טויבן, אָן אַ וואָרט תורה! פאַל איך דעם ראש ישיבה צו די פיס, און בעט אַ תשובה, זיפצט ער: — ווער ווייסט, צי עס וועט העלפן.

הייב איך אָן שטאַרק צו וויינען, ווייזט ער מיר, אַז נישט ווייט, אונטער אַ ווינקל פון אַ הויז, שטייט דער חתן, וואָס ווייסט נישט, וווּ אוים און וווּ איין אין דער פרעמדער שטאָט.

— צו אַלעם ערשטן — זאָגט ער — גיי צו אים צו און בעט ביי אים מחילה...

איך האָב מורא צו גיין, שטופּט ער מיך אונטער:

— גיי און פּועל ביי אים, ער זאָל מיט דיר אַהיימגיין צו דיין מאַ־מען... איך וועל אויך אונטערקומען.

גיי איך צו צום מבוישן חתן; דערזעט ער מיך, און לויפט מיר אַנטקעגן, און לאָזט מיך צום וואָרט נישט קומען, און רופט צו מיר:

— מוחל, מוחל! במחילה גמורה; עס איז קיין זיווג נישט געווען!

געוואָלט וואָלט איך בעסער, ער זאָל מיך דורסן; און ער לייגט מיר די האַנט אויף מיין אַקסל און רופט מיך: חבר!

זאָג איך: וואָס פאַר אַ חבר קאָן זיין אַן עם־הארץ מיט אַ תלמיד־חכם? גאַפט ער. און איך דערצייל אים פון דער קללה, מיט וועלכער דער ראש ישיבה האָט מיך פאַרשאָלטן. ענטפערט ער מיר:

— אַז עס וועט זיך מיר באַווייזן מיין אַלטער רבי (אליהו הנביא, הייסט עס), וועל איך אים בעטן פאַר דיר!

פיר איך אים צו מיין מאַמען, און לייד אויפן וועג חבוט הקבר, ער רעדט צו מיר תורה, און איך פאַרשטיי אים נישט אַ וואָרט... און עס ווייגט מיר דאָס הארץ פאַר בענקשאַפט צו דער תורה... און אין דער נשמה איז פינצטער און וויסט, ווי בײנאַכט אין א חורבה... קומען מיר אַריין צו דער מאַמען, פאַל איך איר אויפן האַלדז מיט אַ געוויין.

— מאַמעשי, גאָט האָט מיך און דיך געשטראָפט.. אַצינד האָסטו אַ זון אַ עם־הארץ!

ווערט איר געבעך נישט גוט און עס ציטערט איר קול:

— ווי הייסט... ווי אַזוי? ווער האָט עס דיר אַן עין־הרע געטון?

דערצייל איך איר די גאַנצע מעשה, און ווייז איר, אַז דאָס איז דער חתן, וואָס איך האָב אים פאַרשעמט, פאַרברעכט די מאַמע אירע הענט און ווייגט מיט אַ פאַרביטערט קול, און אסתר, די שוועסטער מיינע, שטעלט זיך אין אַ ווינקעלע מיטן פנים צו דער וואַנט, און גיסט טרערן... באותו הרגע קומט אַריין דער ראש־ישיבה און ווענדט זיך קודם כל צו אסתרן:

— הער כלה, גיי אין קיך אַריין, און מאַך עפּעס צו עסן פאַר דעם תלמיד־חכם... — ווייזט ער אָן מיט דער האַנט אויף דעם פרעמדן בחור — און אַז דיין מזל וועט שיינען, — לייגט ער צו — וועט ער זיין דיין זיווג.

פאַרצאָגט קוקט זיך אסתר אום אויף דעם חתן און זיין הולד, נאָר דעם ראש־ישיבה פאָלגט זי און גייט אַרויס...

און דער ראש־ישיבה ווענדט זיך צו דער מאַמען:

— אַצינד — זאָגט ער — איז נישט קיין צייט פון וויינען... און דו האָסט דיך אויך פאַרזינדיקט דערמיט, וואָס דו האָסט פאַר אסתרן נישט געזאָרגט און חנניאן נישט געשטראָפט... נישט גוט! נישט גוט!

הייבט די מאַמע אָן נאָך שטאַרקער צו וויינען.

— נישט וויינען — זאָגט נאָך אַמאָל דער ראש ישיבה — טון דאַרף מען.

— וואָס? וואָס? — קלאָגט די מאַמע.

— און דו וועסט מיך פאָלגן? — פרעגט דער ראש־ישיבה.

— פאָלגן, פאָלגן! איילט זיך די מאַמע צו זאָגן.

זאָגט דער ראש־ישיבה אַזוי.

— קודם, מאַך חתונה אסתרן... אָט איז איר זיווג.

רייסט זיך פון דער מאַמעס האַרץ אַ געוויין:

— דער בחור אין לייוונט, מיטן שטעקן?

— דאָס איז דער בחור, וואָס אליהו הנביא האָט מיט אים תורה גע־לערנט. אַזוי פּאַלגסטו, קרובה?

— זייט מיר מוחל, רבי... איך פאָלג שוין, איך פאָלג...

— און דיין זון, — זאָגט ער ווייטער — מוז גיין גלות אָפּריכטן ביז דעם רחמנים החמנות וועט זיך אויף אים דערוועקן, און דו וועסט פון אים אויך נחת האָבן, נאָר שפּעטער... עלטער איז אסתר!...

— און דו, ווענדט ער זיך צו מיר — דיר וואָלט אפשר קיין תשו־בה נישט געהאָלפן פאַר דיין גרויסע זינד... האָסטו אָבער א נס, וואָס עס איז קיין זיווג נישט געווען, און עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט א טובה אי פאַרן חתן, אי פאַר דער כלה!

— דער כלה אויך?... וואונדערט זיך די מאַמע.

ענטפערט דער ראש ישיבה:

— זי ווייסן, אז לאה, דעם רשעס טאָכטער, איז א באַהאַלטענע צנועה, און איר מוטער, די צדיקת האָט זיך פאַר איר געמיט אין די עול־מות העליונים, און אויסגעבעטן פאַר איר א למד־וואָווניק... און דאָס איז ער טאַקע דער סטאָליאַר, וואָס דער עושר האָט אים געשלעפּט צו דער חו־פּה, די סעודה זאָל נישט קאַליע ווערן. נאָר דאָס, בעט איך, זאָל בלייבן בסוד סודות, ביז ער וועט נישט אַליין נתגלה ווערן!...

— גאָטס נסים! זאָגט די מאַמע, שוין אַביסל געטרייסט.

— און אַצינד — זאָגט ער ווייטער צו מיר און צום חתן — אַצינד, מיינע ליבע קינדער, טוישט אייך מיט די מלבושים!...

— און דו, זאָגט ער צו מיר — גיי תיכף ומיד אין גלות אריין!... און דעם שטעקן נעם און היט אים, ווי אַן אויג אין קאָפּ. ביינאַכט האַלט אים צו קאָפּנס, ווו דו וועסט שלאָפן. און איך וועל מתפּלל זיין, עס זאָל קומען דיין הילף און דער שטעקן זאָל אויפבליען, און דעמאָלט וועט דיין נשמה אויך אויפבליען און דו וועסט דיך אַלץ דערמאָנען. נאָר געדענק, ערשט דעמאָלט וועסטו מעגן אָנטון אַנדערע מלבושים, און אַצינד גיי און געזעגן דיך נישט מיט קיינעם.

כהרף עין האָב איך מיך איבערגעטון אין דעם חתנס קליידער, און באותו רגע קומט אַריין מיין שוועסטער מיט א פאַנקוכן אויף א טעלער אין דער האַנט, און ווי זי דערזעט אונדז אין די פאַרטוישטע מלבושים, האָט זי פאַר שרעק אַראָפּגעלאָזט דעם טעלער מיטן פאַנקוכן, און דער טע־

לער האָט געפּלאַצט מיט אַ הויכן קלאַנג, און דער ראש־ישיבה האָט אויסגערופן: — „מזל טוב, מזל טוב!"

מער האָב איך שוין נישט געהערט, איך בין באַלד אַרויס פון שטוב.

און אַזוי ווי ער איז אַרויס פון ירושלים — דערציילט חנניא — האָט ער תיכף ומיד פאַרבלאָנדזשעט אין א מדבר, אָן ברויט און אָן וואַסער. נאָר נישט צו ברויט און וואַסער האָט ער געגלוסט, פאַרן גוף האָט חנניא יוצא געווען מיט גרעזלעך, וואָס געפינען זיך אַמאָל אין מדבר... און געווען איז ער שטענדיק בחזקת סכנה, צווישן אַלערליי חיות, נחשים ועקרבים, נאָר זיי האָבן אים גאָרנישט געטון... פלעגן עפּעס ברומען צווישן זיך און אַראָפּגיין פון וועג. האָט ער, חנניא, פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן אויף אים קיין שליטה נישט, ווייל זיין פּסק איז נאָר „נע־ונד". און איינמאָל האָט ער אפילו געהערט בחוש, ווי א קול רופט אויס — „זה שייך"... — נאָר צו וועמען, האָט ער נישט דערהערט...

און אַזוי האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט טאָג און נאַכט, און גע־טראַכט און געטרויערט האָט ער אויף זיינע יונגע יאָרן, וואָס גייען אַוועק אָן תורה, אָן ליכט, אָן אַ שטראַל פאַר זיין פינצטערן מוח... וואָלט ער כאָטש אַ וואָרט תורה געהערט! כאָטש אַ סידור ער זאָל האָבן... בעל פּה קען ער אפילו נישט דאַווענען, גאָר נישט.

איינמאָל, דערציילט ער, האָט ער זיך געשאָטן זאַמד אויפן קאָפּ, און לשם צער זיך געשטעלט אויף איין פוס, און אַלץ איינאיינעם געשריען אין הימל אַריין „תורה!", „תורה!", נישט מער ווי דאָס איינע וואָרט... און געשריען האָט ער מיט מסירת נפש... לאַנג, לאַנג, ביז די זון איז אונטער־געגאַנגען, און ער איז געפאַלן אויף דער ערד און איז איינגעשלאָפן פאַר־שמאַכט, און געפילט, אַז ער וויינט אין שלאָף אויך און שרייט: תורה! תורה... באַווייזט זיך אים דער ראש־ישיבה, אָנגעטון אין תכריכים און אַ גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ, און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— שטיי אויף, חנניא, דיין רפואה הייבט זיך אָן... גאָט האָט גע־הערט דיין געבעט, און אליהו הנביא האָט זיך פאַר דיר געמיט, שטיי אויף און גיי פאַר דיר, ווו די אויגן וועלן דיך טראָגן. וועסט קומען קיין צפת, און זאָלסט אַריינגיין צום לב־טוב, ר' חייאן, און וועסט זיך פאַר אים מתוודה זיין, און בעטן, ער זאָל דיך אַריינגעמען אין זיין ישיבה, און ער

וועט דיר נישט אָפּזאָגן, און אַז דו וועסט אַלט ווערן אַכצן יאָר, וועט ער דיר געפינען דיין זיווג, און ער וועט מתפלל זיין פאַר דיר, און זיין תפילה מאַכט שטענדיק אַ רושם פאַרן כסא הכבוד. אַ חוץ דעם — איז חופה מכפר, און שבע ברכות אויך... וועסטו געהאָלפן ווערן... און צום אַכטן טאָג נאָך דער חופה וועסטו זיך אויפכאַפּן אינדערפרי, וועט דער שטעקן ביי דיר צוקאָפּנס שוין האָבן אויפגעבליט און שפּראָצן מאַנדלען, און בליען און שפּראָצן וועט אויך אין דיר די נשמה...

— און דו וועסט זיך אַלץ דערמאָנען, אויסער דעם שלעכטן, און וועסט זאָגן פאַר ר׳ חייאן אַ חילוק, אַ בנין, נישט קיין מתיוהו; און ר׳ חייא וועט פון דיר נחת האָבן... נאָר צי וועסטו לאַנג לעבן, — זאָגט ער — ווייס איך נישט...

און ער איז נעלם געוואָרן, און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג און געגאַנגען, ביז איך בין געקומען צו אייך, רבי...

אַזוי דערציילט חנניא, און ר׳ חייא קוקט אויף אים מיט גרויס צער און פרעגט:

— און ווי אַלט ביסטו, חנניא?

— זיבעצן יאָר און צען חדשים.

פאַרטראַכט זיך ר׳ חייא... „נעבעך — טראַכט ער — אָן אריכת ימים!“ דערווייל הייבט חנניא אויף זיינע גרויסע אויגן אויף ר׳ חייאן און זאָגט מיט אַ האַרציק געבעט, שטיל און פאַרציטערט:

— רבי, וועט איר מיך אַריינגעמען אין דער ישיבה?

א לערע נשמה — טראַכט ר׳ חייא — אָן א וואָרט תורה, און פון האַלדז שפּילט אַרויס דוד המלכס פידעלע“ — און הויך זאָגט ער:

— גיי, מיין קינד, שלאָפן... זאָג דעם ריש־דוכנא, ער זאָל דיר ווייזן וו, און קום מאָרגן פרי צו מיר נאָך תשובה, אַצינד גיי, מיין קינד...

חנניא גייט אַרויס, און ר׳חייא בלייבט נאָך אַ ווײַלע אין סוכה, ער קוקט דורכן פענצטערל אין הימל אַריין און פרעגט:

— זאָל עס זיין ד ע ר?...

נאָר דער הימל איז פאַרוואָלקנט און שווייגט.

און פאַרוואָס ר׳ חייאן איז שווער צו געבן חנניאן תשובה באַלד אויפן אָרט, וועט מען זען אין שמועס מיט חנניא׳ן צו מאָרגנס אינדערפרי.

— חנניא בני, — זאָגט ער אים אין אַ באַזונדער חדר, — זיי וויסן מיין קינד, אַז בנוגע צו דיין בקשה, איך זאָל דיך אַריינגעמען אין מיין ישיבה אַריין, איז פון מיין צד קיין מניעה נישט, נאָר...

הייבט חנניא אָן אויפן גאַנצן לייב צו ציטערן.

— „רבי, זאָגט ער — לאָזט מיך זיצן, ווי אַמווייטסטן פון אייך ערגעץ אין אַן עק באַנק, אין א פינצטער ווינקעלע, איך וויל נאָר הערן וואָס איר וועט זאָגן פאר זיי, פאַר די תלמידים... נאָר הערן וויל איך...

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וויל. — טרייסט אים ר' חייא

— נאָר, זאָגט ער, איך האָב פחד, עס זענען דאָך פאָרט יונגע לייט, מעשה נערות, זיי וועלן אויס דיר, חס ושלום, חוזק מאַכן... און דערצו, לאָמיר זיך נישט נאַרן, חנניא, תלמידי חכמים זענען זיי דאָך, און דו דערווייל... און די שנאה פון אַ תלמיד חכם צו אַן עם הארץ איז גרויס... וועסטו ליידן יסורים פון זיי, דאָס האָב איך מורא...

שרייט אויס חנניא מיט פרייד:

— אדרבא, רבי, איך דארף ליידן און אָפּקומען, וואָס מער בזיון, וואָס מער יסורים, וועט געשווינדער אַראָפּ די קללה:

— זאָל זיין אַזוי, — איז ר' חייא מרוצה — האָב איך אָבער מורא, עס זאָל זיי, חס ושלום, נישט שאַטן, המלבין חבירו ברבים...

באַווייזן זיך דערווייל פייערלעך אין חנניאס אויגן:

— וואָס איז טייטש, רבי?

— עס איז טייטש, אַז איינער פאַרשעמט זיין חבר, ברבים — צווישן מענטשן — פאַרלירט ער זיין חלק עולם הבא!

ווערט חנניא נאָך מער דערפרייט.

— הייסט עס — זאָגט ער — רבי, אויב איך וועל אָפּקומען, און די קללה וועט אראָפּ פון מיין נשמה, וועל איך אליין קיין חלק לעולם הבא נישט האָבן און לערנען וועל איך תורה טאַקע לשמה, נישט האָפנדיק אויף שכר...

הלוואי, רבי, הלוואי!

ר' חייאס האַרץ זאַפּט איין זיינע ווערטער ווי שמעקענדיקן בוימל.

— אָבער זיי — טענהט ער — די תלמידים? ווי קען איך זיי לאָזן שטרויכלען און פאַרלירן עולם הבא.

בלייבט חנניא אַ ווײַלע שטיל און דערנאָך פרעגט ער:

— און ווי איז, רבי, אז איך בין זיי מוחל, פאָרויס מוחל...

— „למפרע“, הייסט עס! — טייטשט זיך אויס ר' חייא, און נעמט חנניאן אָן ביי דער האַנט און פירט אים מיט זיך אין ישיבה אַריין, און זעצט אים לויט זיין פאַרלאַנג באַזונדער, נאָר אָן אַ זייט פון די תלמידים און ר' חייא זאָגט דעם שיעור, און, פון צייט צו צייט, וואַרפט ער

אַן אויג אויף חנניא'ן. זעט ער, ווי דער בחור זיצט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, נאָר אָפֿענע אויערן, און הערט זיך איין צום שיעור, און זיין פּנים רייטלט זיך, ווען ער כאַפּט אַ וואָרט, און ווערט בלאַס פֿאַר שרעק, אַז עס ווערט אים עפּעס פֿאַרלאָרן. און טייל מאָל פֿאַלט אויף אים אַ מרה־שחורה, ווען ער קען אפילו דאָס טייטש־וואָרט נישט כאַפּן. דערמאָנט עס ר' חייאן אָן אַ פֿאַרשמאַכטן קעמל, וואָס בלאָנדזשעט אין מדבר, און האָט יסורים פֿון דאָרשט, און נחת דערפֿון, וואָס עס הערט פֿון ווייטנס אַ קלאָר ריזלען פֿון אַ קוואַל...

און אַמאָל הערט ער, ווי די תּלמידים מורמלען צווישן זיך וועגן חנניאן, טייטן אויף אים מיט די פֿינגער, און זיין אויער כאַפּט בלבולים ווי בור, עם־הארץ... האָט ר' חייא גרויס צער דערפֿון, און דאָך שרייט ער אויף זיי נישט אָן, ווייל ער זעט, ווי חנניא הייבט דעמלט אויף די אויגן און קוקט אויף די תּלמידים, וואָס ווילן אים פּייניקן דערמיט, מיט פֿרייד, מיט ליבשאַפֿט, גלייך זיי וואָלטן אים די גרעסטע טובה געטון... זאָגט ער ווייטער דעם שיעור...

און ר' חייא זאָגט, און די תּלמידים פֿרעגן קשיות, און ר' חייא ענטפֿערט, און מען אַמפּערט זיך, נאָר איין חנניא שווייגט, ער זאָל קיין פֿאַרע פֿון מויל נישט אַרויסלאָזן, און פֿירט מיט קיינעם קיין חברותא נישט. און דאָס מסירת נפֿש, מיט וועלכן ער לאָקערט אויף יעדעם וואָרט, איז צעגאָסן אויף זיין פּנים... און אַז דער שיעור ענדיקט זיך, גייט ער אַרויס דער לעצטער, און די פּאָר שעה פֿאַר מנחה, גייט ער אַביסל אַרום איינער אַליין און אויף אָפּגעלייגטע און פֿאַרוואָקסענע וועגן, ביז ער קומט צו צו אַ פֿאַרגעסענער סוכה צווישן אָלעאַנדער ביימער און זעצט זיך דאָרט אין התבודדות און קומט ערשט אַרויס צו מנחה־צייט.

איינמאָל, קומט דער ריש־דוכנא צו ר' חייאן, זיך אַן עצה האַלטן. צי ער איז נישט מחויב, גיין איבערבעטן דעם בחור חנניא.

— וואָס איז פֿאַר אַ נייעס? — פֿרעגט ר' חייא — האָסט זיך ווייטער געבייזערט?

— חס ושלום! — זאָגט דער ריש־דוכנא — און דערציילט אים, אַז ווען עס קומט אים אויס פֿאַרבייצוגיין ביי דער סוכה צווישן די אָלעאַנדער ביימער, הערט ער פֿון סוכה אַרויס חנניאס קול — אָדער ער חזרט זיך

איבער די ווערטער פון שיעור מיט עברי־טייטש, אָדער ער איז מתפּלל צום הימל מיט גרויס געבעט און דבקות, און רופט אַלץ איינאײנעם, תורה תורה — תורה! ווי אַ הונגעריקער בעט זיך ברויט...

— זע איך, — זאָגט דער ריש־דוכנא, — אַז עס איז אַ גרויסער בעל־תשובה, האָב איך מורא, צי האָב איך אים דעמאָלט נישט מבייש געשטעלט און צי איך וועל נישט האָבן קיין עונש דערפאַר.

האַלט אים ר' חייא דערפון אָפּ, ווייל ער ווייסט, אַז חנניא דאַרף נאָך אַלץ אַפּיקומען; נאָר ער האָט גרויס הנאה דערפון, וואָס מען הייבט אָן אויפן בחור חנניא אַ מבין צו זיין; בפרט, אַז ער האָט באַמערקט, אַז אפילו די תלמידים פון ישיבה קריגן פאַר אים, נישט־ווילנדיק, דרך ארץ...

און ער קלערט ווייטער: צי איז עס נישט מרימם באַשערטער? און ענטפערט זיך מיט צער: פאַרט אַן עם־הארץ.

איינמאָל גייט ר' חייא אומישנע פאַר מנחה אַראָפּ צו חנניאן אין סוכה, אויסצופאָרשן, ווו ער האַלט אין לימוד.

— ביסט שוין עפּעס תופס? — פרעגט ער.

— דערווייל נאָך נישט, רבי! די זכיה האָב איך נאָך נישט געהאַט, נאָר הערן הער איך, וואָס אַמאָל מער, וואָס אַמאָל שאַרפער און באַהאַלט אין זכרון וואָס אַמאָל מער טייטש־ווערטער.

שווייגט ר' חייא און זיפצט.

און חנניא בעט זיך רחמים:

— רבי, איר האָט דאָך געזאָגט „ישיהנה" — דאָס וואָרט איז מיר געבליבן אין זכרון, עס לייבט אין מיין פינצטערער נשמה, ווי אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן... לאָזט מיך רעדן פאַר אייך!

— אדרבא! — איז ר' חייא מסכים.

— רבי, מיט מיר געשעט עפּעס וווּנדערלעכס! אין אָנהייב, באַלד דעם ערשטן טאָג, אַז איך בין געזעסן פאַר אייך מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָב געלאָקערט מיט אָפענע אויערן, זיי זאָלן, חלילה, קיין וואָרט נישט פאַרלירן, — אַזוי ווי איך האָב די אויגן פאַרמאַכט, האָט זיך מיר אָנגעהויבן האַכטן, אַז איך גיי נאָך אַלץ אַרום און בלאָנדזשע אין מדבר, און בין פאַרשמאַכט, און די צונג איז מיר צוגעקלעפּט צום גומען פאַר דאָרשט. נאָר פון ווייטנס הער איך, ווי עס ריזלט אַ קלאָר, קלאָר וואַסער, מיט אַ זיס, היימיש קול, וואָס קלינגט ווי אַ בשורה טובה, אַ פריש נחת פאַר דער נשמה... און איך האָב געפילט, אַז גאָטס רחמנות וועקט זיך איבער מיר, און פירט מיך אויפן גלייכן וועג צום קוואַל, און איך גענען מיך צו אים,

צום לעבעדיקן וואַסער, און דער קוואַל גענענט זיך אויך צו מיר און קומט מיר אַנטקעגן! און איך ווייס דאָך, ווער דער קוואַל מיט זיין לעבעדיק וואַסער איז, איך האָב דאָך אַמאָל פון אים געטרונקען, נאָר אַ שלעכטער מענטש האָט מיך איבערגעדייבערט און אוועקגעפירט פון קוואַל צו שלעכט וואַסער, צו פאַרסמט וואַסער, און איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז טוי פון הימל... און אַ ציגנד האָט מיר גאָט געהאָלפן. איך גיי צוריק, און דער קוואַל קומט מיר אַנטקעגן, ער אַליין העלפט מיר, און דער בטחון שטאַרקט זיך אין מיר, איך גיי מיט אַלע כוחות... און כאָטש איך קלעטער איבער שטיינער, בייגער און דערנער, פריי איך מיך און גיי... און גיי... און אַזוי ווי איך גיי צום קוואַל, אַזוי גענענט זיך דער קוואַל צו מיר.

— אמן, זאָל דיר גאָט העלפן! — ווינטשט אים ר' חייא.

— און זיצנדיק אַליין אין סוכה, פאַרטראַכט איך מיך אַמאָל, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין געווען ווי אַ שטייג, פול מיט זינגענדיקע פייגל, און די פייגל האָבן גאָטס לויב געזונגען, זיין שבח געשפילט... דערנאָך איז געקומען אַ כישוף־מאַכער, און האָט די פייגל אַ כישוף אָפּגעטון, און זיי האָבן אָנגעהויבן אַנדערע ניגונים צו זינגען... חוצפהדיקע אויסגעלאַסענע... דער פּראָסטער עולם האָט זיך גישט פאַרשטאַנען דערויף, און געלויבט די שטייג און די פייגל אין שטייג, ביז עס איז אַמאָל דורכגעגאַנגען אַ צדיק אַ גרויסער, און איז צוגעגאַנגען זען, וואָס מען זינגט פון שטייג אַרויס פאַרן עולם. האָט ער געהערט, און זיין אויער האָט באַלד געכאַפּט דעם אמתן תוך פון די ניגונים. ער האָט דערהערט אין זיי אַלערליי קולות פון תאווה, פון נבול־פה, און אז ער איז צוגעגאַנגען נעגטער צו דער שטייג און געזאָגט: איידער אַזוי צו זינגען, פאַרשטומט בעסער, פייגל! און ער האָט אַ בייזן בלאָז געטון און דער שטייג אַריין מיט אַ בייזן, קאַלטן אָטעם, און תוך כדי דיבור זענען די פייגל ווי פאַרכישופט און פאַרשאָלטן געוואָרן, און זענען פאַרשטומט און פאַרפרוירן אַראָפּגעפאַלן אויף דער פאָדלאָגע פון שטייג, און זיי ליגן דאָרט צונויפגעקוילט, מיט פאַרוויקלטע פליגל, מיט פאַרשלאָסענע שנאָבלען און פאַרמאַכטע אויגן, ווי טויטע...

און אַז איך הער מיך איין צו אייער שיעור, און כאַפּ אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, וועקט יעדעס וואָרט אין מיר אויף אַן אַנדער פייגעלע, עפנט עס זייגע אייגעלעך און זיין מיילעכל און הייבט אָן זינגען מיט אַ שוואַך קול, מיט אַ שטילס, נאָר גוטע ניגונים; פרומע, ערלעכע ניגונים... און רירט שטיל מיט די פליגעלעך... אָט, אָט וועט עס פליען.

— זעסט, חנניא, גאָט האָט רחמנות — טרייסט אים ר׳ חייא.
לאָזט זיך אָבער חנניא נישט טרייסטן.

— דאָס אַלץ — קלאָגט ער זיך, איז אָבער נאָר בייטאָג... און אַזוי ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ, לייגן זיך די שאָטנס פון דער נאַכט צוריק אויף מיין נשמה... אַלץ אין שטייג ווערט צוריק פאַרשטומט, פאַרפרוירן, און וואָס עס האָט מיט אַ פליגל גערירט, ווערט געליימט און פאַלט צוריק אַראָפּ ווי טויט, מיט אַ פאַרשלאָסן מיילעכל, מיט פאַרמאַכטע אויגן...

האָט ר׳ חייא דערפון גרויס צער, זאָגט ער אים: גיי, מיין קינד, דאַווענען מנחה... איך וויל דאָ בלייבן און אויף דיר מתפלל זיין...

קוקט אויף אים חנניא מיט גרויס ליבשאַפט און דאַנק, און גייט אַרויס פון סוכה.

ר׳ חייא בלייבט אַליין, ער דאַווענט אָפּ מנחה ומעריב אין סוכה און וויל אַרויסגיין אין גאָרטן אַריין, מתפלל זיין פאַר חנניאן אונטערן הימל. קומט ער צו צו דער שוועל פון סוכה, דערזעט ער, אַז אַ פאָר טריט אינגאַנצן פאַר דער סוכה האָבן זיך צוויי שלאַנגען אַרומגערינגלט אַרום צוויי נאָנטע אָלעאַנדער ביימער, און זיי האָבן איינע קעגן דער אַנדערער אויסגעבויגן די פיסקלעך אַזוי, אַז די גיפט קעפּעלעך האָבן זיך כמעט אָנגערירט.

קאָן ר׳ חייא אַלע חיות ועופות פון זיין גאָרטן: הן די, וואָס פליען הויך אונטערן הימל; הן די, וואָס ליגן אויף די ביימער צווישן די צווייגן; הן די, וואָס קריכן אַרום איבער די בלעטער פון אַלערליי נידעריקע פלאַנצן און אויף די בייטן פון אַלערליי קרויט; ווי אויך די, וואָס פּרוכּפּערן זיך נידעריק אין גראָז. דערקענט באַלד ר׳ חייא, אַז איין שלאַנג איז אַ היימישע שלאַנג, די צווייטע, וואָס הייסט „עכנאי“, איז אַ פרעמדע שלאַנג, וואָס ער האָט נאָך דאָ נישט געזען. וויל ער וויסן, נאָך וואָס איז זי אַהער געקומען. ציט ער זיך צוריק אַריין אין שאָטן פון דער סוכה, הערט ער, ווי דאָס זעלביקע פרעגט די היימישע שלאַנג. און די פרעמדע ענטפערט איר:

— איך בין געקומען דאָ עמעצן בייסן.

שמייכלט די היימישע שלאַנג:

— אומזיסט איז דיין טרחא! איך בין דאָ שוין לאַנג אַ היימישע, און געקומען בין איך אַ ברענענדיקע שלאַנג, אַ מרשעת, און פלעג בייסן די תלמידים פון ישיבה. מיט דער צייט האָב איך אָבער אויפגעהערט צו

בייסן. און ווייסטו פאַרוואָס? ווייל ר׳ חייא, דער ראש פון דער ישיבה, איז אַמאָל אַ סוחר געווען, און געמאַכט אַמאָל ווייטע נסיעות איבער דער וועלט, און פון אַלע שייכן, וואָס האָבן שבע חכמות בירושה, און מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפן אויפן וועג, האָט ער זיך אויסגעלערנט צווישן אַנדערע חכמות אויך חכמת הרפואה... און זיי האָבן אים אָנגעוויזן און ער האָט זיך געבראַכט פון ווייטע אינדזלען גראָז אויף רפואות קעגן אונדזער בייסן... איך בייס, און ער היילט... זע איך, אַז איך אַרבעט אומזיסט, האָב איך אינגאַנצן אויפגעהערט צו בייסן...

— נאַריש! ענטפערט די פרעמדע שלאַנג. — גראָזן — זאָגט זי — העלפן נאָר דעמאָלט, ווען אַ שלאַנג בייסט מדעת עצמה, פאַר שנאה, וואָס קומט נאָך אַרויס פון דעם „ואיבה אָשית“ — פון דער גאָטס קללה אויף מענטשן און שלאַנגען, פאַרן חטא אין גן־עדן... האָט ער אָבער, דער רבונו של עולם, אַ טבע, מקדים צו זיין רפואה למכה, און נאָך איידער ער האָט באַשאַפן דעם גיפט פון שלאַנגען, האָט ער געהייסן, אַז די ערד אויף די אינדזלען, וווּ אַלע שלאַנגען זענען זיך פרה ורבה, זאָל אַרויסשפּראָצן אַלערליי גראָזן אויף רפואה... דערפאַר אָבער האָב איך קיין פחד נישט: איך קום נישט מיט מיין אייגענעם ווילן, נישט אויס רשעות וועל איך בייסן; איך קום אין שליחות פון מלאך־המות, וואָס האָט מיך געשיקט מקיים צו זיין אַ פסק אויף אַ חייב־מיתה.

— ווו האָסטו דאָ אַ חייב־מיתה? סאַמע תלמידי חכמים, צדיקים!... —וווּנדערט זיך די היימישע שלאַנג.

— אָט דער בחור חנניא, וואָס האָט יעדן טאָג דאָ התבודדות אין סוכה, איז חייב מיתה.

— ווי איז מעגלעך?

— זעסט דאָך! ער האָט מבייש געווען אַ תלמיד־חכם, אליהו הנביאס אַ תלמיד... און — ברבים... אין טאָג פון תלמיד חכמס חופה! און אַ שטיקל פסק האָט ער באַלד באַקומען: דער ראש־ישיבה פון ירושלים, וואָס איז דערביי געווען, האָט אים פאַרשאָלטן, ער זאָל פאַרגעסן דאָס לערנען, און אַרויסגעגעבן אַ תשובה, ער זאָל ווערן אַ נע־ונד, טראָגן לייוונטענע קליידער, מיט אַ פראָסטן האַנפענעם גאַרטל אויף די לענדן. און האָט אים געגעבן אין דער האַנט אַריין אַן אָפּגעשיילטן צווייג פון אַ מאַנדל־בוים, און געזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט דערמאָנען דאָס לערנען, ביז דער שטעקן וועט נישט אויפבליען!

— הייסט עס — לעולם ועד! מאַכט די היימישע שלאַנג.

— דאָס קאָן מען נישט וויסן! — ענטפערט די פרעמדע, — נאָר אין הימל איז מען אויף דעם פסק נישט באַשטאַנען! דאָס איז ווייניק, האָט מען געזאָגט; מען דאַרף אים צונעמען דעם חלק לעולם הבא. האָט זיך אָבער דער שר־התורה אַנטקעגן געשטעלט, ניין און ניין! איז געבליבן, אַז מען זאָל אים געבן אַ כפרת עון... זאָל דער בחור חתונה האָבן מיט אַ בת טובים, לפי מעלתו, און צום אַכטן טאָג נאָך דער חופּה זאָל ער שטאַרבן... האַלב וועט מכפּר זיין די חופּה מיט די שבע ברכות, די אַנדערע העלפט — די מיתה... און ווייל אַ בת־ישראל וועט ווערן, אָן איר חטא און שולד, אַ פריע אלמנה, על כן זאָל זי דערפאַר געבענטשט ווערן מיט אַ בן זכר, וואָס וועט אַרויסקומען אַ גאון עולם, אַ מאור הגולה באמת...

די שלאַנג איז שוין מיד געוואָרן רעדנדיק, זי האָט נאָך אפשר קיינ־מאָל נישט מיט אַמאָל אַזוי פיל גערעדט, בעט זי זיך ביי דער חברטאָרין, זי זאָל זי פירן צום וואַסער. וויקלען זיך די שלאַנגען אָפּ און גייען אַוועק... און אויף ר' חייאן פאַלט אַ גרויסע שרעק...

וואָרום ר' חייא איז צו אַ גרויסן נסיון געקומען: וועט ער חנניאן נישט חתונה מאַכן, וועט ער גיין קעגן דער השגחה פּרטית און חנניא וועט זיך קיינמאָל נישט דערמאָנען דאָס לערנען... יאָ חתונה מאַכן? טויט ער אים מיט די אייגענע הענט! און ווי קאָן ער נעמען אַ בת־ישראל און ברענ־גען פאַר אַ קרבן? מאַכן אַכט טאָג נאָך דער חתונה פאַר אַן אלמנה?

קוקט ער אין הימל אַריין; דער הימל שווייגט. נאָר דאָס האַרץ אין ר' חייאן הייבט אָן שטאַרק צו קלאַפּן און צו צאַפּלען; און ער הערט בחוש אַ קול פון האַרץ אַרויס:

— חייא, זיי מקריב דיין טאָכטער, דיין בת יחידה מרים... אברהם אבינו וואָלט זיך ג י ש ט מיישב געווען...

נישט אַזוי לייכט איז אָבער מקריב צו זיין אַן איינציקע טאָכטער. דערמאָנט ער זיך, אַז שרה די צדיקת האָט אים צוגעזאָגט צו קומען צו חלום, אַרויסצופירן פון ספקות, הייבט ער אויף צום הימל די אויגן און איז מתפּלל וועגן דעם...

און אַזוי ווי ער איז מתפּלל, וויקלט זיך אָפּ דער וואָלקן פון הימל, און עס באַווייזן זיך מיליאָנען שטערנדלעך מיט אַמאָל, און זיי ווינקען צו אים מיט חסד, מיט בטחון, מיט אַ גוטן צוזאָג!

ר' חייאס תפילה איז אויסגעהערט געוואָרן. איינמאָל פאַרנאַכט, נאָך אַ תענית, זיצט אַזוי ר' חייא אויף דער שטול, קומט אויף אים אַ חולשות הלב, פאַרמאַכן זיך אים די אויגן, און ער דרעמלט איין, און באותו הרגע

באַווייזט זיך אים שׂרה די צדיקת. זעען זעט זי אוים פּונקט ווי בשעת פּטירה, און קוקט אויף אים מיט די זעלביקע חן־וחסד שטראַלנדיקע אויגן און זי לייגט אים מיט גרוים ליבשאַפט די רעכטע האַנט אויפן אַקסל, און זאָגט אים:

— זאָרג נישט, חייא, אונדזער טאָכטערס מזל שיינט ווי די זון, פאַרלאָז דיך אויף א י ר...

ווילֿ ער זי איבערפרעגן, ווערט די צדיקת פאַרשוווּנדן, און עמעץ, פילט ער, וועקט אים... עפנט ער די אויגן אויף, דערזעט ער, אַז מרימל, זיין איינציקע טאָכטער, שטייט פאַר אים, און לייגט איר רעכטע האַנט אויף דעם אייגענעם אַקסל, וווּ איר מוטער די צדיקת האָט איר האַנט גע־האַלטן, און זי זאָגט אים:

— טאַטעשי, זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיך געוועקט... די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, די לבנה איז שוין אַרויפגעשוווּמען אויפן הימל און די שטערנדלעך האָבן זיך צעפלאַקערט, — שוין צייט, זאָלסט עפּעס טועם זיין, טאַטעשי...

זעט ר׳ חייא, אַז עס איז אַ המשך פון חלום; נעמט ער זי אָן מיט ליבשאַפט ביי דער האַנט, און דריקט זי צו צום האַרץ, און זאָגט איר:

— טאָכטערשי, איך וועל נישט טועם זיין, ביז איך וועל דיך נישט פרעגן, און דו וועסט מיר נישט ענטפערן דעם אמת.

זעט ר׳ חייא, ווי זי רייטלט זיך, זאָגט ער ווייטער:

— טאָכטערשי, דער סדר עולם איז, אַז בנוגע צו געוויסע מחשבות, אַנטפלעקט אַ בתולה איר האַרץ נאָר פאַר דער מוטער. ביסטו דאָך אָבער, טאָכטערשי, אַ יתומה, בין איך דיר, — ווי איך האָב דיין מוטער, דער צדיקת, צוגעזאָגט, — אי אַ פאָטער אי אַ מוטער, מוזטו מיר דעם ג אַ נ צ ן אמת זאָגן. ג אָ ר נ י ש ט איבערלאָזן אין האַרץ...

באַהאַלט מרימל איר פּנים אויף זיין ברוסט און זאָגט שטילערהייט:

— פרעג, טאַטעשי.

זאָגט ער איר: זע, טאָכטער מיינע! יאָרן ציען, איך בין שוין נישט יונג... די באָרד מיינע איז ווייס ווי דער שניי אויפן באַרג חרמון — און וואָס וועט זיין, טאָכטער, אַז מען וועט מיך רופן צום בית־דין של מעלה, און צו דער מאַמען דיינער, — אויף וועמעס באַראַט וועל איך דיך אי־בערלאָזן?

— טאַטעשי, רעד נישט דערפון... איך וויל שטענדיק טון דיין רצון...

פרעגט ער זי:

— מרימל, ווילסט זיין מער צדייקת, ווי רבקה?

שמייכלט מרימל: ניין.

— און אז אליעזר עבד אברהם איז געקומען רעדן רבקהן א שידוך מיט יצחקן, שטייט: „ושאלו את פי הנערה“, האָט מען רבקהן געפרעגט, צי זי וויל גיין מיט דעם מענטש מיט אליעזרן, הייסט עס, האָט זי זיך נישט געשעמט און געענטפערט: הן, — איך וויל!

— פרעג, טאַטעשי! אַז דו ווייסט, וועל איך דיר ענטפערן.

פרעגט ער זי כהאי לישנא:

— זאָג מיר דעם אמת, מרימל. וועלכער פון מיינע תלמידים וואָלט דיר אַמבעסטן געפעלן פאַר אַ מאַן?

— חנניא! — ענטפערט מרימל שטיל. אַזוי שטיל, אַז נאָר אַ פּאַטערם אַן אויער האָט געקאָנט אויפכאַפּן דעם נאָמען.

ווערט ר׳ חייא נבהל ונשתומם און פרעגט:

— און מיט וואָס געפעלט ער עס דיר, טאָכטער? האָסט גערעדט מיט אים?

ענטפערט זי:

חס ושלום! און — ער וואָלט מיר דען געענטפערט?

שמייכלט ר׳ חייא און פרעגט:

— וואָס דען קינד? אדרבא, דערצייל.

און אַז ער זעט, אַז עס איז איר נישט לייכט צו רעדן, זאָגט ער:

איך בין אויף דיר גוזר בכבוד אָב!

דערציילט זי אים, אַז באַלד אין דער ערשטער רגע איז ער איר געפעלן. ערשטנס — דאָס קול; עס גיסט זיך אין איר האַרץ אריין, ווי כשרער בוימל! צווייטנס — די גבורה!

— גבורה? — וואונדערט זיך ר׳ חייא.

— אַוודאי איז אַ גבורה, אַז אַ בחור גייט אַרום אין לייוונטענע קליידער צווישן לייטישע חברים און שעמט זיך נישט, און האָט קיין מורא נישט...

— און שוין? — וואונדערט זיך ר׳ חייא.

— און פאַר זיין גוט האַרץ, וואָס קוקט אים, ווען ער הייבט די ברעמען אויף, פון די אויגן אַרויס. און זיין פרויער... עס כאַפּט אָן ביים האַרץ . . .

— קינד, ער קומט אָפּ . . . אַ זינד ליגט אים אויף דער נשמה!

— גאָט מוז אים מוחל זיין! — רייסט זיך איר אַרויס פון מויל מיט

בטחון — איך גיי אַמאָל פאַרביי דער סוכה, וווּ ער זיצט פאַר מנחה... הער איך זיינע תפילות! טאַטעשי. איז אַ מעגלעכע זאַך, מען זאָל אַזוי־גע האַרציקע תפילות נישט הערן?

גאָט איז אַ בעל־רחמים, טאָכטער!

— איך ווייס נישט זיין זינד... גאָר זיין תשובה איז גרויס! ס'ע ליגט אויף זיין פנים אַזויפיל חרטה, אַזויפיל האַרצווייטיק... טייַלמאָל — אַזאַ מרה־שחורה! מען מוז אויף אים רחמנות האָבן!...

— האָסטו נאָר רחמנות, טאָכטער?

— דאָס איז געווען דער אָנהייב, טאַטעשי... איך זאָל זיין — האָב איך אַמאָל געטראַכט — אויף דיין אָרט, טאַטעשי, וואָלט איך פאַר אים שטענדיק מתפלל געווען... דערנאָך האָב איך אַזאַ געדאַנק געהאַט: איך זאָל זיין אַ ברודער זיינער, וואָלט איך מיך פאַר אים מוסר־נפש געווען... און פּלוצלינג, טאַטעשי, — דו הייסט דאָך מיך זאָגן דעם אמת — האָט מיר אַ שטראָם היים בלוט צוגעשלאָגן צום האַרץ... עס האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז באמת מוסר נפש זיין קאָן זיך נאָר אַ ווייב! אַז דו ביסט אויף מיר גוזר, דערצייל איך דיר!,,,

— און איינמאָל, טאַטעשי, האָב איך וועגן דעם אַ חלום געהאַט.

עס איז געווען ל״ג בעומר. דו ביסט מיט דיינע תלמידים שפּאַצירן געפאָרן אויף דער שיף איבערן ים... חנניא אויך; דו האָסט אים גע־הייסן... און געזען האָב איך דורכן פענצטער, ווי טרויעריק ער איז אַרויף אויף דער שיף...

און איך בין איינע אַליין געבליבן... עס איז מיר אומעטיק געוואָרן איינע אַליין אין הויז און אַזוי טרויעריק... בין איך אַראָפּגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין. אין גאָרטן איז אויך געווען שטיל — קיין פויגל האָט נישט געזונגען... עס האָט קיין וואָרעם אין קיין בוים נישט געקלאַפּט... און איך בין וואונדערלעך טרויעריק און מיד געוואָרן... גיי איך צו די בלומען... שטייען זיי אַלע פאַרחלשט און געבויגן; עס איז אַ הייסער טאָג געווען... לייג איך מיך אויף אַ בייט ביי די ווייסע ליליען, מיט די הענט אונטערן קאָפּ, און קוק אַזוי אין הימל אַריין... און ווער אַזוי איינגעדרימלט, חלומט זיך מיר אַ חלום:

עס פליט אונטערן הימל אַ טויב... אַ ווייסע, שטילע, טרויעריקע טויב. און הינטער איר, — די טויב זעט עס נישט, — פליט נאָך אַ שוואַר־צער פויגל, מיט אַן אויסגעשטרעקטן שאַרפן שנאָבל און וויל שטעכן די טויב... קריג איך אויף דער טויב אַ ווילד רחמנות און הייב אָן רופן,

שרייען. די טויב הערט מיך נישט, שווימט ווייטער אין דער לופט, נאָך דער שוואַרצער פויגל דערשרעקט זיך און ווערט פאַרשווונדן אויף אַ ווײַ־לע... ער קומט אָבער צוריק, פליט האַסטיקער, הייבט אָן דעריאָגן די טויב... וועקט זיך אין מיר נאָך אַ שטאַרקער, נאָך אַ ברענענדיקער רח־מנות; שריי איך נאָך העכער. דער שוואַרצער פויגל דערשרעקט זיך נאָכאַמאָל, רוקט זיך אַביסל הינטערווײַלעכטס צוריק... און פליט נאָכ־אַמאָל צו... און אַזוי עטלעכע מאָל, ביז די טויב האָט מיך אויך דער־הערט, און לאָזט זיך אַראָפּ צו מיר און מאַכט צו מיר טרויעריק:

— וואָס שרייסטו קינד!

ענטפער איך:

— איך יאָג אָפּ פון דיר דעם שוואַרצן פויגל, וואָס דו זעסט נישט. און וואָס וויל דיך טייטן!

ענטפערט מיר די טויב מיט מרה־שחורה:

— נישט ער וויל, ער מוז מיך טייטן... איך בין א חייב מיתה... און ער וועט מיך טייטן, אויב עמעץ וועט זיך נישט פאַר מיר מוסר נפש זיין! דאָס אָבער — זאָגט זי טרויעריק — וועט קיינער נישט טון!

— איך! — שריי איך אויס צו דער טויב. — איך וועל עס טון!

— און וועסט קיין חרטה נישט האָבן?

— ניין! — איך שווער איר צו, אז ניין...

ניקט זי צו מיר, די טויב, מיט ליבשאַפט, שטייט א ווײַלע און פליט אַוועק. און אז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס עס באַטייט...

— די טויב איז ער — חנניא... און מוסר־נפש זיין, טאַטעשי, קאָן זיך נאָר א ווייב... און געשווירן האָב איך!

ווערט ר׳ חייא זייער טרויעריק און פרעגט:

— און ווי איז, אז דעם חנניא איז קיין אורך ימים נישט באַ־שערט? עס דאַרף נאָר פון זיינע לענדן אַרויסקומען אַ גאון, אָבער ער מוז אַוועקגיין יונגערהייט פון דער וועלט?

ענטפערט זי:

— וויפל עס איז אים יאָרן באַשערט, אַזוי פיל גוטע זאָל ער האָבן...

טרויעריק לייכטן אויף ר׳ חייאס אויגן, און ער פרעגט:

— און ווי איז, אויב עס איז אים נאָר באַשערט אַרויסצוגעבן פון

זיך א גאון־עולם... א גרויסן, גאָר א גרויסן — זיין לעבן אָבער איז אין הימל געשטעלט נישט אויף יאָרן, נאָר פון דער חופּה אָן, — אויף טעג —

— זאָל זיין טעג! אָבער גוטע זאָל ער האָבן!

— און דו ווילסט א יונגע אלמנה בלייבן?

— אָבער א געבענטשטע פון גאָט!

בלייבט ר' חייא זיצן, נישט פארשטייענדיק די גבורה פון יונגן קינד.

„א הימל־זאך" טראכט ער.

און זי לייגט אים נאָכאמאָל די האנט אויפן אקסל און מיט אויפ־געהויבענע אויגן, און מיט א קול פון א נביאה זאָגט זי:

— איך האָף אָבער, אז דער גזר־דין, וואָס הענגט איבער אים, וועט בטל ווערן! — איך וועל פאר אים מיין לעבן אוועקגעבן.

— ווי אַזוי טאָכטערשי?...

איך אליין ווייס נישט, ווייל איך ווייס דאָך נאָך נישט, פאר וואָס פאר א זינד ער דארף אָפּקומען. שפּעטער, וועט ער מיר שוין זאָגן.

און ר' חייאס שווערן הארץ בלייבט שוין קיין ספק נישט, אז עס איז א זיווג פון גאָט... „און גאָט — טראכט ער — פּרוווט מיך, נאָר איך וועל דעם נסיון באשטיין", און הויך זאָגט ער:

— מזל־טוב דיר, טאָכטער! אם ירצה השם וועלן מיר מאָרגן שרייבן תנאים.

מרים בייגט זיך איבערן פאָטערס האנט, און אז זי האָט זיך צוריק אויפגעהויבן, האָט זי ר' חייא כמעט נישט דערקענט. זי איז מיטאמאָל אזוי גליקלעך געוואָרן... שטראלנדיק איז זי מיטאמאָל געוואָרן.

— האָסט קיין פּחד נישט, מרים!

— ניין, איך פארלאָז מיך אינגאנצן אויף גאָט!

און איר קול האָט געקלונגען אזוי קלאָר און אזוי ריין, ווי קריסטאל...

ר' חייאס הארץ איז אָבער דאָך נישט אזוי רואיק... און אז די טאָכטער איז אַוועקגעגאנגען, האָט ער געשריבן בריוו צום ראש־ישיבה פון ירושלים און צום נשיא פון בבל.

און ער גיסט פאר זיי אויס זיין פארביטערט האַרץ:

„מאָרגן — שרייבט ער — וועלן זיין ביי מיין טאָכטער, מרים שתחי', תנאים... טיילמאָל דאכט זיך מיר, אז איך זעץ איר ארויף א

קרוין אויפן קאָפּ, און טײַלמאָל — אַז איך פיר מיין איינציק ווייס שע־פעלע, רחמנא לצלן, צו דער שחיטה...

„קעגן גאָט וויל איך אָבער נישט גיין — שרייבט ער; — מגביל זיין דעם זמן החתונה וועל איך א חודש...“

„איבער דער צייט ווארט איך פון אייך אַן עצה, א ראָט — און זייט פאַר מיר מתפּלל, און פאַר מיין טאָכטער, און פאַרן בעל־תשובה חנניא...“

אַן עומד בדבורו איז ר' חייא געווען.

דעם צווייטן טאָג האָט מען תנאים געשריבן. דער עולם האָט גע־גאַפט. די בחורים פון דער ישיבה זענען אויסער זיך: דעם עם־הארץ זאָל אַזוינס קומען! פאַר דרך־ארץ אָבער שווייגט מען.

און דער חודש גייט פאַרביי... קיין תשובה פון ראש ישיבה פון ירושלים און פון נשיא פון בבל האָט ר' חייא נישט באַקומען; נעמט ער עס אָן פאַר א שלעכטן סימן, רופט ער אין טאָג פון דער חופּה אַריין די טאָכטער, און זאָגט צו איר:

— זיי ווייסן, מרים, אַז אויף דיין חתן חנניא איז נגזר געוואָרן אַוועק־צוגיין פון דער וועלט דעם אַכטן טאָג נאָך דער חופּה...

און ער דערציילט איר, וואָס ער האָט געהערט פון דער שלאַנג, און אַז ער האָט קיין תשובה נישט פון די גדולי הדור, און זאָגט איר, אַז אויב זי איז נישט פעסט אין דער דעה, קען זי נאָך חרטה קריגן.

ענטפערט אים מרימל:

— איך בין פעסט, און מיין האַרץ איז פעסט, און אַז איך ווייס דעם גזר־דין, ווייס איך שוין, ווי אַזוי איך וועל אים מבטל זיין!

— דו! אין וועמעס זכות, אין וועמעס כוח? — קען זיך נישט אויס־וווּנדערן ר' חייא.

און מרימל זאָגט:

— אין כוח פון מיין אמונה... און אין זכות, דיר, טאַטעשי, צו לאַנ־גע יאָר, פון מיין מאַמען דער צדיקת, עליה השלום! און אין דיין זכות, טאַטעשי, אין זכות פון דיין תורה, מצוות און מעשים־טובים — —

בלייבט צו שטעלן אַ חופּה...

און עס איז אַ חתן־מאָל, זיצט דער חתן אין זיינע מלבושים, און רעדט נישט אַ וואָרט...

ר' חייא האַלט פאַר אים דרשה, און ער הערט זיך איין, מיט נחת און צער צוזאַמען...

פירט מען דעם חתן צו קבלת־פּנים, זיצט די כּלה אין לייוונטענע קליידער, אפּנים, שלא לבייש את החתן, און מיט אַ פּראָסטן טוך אי־בערן קאָפּ...

און אַז מען הייבט אויף דאָס טוך, שיינט אויף אַ פּנים, ווי אַ זון, אויגן קלאָרע, גלויבנדיקע, שטיל, נאָר טיף גליקלעכע!

לויפט זיך גאַנץ צפת צוזאַמען צו דער חופּה — שטייט דער חתן אונטער דער חופּה אין לייוונטענע קליידער, מיט אַ האַנפענעם שטריק אויף די לענדן, און מיט אַ וואַלד־שטעקן אין דער האַנט...

און מען פירט אַרום אים די כּלה אין וואָכעדיקע קליידער, שלא לבייש את החתן... און ר' חייא שטייט און שעפּט נחת און וויינט.

און אַז ער וויל פּאָרזאָגן דעם חתן „הרי את“ — פרעגט ער:

— וואָס טייטש?

און ר' חייא גייט צו און פּאַרטייטשט אים וואָרט ביי וואָרט...

און אַזוי פאַרטייטשט ער אים די ברכות און די כּתובה...

גאַפט מען.

נאָר אַז ר' חייא טוט אַזוי, מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער טוט...

נאָך מער געגאַפט האָט מען איבער דעם, וואָס דער חתן האָט קיין וואָרט תּורה נישט געזאָגט, אַפילו נישט ביי דער סעודה, און מען האָט דעריבער נישט אויסגערופן קיין דרשה־געשאַנק, אפילו נישט פון כּלהס צד..

און די שבע ברכות — עס איז געווען זומער־צייט — זענען אין גאָרטן געווען... אויף דער מיטעלער ברייטער אַלעע זענען געשטאַנען טישן פּאַר זכרים באַזונדער, און פּאַר ווייבער באַזונדער, און די כּלה איז געזעסן, ווו אַן אָרימע כּלה צווישן רייכע געסט; און דער חתן איז געזעסן ווי אַ שטומער צווישן אַלע למדנים און רבנים, וואָס האָבן גערדרשנט און גערעדט תּורה, און איבער אַלע — ר' חייא...

און ר' חייא, צי ער אַליין האָט געזאָגט, צי אַנדערע, איז אַלץ גע־זעסן אומרואיק, און האָט עפּעס געזוכט אַרום און אַרום מיט די אויגן אויף דער ערד. צי האָט ער נישט חרטה אויפן שידוך? חס ושלום! ער זוכט נאָר מיט די אויגן די פרעמדע שלאַנג, און זעט, ווי דער „עכנאי“ דרייט זיך אַרום שטילערהייט צווישן די געסט, פון קיינעם נישט געזען, און לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון זיין קרבן — פון חתן חנניא...

און אין אָוונט, נאָך די לעצטע שבע־ברכות, האָט ר' חייא צוגערופן די טאָכטער און האָט איר געזאָגט מיט אַ משונהדיק קול:

— טאָכטער, מאָרגן איז דער יום־הדין. שטאַרק זיך!

— איך בין שטאַרק! — ענטפערט דאָס יונגע ווייבל, — איך בין געבענטשט פון גאָט! און — גיט זי צו מיט בטחון — איך וועל אים אויס־לייזן פון טויט...

זאָל דיר גאָט העלפן! — ווינטשט איר ר' חייא מיט הייסע טרערן.

— נאָר געדענק, —זאָגט זי, טאַטעשי, אַז מאָרגן דאַרף פריער זיין "ער" גנ! — דער שטעקן דאַרף בליען, זיין נשמה אויך! ער דאַרף זאָגן פאַר דיר אַ חילוק! קום צו אונדז גאַנץ פרי, טאַטעשי, פאַרשלאָף נישט!

טראַכט ער: צי וועל איך דען שלאָפן? און הויך זאָגט ער איר צו.

און צומאָרגנס, אַז ר' חייא איז געקומען צום פאָרפאָלק, איז שוין מרים געווען אָנגעטון, נאָר חנניא איז נאָך געלעגן אין בעט.

— זייט מיר מוחל, שווער, — זאָגט ער, — איך פיל מיך נישט בקו הבריאה... — און ער פאַרמאַכט די אויגן.

קוקט ר' חייא אויפן ווייסן שטעקן, וואָס שטייט חנניאן צוקאָפּנס, גלייבט ער זיינע אויגן נישט — דער שטעקן באַדעקט זיך מיט אַ גרינער הויט, די הויט — ווערט אָנגעדראָלן מיט אָדערלעך, באַדעקט זיך מיט קנאָספּן און הייבן אָן בליען... וויל ער זיך אויפהייבן און נענטער זיך צו־קוקן צום נס. דערזעט ער אָבער, ווי חנניאס פּנים ענדערט זיך, רייטלט זיך, און ער עפנט אויף אַ פּאָר שטילע, קלאָרע, געבענטשטע אויגן, אַן אַ צייכן פון קללה. — קוקט ער און גאַפט, זוכט ער מיט די אויגן די טאָכ־טער, צי זי זעט, איז אָבער מרימל שוין נעלם געוואָרן. און דערווייל עפנט חנניא די ליפּן און הייבט אָן דרשנען, און ר' חייא הערט און פאַרגעסט אָן אַלעם: אָן נס פון שטעקן, אָן דער טאָכטער, אָן „עכנאי" — דעם שליח פון מלאך המות; פּערל שיטן זיך חנניאן פון מויל: תורה און סתרי תורה, און ער עפנט פאַר ר' חייאן די טויערן פון אַ נייעם עולם התורה — אַ וווּנדערלעכער גאָרטן — אַ גן־עדן מיטן עץ הדעת, מיטן עץ החיים, און אַלערליי אַנדערע פּירות, און די ריינע ליכט פון שבעת הימים באַ־שיינט אַלץ און באַשיט מיט ריין גינגאָלד, און אַלע ביימער בליען, און מחנות פייגל זינגען צווישן די בלעטער און פּירות אויף די צווייגן — און עס בליט, און שפּראָצט, און זינגט, און שפּילט... חנניא רעדט, און ר' חייא דאַכט זיך, אַז די נשמה פון דער וועלט רעדט! צי חלומט ער נישט? ווייט און ברייט עפנט ער די אויגן — די אויערן זאַפּן איין ווונ־דערלעכע קולות. און מיטן אָפענעם מויל שלינגט חנניא די ווערטער פון

די ליפּן אַראָפּ, און אַ הייליקער, שטילער נחת ווײַזט זיך אים אין אַלע גלידער.

נאָך דעם תענוג פון ר׳ חייאן קענען מיר נישט באַשרייבן, בפרט נאָך אויף עברי־טײַטש. די סודות־התורה, וואָס חנניא האָט מגלה געווען, הלא הם כתובים על ספר הישר — אין חנניאס ספר, וואָס ר׳ חייא האָט אַרויסגעגעבן מיטן גאָלדענעם שניט. ווען מיר דערציילן פֿאַרלאָזן די גאונים, און זען, וואָס די צדיקת מרימל טוט.

אַזוי ווי זי האָט דערזען, ווי דער שטעקן הייבט אָן בליען, און דער פֿאָטער, ר׳ חייא, איז פֿאַרקוקט אויפֿן שטעקן, האָט זי געכאַפּט דעם מאַנס לייוונטענע מלבושים און איז פֿון שטוב אַרויס... שטיל און לײַכט גייט זי אַרויס פֿון חדר, דער דיוואַן זאַפּט איין אין זיך אירע לײַכטע טריט... און זי לויפֿט איבער אַלע חדרים ביז צום לעצטן חדר, פֿאַר דער פֿאָדער־שטוב... קיין שום בן־אדם טרעפֿט זי נישט איבערן וועג. זי האָט נאָך נעכטן אָנגעזאָגט, עס זאָל זיך דאָ קיינער נישט באַווײַזן, ביז זי וועט רופֿן. און אַז זי קוקט זיך אום און זעט, אַז זי איז אַליין, וואַרפֿט זי פֿון זיך אַראָפּ די קליידער, „גאָט! — שעפּטשען אירע ליפּן — עס איז פּקוח נפֿש, זײַ מיר מוחל „שמלת־גבר“... און כאַפּט אויף זיך דעם מאַנס לייוונטענע מלבושים, און לויפֿט צו און עפֿנט די טיר, און זעצט זיך אויף דער שוועל פֿון פֿאָדער־שטוב אין גאָרטן אַרײַן. אַזוי זיצט זי אַ ווײַלע שטיל און קוקט אויף דער אַלע וואָס ציט זיך פֿון דער הויז־טיר, ווײַט, ווײַט און ווערט פֿאַרלוירן צווישן די אָלעאַנדער־ביימער...

און אירע ליפּן שעפּטשען תּפילות ותחנונים צום בורא עולם, ער זאָל אָננעמען איר קרבן; און זי דערהערט, ווי דער „עכנאי“ וויקלט זיך אָפּ פֿון אָלעאַנדער־בוים און לאָזט זיך איבערן וועג, נעמט זי געשווינד און פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט, זעט זי אויס כּהוויה ווי דער מאַן חנניא. און לאָזן לאָזט זי נאָר איבער אַ דין שפּעלטל צווישן די פֿינגער, און קוקט, ווי די שלאַנג רוקט זיך און רוקט זיך... און דער „עכנאי“ רוקט זיך פּאַמעלעך, בנעימות, נאָר זיכער. ער ווייסט, אַז זײַן קרבן וועט אים נישט אַנטרינען! — און אַז ער דערזעט חנניאן (אַזוי מיינט ער), ווי ער זיצט זיך רואיק אויף דער שוועל, דאָס פּנים פֿאַרשטעלט, טראַכט ער: דער קרבן זיצט שטיל. און דאָס האַרץ זאָגט אים שלעכטע נביאות. און ער איז מתפּלל, אָדער ער זאָגט ווידוי... שטעקט ער דאָס גיפֿט־געפֿעלע פֿון מויל אַרויס און האַלט עס גרייט, דאָס כּלי־זין! און מרימל זעט עס. און זעט, ווי דער „עכנאי“ הייבט זיך אָן שטאַרקער צו רוקן; די

תאווה פון אַ שלאַנג צו בייסן האָט זיך אין אים דערוועקט; און זי הערט שוין דאָס רייבן מיטן בויך איבערן זאַמד, און זיין סאַפּען... און אַז ער קומט נאָענט, און זיינע הויט־פלעקן זעען זיך שוין קלאָר, פאַרמאַכט מרימל דאָס דינע שפּעלטל פון צווישן די פינגער, און בעט אין שטילן האַרץ אָן אָטעם: — רבונו של עולם, נעם אָן מיין קרבן"... און הייבט אָן ווידוי זאָגן... שטיל, אָן אָטעם, אָן אַ ציטער מיט די ליפּן... נאָר איי־דער זי ענדיקט ווידוי, דערפילט זי דעם ביס... און פאַלט אַרונטער אַף דער שוועל און רופט:

רבונו של עולם, זיי מיר מוחל פאַרן גאון, וואָס דו האָסט מיר גע־וואָלט געבן!... זאָל לעבן חנניא אויף זיין אָרט! — און הייבט אָן גוססן, און די נשמה שיידט זיך אָפּ מיט גרויס יסורים פון יונגן גוף.

איז אָבער גאָט — דער גאָט פון משפּט!

און אַז די נשמה מרימלס איז אַרויף אויפן הימל, האָט מען געוואַרט אויף איר, דאָס הייסט: אויף חנניאס נשמה... צדיקים זענען פון גן־עדן אַרויס!

און אַז מען פירט זי צום בית־דין, גיט מען אַ פרעג, — אָבי מקיים צו זיין דעם מנהג, ווייסן ווייסט מען דאָך:

— עסקת באמונה?

ענטפערט מרימל:

— איך האָב קיינמאָל נישט געהאַנדלט — —

— האָסטו געלערנט תורה?

צעשמייכלט זי זיך מיט חן:

— רבונו של עולם, האָסטו דען געהייסן ,יידישע טעכטער זאָלן לער־נען דיין תורה?

ווערט גערודער.

— ווער ביסטו? ווער ביסטו?

זאָגט זי: מרים בת שרה וחייא, אשת חנניא!

ווערט אַ רעש... דערגייט מען, אַז זי האָט זיך עם פאַר איר מאַן מו־סר נפש געווען! אַז „עכנאי" האָט זיך געלאָזט נאַרן. שרייט מען צו דער נשמה:

— גיי, לויף געשווינדט צוריק אַראָפּ, גיי צוריק אין דיין גוף אַריין, איידער מען רירט אים פון אָרט!

ווײַל זי נישט, מרימל! צוויי מאָל ליידן יסורי מות — זאָגט זי — איז קיינער נישט מחויב... נייערט, — שטעלט זי אַ תנאי — אַז מען וועט אָנעמען איר טויט פּאַר חנניאס טויט! ער זאָל לעבן!

ווערט אַ געשריי אין פּמליא של מעלה:

— מסכים! מסכים! — מען האָט מורא צו פאַרשפּעטיקן!... און מרימס נשמה קומט תוך כדי דבור צוריק אין גוף אַריין, און זי הייבט זיך אויף אפילו אויסגעהיילט פון דער וווּנד, כלא היה, און לויפט אַריין מיט פרייד צו די צדיקים מיט גרויס שמחה און דערציילט זיי, וואָס מיט איר האָט זיך געטראָפן. און באותו רגע זענען אָנגעקומען צוויי משולחים מיט צוויי בריוו, איינער פון דעם ראש־ישיבה אין ירושלים, און דער צווייטער פון נשיא פון בבל, און איןביידע בריוו איז מער נישט געשטאַנען ווי איין וואָרט:

— מזל־טוב!...

וועגן דעם גאון, וואָס איז ארויסגעקומען פון דעם זיווג, און וועגן נחת, וואָס ר׳ חייא האָט נאָך פון אים דערלעבט, וועלן מיר, אם ירצה השם, דערציילן אַן אַנדערש מאָל.

מיר וועלן נאָר צוגעבן, אַז „עכנאין“, וואָס האָט זיך געלאָזט נאָרן, האָט מען פון דעמאָלט אָן אָפּגעשאַפט, און מען זעט אים נישט...

די ירושה

(אַנשטאָט אַ פֿאָררעדע)

מען האָט צו וויסן געטאָן דעם גערטנער, אַז די שענסטע, די ווייסעסטע ליליע, וואָס ער האָט געפֿלאַנצט און דערצויגן, די שענסטע פֿון זיין גאָרטן, זיין שטאָלץ און זיין פֿרייד, איז איבערנאַכט פֿארשוווּנדן —

דורכגעפֿלויגן איז אַ ווינט און האָט זי אַרויסגעוואָרצלט, מיטגעריסן, אַוועקגעטראָגן, און אין ווילדן טרייב געוויס ערגעץ אויפֿן וועג פֿאַרלוירן —

עס האָט אים ווי געטאָן, דעם גערטנער.

עס איז זיין ליבסטע בלום געווען — זיין שטאָלץ,-זיין טרייסט; האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ.

ביים ברעג פֿון ים ליגט אַ שיפֿער און שלאָפֿט... ער האָט זיך אין מילדן אָוונט געלייגט... אויף דער קייט האָט זיך שטיל זיין שיפֿל געוויגט, און שטילע זיסע חלומות האָבן איינגעוויגט דעם שיפֿערס האַרצרייסנדיקע בענקשאַפֿט...

אַריבער וועט די נאַכט... אָנהייבן בליען וועט דער טאָג... אויף די וועלן־רוקן וועקן זיך גלאַנצן, אָפּגלאַנצן פֿון מאָרגן־רויט אין מזרח — באַפֿרייען וועט ער דאָס שיפֿל! און פֿון נאַכט און פֿינצטערקייט דערלייזט, וועט ער אַריינשפּרינגען מיט לוסטיקער קראַפֿט, רודערן — די רעשטלעך שאָטן און שלאָף פֿון די וועלן־רוקן פֿאַריאָגן — פּערל וועלן אויפֿשווימען און אַרומרינגלען זיין שיפֿל.

העי! העי! אין דער ווייט, אין דער ברייט — איבער וועלן, איבער גלאַנצן, העט! העט! צו נייע ברעגן, צו נייע וועלטן! — —

און עמעץ גייט דורך, רירט׳ם אָן ביים אקסל:

— שיפער — דיר חלומט, און דער ווינט האָט זיינס געטאָן, ער האָט אָפּגעריסן די קייט! די צאָרניק־אויפגעבראַוזטע פאליע האָט דיין שיפל פארכאפּט און פארטראָגן — און דער הימל, דער הימל צאָרנט, און דער ים צערודערט זיך — רוק דיך אָפּ פון ברעג —

דער שיפער דערוואַכט.

און זיין האַרץ־ווייי דערוואַכט און זיין אייביקע בענקשאַפט...

די זון גייט אונטער, און דער פאַסטוך אין וואַלד קען זיך זיינע שאָף נישט דערציילן. איינס פעלט, איינס האָט זיך פאראירט... איינס — דאָס ווייסעסטע, דאָס יינגסטע און דאָס בעסטע...

ער רופט עס מיט די ליבסטע נעמען, מיט אן אומרואיקער פארבענקטער שטימע. פירפאכיק וואַרפט אים דער וואַלד זיין שטימע צוריק — דאָס שעפל ענטפערט נישט. פון אים קיין קלאַנג...

און די זון זינקט אַלץ טיפער און טיפער, דיקער און דיקער לייגן זיך די שאָטן, אין נעפּל פאַרוויקלען זיך די ביימער...

געשווינד טרייבט ער אַהיים די הערט, פאַרשפאַרט זיי, און כאַפּט א לאמטערן, צינדט׳ן אָן, און לויפט מיט הארצקלאַפעניש צוריק אין וואַלד אַריין, זוכן זיין געליבט שעפעלע, דאָס ווייסעסטע, דאָס בעסטע, דאָס יינגסטע — —

קומט ער אין וואַלד אַריין, ציטעריק־שטראַלנדיק איז דאָס שוואַכע פלעמל, און פלוצלינג וועקט זיך דער ווינט, גיט אַ יאָג און לעשט דאָס איינציקע ליכטל אוים — —

אין פינצטערניש און שרעק פאַרזונקען, בלייבט דער פאַסטוך אין וואַלד.

און דעם גלייביקן איז מען געקומען אָנזאָגן:

— אַ דונער האָט אַריינגעשלאָגן אין דיין הייליקייט... דיין גאָט, אָן וועלכן דיין נשמה האָט געהאָנגען, צו וועלכן דיין הארץ האָט געבענקט, דיין איינציקע האָפענונג און רעטונג, — דיין גאָט איז אַראָפּגעפאַלן און האָט

געפּלאַצט, און איז צעשטויבט געוואָרן... און אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבן און זיין שטויב אויפגעכאַפּט און צעשפּרייט און צעזייט.

צעריסן איז געוואָרן דאָס האַרץ ביים גלייביקן.

און איך בין דער גילגול פון די אַלע...

איך האָב געירשנט די ווייטיק פון גערטנער, פון שיפער, פון פּאַסטור, פון גלייביקן — דאָס אַלץ צעזעצט מיר די ברוסט.

איבער אַ שמעק טאַבאַק

אַז דער בעל=דבר איז געזעסן, אַ פוס איבער אַ פוס, מיט אַ ליבלעדזאַמען שמייכל, און האָט גלאַט אַזוי, האַלב געגעצנדיק געבלעטערט אין קאָנטאָ=בוך פון לעבעדיקע נפשות, האָט ער פּלוצלונג אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

ער איז צוגעקומען צום בעלעמער רבס קאָנטאָ — און קיין תמונת אות — אַ ליידיק בלאַט.

אויפן פּאַטש, פאַרשטייט זיך, זענען זיך דערווייל אָנגעלאָפן גיהנום=לאַפּיטוטן; זיי שטייען אין טיר, ווי די כלבים, מיט די צונגען אַרויס, און וואַרטן אויף אַ באַפעל.

— שיקט נאָר — הייסט דער בעל=דבר — עמעצן אַרויס געוואָר ווערן, צי דער בעלעמער רב האָט אריכת ימים.

די לאַפּיטוטן פאַרשווינדן אַזוי שטיל, ווי זיי זענען געקומען, און עס גייט נישט אַוועק קיין פערטל שעה, קומט אַ תשובה: געווען אין קאַמער פון לעבן; דעם בעלעמער רבס פּאָדים — כמעט נישט מיטן אויג צו דערזען — היינט=מאָרגן רופט מען אים!

— זאָל אַריינקומען דער שרייבער!

טאַנצט אַריין אַ גאָל=קעפּיק שרייבערל, מיט רויט=לויפנדיק=לוסטיקע אייגעלעך, הינערשע פיסעלעך. אַ קידה אַהין, אַ השתחויהלע אַהער; גיט זיך אַ זעץ אַוועק אויף דער שוואַרץ=ברענענדיקער סמאָלע=פּאָדלאָגע אויף טערקיש — די פיס אונטער זיך, כאַפּט אַרויס פון אַ ייִן זייט בוזעם=קעשענע כלי=כתיבה: אַ נייע קוואָענע פעדער פון דער נאָדל; אַ טינטער מיט רויטזידיק בלוט, אָפּגעצאַפּט פון הבא על הערוות, פון דער צווייטער זייט, און וויקלט אויף אַ פרנש אויסגעאַרבעט שטיקל אַפּיקורס=הויט, שפּייט זיך אָן אויף דער יד און וואַרפט אַן אונטערטעניקסטן בליק צום בעל=דבר: פאַרטיק!

גיט זיך דער בעל=דבר אַ בייג אויס אויף דעם פאָטער=שטול און דיק=

טירט. דאָס שרייבערל שטרעקט ארויס א צונג און מאכט א צוק נאָך א צוק. די פעדער לויפט און סקריפעט, און צום בית־דין של מעלה גייט א ראַפּאָרט כהאי לישנא:

„היות, אין פסוק שטייט: אין אדם בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא... און דאָ איז פאַראַן א כעלעמער רב, וואָס שטייט מיט איין פוס ביים קבר, און זיין בלאַט איז ליידיק! על כן, אויב מען וויל, עס זאָל בלייבן „משה אמת ותורתו אמת" — זאָל מען דעם כעלעמער איבערגעבן אין בעל־דברס רשות היינט"...

קומט, נאָך א קורצן ישוב, פון בית־דין של מעלה א תשובה: „עיין איוב, קאַפּיטל א' ".

פאַרשטייט שוין דער בעל־דבר, וואָס מען מיינט: טו מיט אים — הייסט עס — וואָס דו ווילסט, „רק את נפשו שמור" — לעבן זאָל ער. ווי לאַנג עס אים באַשערט.

איז אָבער נישט אזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך.

קיין אשה האָט דער כעלעמער רב, לא עליכם, נישט; מכמה שנים אן אלמן, קינדער—אויסגעגעבענע, און „לא יומתו אבות על בנים", יחזקאל האָט געזאָגט — פאַרפאַלן! פון שאָף און רינדער איז אוודאי נישט צו רעדן — קיין פיצל ציג נישט צומאָל! א הויט האָט דער כעלעמער רב סיי־ווי־סיי נישט קיין ריינע, האַלט זיך, נעבעך, אין איין קראַצן... און גלאַט — נעמען א כעלעמער רב מיט יסורים!

— עפּעס א תאוהלע — טראכט דער בעל־דבר און באַלעקט זיך, שטרעקט אויס די האַנט צום טיש, רירט אָן דאָס גלעקל פון א חקרנישן שאַרבן־קאָפּ — א פולע שטוב לאַפּיטוטן!

— ווער מען וועלן מיר שיקן און ווער וועט אונדז גיין אראָפּצופירן דעם כעלעמער רב פון וועג?

ווערט א געשריי: איך, איך, איך —

אלע ווילן! מע ווייסט, אז פאר אזוינע קונצן וואַקסט מען, ווי אויף הייוון.

אהער און אהין, ס'קאָן קומען צו א געשלעגעריי, בלייבט: א קלפי.

פאַלט דער גורל אויף צוויי לאַפּיטוטן, ווינטשט מען זיי מזל־טוב, און זיי ווערן נעלם...

אין א שיינעם העלן טאָג, בעלעמער יידעלעך דרייען זיך ארום אין מארק אָן פרנסה... שטייען רעדלעך און רעדן פון פריצים וואלד און פעלד; פון פויערשע „מעסטלעך“, פעלבלעך, וואָס זענען נאָך אויף די האָזן, פון אייער, גאָך גישט קיין געלייגטע — גיט אונטער זיי פלוצלינג א ציטער די ערד, און זי ציטערט; תוך כדי דיבור הערט זיך א קנאק, איינער, דער צווייטער, ממש א בליץ נאָך א בליץ — און עס יאָגט אָן א בויד און עס דונערן די רעדער... א ווילד־פרעמדע בויד, פארשוימטע פערד, ווי די אריות; און די בויד גיט זיך א לאָז דורכן מארק; קוים צייט געווען אפּצו־שפּרינגען. און פון פאָרנט, ביי דער קעלניע, אויסגעבויגן ארונטער מיטן קאָפּ, שטייט, אָן א בייטש אין דער האַנט, אין א היטל מיט לאַפּן, מיט א רויטן גארטל איבער די לענדן, ארומגעדרייט די לייצעס ארום די הענט, א שמייסער — ציט זיי איין, די לייצעס, אז מאַנכמאָל גיבן זיך די פערד א כאַפּ ארויף די קעפּ און אַ שטעל אויף די הינטערשטע פיס. און הינטער אים — שטייט א באַלעבאַטיש געקליידעטער ייד — א קאַפּטאַן, סטראָקעס — יענע צייטן! — האַלט אין דער רעכטער האַנט די בייטש און קנאַקט איבער די פערד, אז זיי גיבן זיך באַלד א לאָז אראָפּ און פליען ווי אָד־לערם — מיט דער לינקער האַנט קלאַפּט ער אלץ נאָכאַנאַנד דעם שמייסער אין רוקן, און פון צייט צו צייט גיט ער נאָך מיטן מויל א פייף, אז די פערד שפּרינגען פון דער הויט און ציען זיך אוים אינעם גאַלאָפּ, ווי די שלאַנגען.

און דער שמייסער האַלט אין איין שרייען: יידן, בני רחמנים, ראַ־טעוועט! יידן, בני רחמנים, ראַטעוועט!

נו, ראַטעווע! גאַנצע בינטן פונקען רייסן זיך פון אונטער די פּאָדקאָ־וועס!

יאָגט מען נאָך די בויד מיט צעשראָקענע אויגן, זאָגט מען: „השם ישמרנו“, אנדערע קלערן נאָך וועגן גומל־בענטשן. ווייבער לויפן נאָך ארויס פון די קלייטן און שרייען: גוואַלד!

מוז אָבער די בויד דורכלויפן דאָס שעכט־הויז, גיבן זיך א לאָז ארויס כלבים, און שפּרינגען די פערד אין די מאָרדעס; לויפן ארויס קצבים און העקער־יונגען, שפּרינגען צו און כאַפּן ביי די לייצעס — גיבן זיך די פערד א שטעל־אָפּ, אז עס ציטערט אויף זיי די הויט פאר שרעק, זענען די קצבים און די העקער־יונגען אויף דער בויד!

וואָס איז? ווייזט זיך ארויס: א קליין סיכסוכל... דער אָנגעטוענער ווי א באַלעבאָס, מיטן לעדערנעם געלט־פּאָס אויף די לענדן, שרייט, אז

דער שמייסער איז משוגע געוואָרן, ווייל דווקא פּאַשעט, און ער איילט זיך אויפן יאריד מיט בריליאַנטן... קריגן די לייט א ביסל דרך־ארץ — און דער שמייסער מענהט, אז נישט ער איז דער שמייסער, נאָר טאַקע יענער... אלא וואָס? אויפן וועג, אין וואלד, קומען קומען זיי פון מרחקים און פאָרן קיין מרחקים, איז ער אים ביינאַכט אין וואלד באַפאַלן, צוגעלייגט א מעסער צום האַלדז, געצייט זיך איבערצוטאָן. און ער וויל אים צוגזלען די בריליאַנטן, דאָס געלט, די בויד מיט די פערד... און יענער לייקנט אלץ שטיין און ביין; להד"ם און להד"ם! — דרייט מען איבער די פערד און וואָגן, טרייבט מען קוים אָפּ די כלבים און מען פאַרפאָרט צום רב.

הייבט זיך אָן א חקירה ודרישה. הערט דער רב אוים יעדן באַזונדער. לאָזט מען קודם אריין דעם טוען, דעם, וואָס איז אָנגעטאָן ווי א שמייסער. הערט אים דער רב אוים, און זאָגט: א פּנים — גשמיות שבגשמיות! א לשון פון אן אמתן בעל־עגלה... און דאָס קול אליין איז אויך נישט פון הדר אַרוים... א קול פון וואַלד, פון פרייען וואלד און — אויף סוסים!

פונדעסטוועגן חוקרט ער ווייטער:

— וויפל סחורה האָט איר אין בויד?

— איך ווייס? כ'פיר עפּעס חשבונות? אן עם־הארץ בין איך, רבי! גאָט האָט געהאָלפן — האַנדל איך מיט בריליאַנטן!

— און וויפל געלט האָט איר אין בייטל געהאַט?

— איך צייל נישט; כ'וויל, ס'זאָל אריינקומען די ברכה...

דאַכט זיך שוין, זיכער א בלבול! דער רב, פונדעסטוועגן, קרעכצט אָפּ, און מען לאָזט אריין דעם צווייטן: א פּנים פון א בן־תורה. דער רב גיט אים א כאַפּ אין לערנען, גיט ער א מיש אוים ש"ס ופוסקים. נאָר אין מיטן דערינען גיט ער א זאָג: „רבי, וואָס טויג לאַנג טענהן, זעט!" — און ער גיט א שיט אוים פון גאַרטל: סאַמע גאָלדענע רענדלעך, רויטע פלאַמען קאָלערן זיך איבערן טיש — „און — העלפט פון די בריליאַנטן קריגט איר אויך, נאָר זאָגט, ס'איז מיין!"

גיט זיך דער רב א שטעל אויף, און גיט א קוויטש"

— גז — לך!

לויפט דער עולם אריין — ווישט מען זיך די אויגן: ווו טוען, ווו נמען, ווו רענדלעך? — נעלם געוואָרן, נישט קיין בויד, קיין פערד — די ערד האָט זיי איינגעשלונגען!

קלערט בעלעם: צי איז עם געווען א חלום, צי, רחמנא לצלן, א־כישוף!

דערווייל פרעגט מען א תשובה דעם בעל־דבר.

זאָגט ער:

— שוטים! חורש וואָלט ער אפשר געגומען, אָבער נישט ביי מלתא דעבידא לגלויי! — עס וואָלט אמאָל ארויס, ווי בוימל אויפן וואסער... מען וואָלט אים אָפּגעצויגן און נאָך אריינגעזעצט אין תפיסה! א נאַר איז ער!

זעצט מען איין די נאַרישע לאַפּיטוטן אויף א יאָר קוילן מיט סמאָלע! מאַכט מען נאָך אַן אסיפה, שרייט מען שוין נישט: איך, איך! נאָר צוויי פון די גרעסערע, איינער עפּעס א גרויסער חריף, דער צווייטער — א זקן ורגיל, נעמען אויף די זאך...

צווישן ימים־נוראים, א קאַלטער, חושכדיקער רעגן־טאָג; כּעלעם ווייקט זיך אין בלאָטע, דער הימל, איבער אים, טריפט מיט מרה־שחורה, קומט אָן צו גיין עפּעס א ייד א בעטלער, הויט־און־ביין, רחמנא לצלן... אן אויס־געהונגערטער און אויף קוליעס, איין פוס — אונטער זיך... שלעפּט ער זיך פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, פון קלויז צו קלויז... און באקומט אין עטלעכן הויז אַן אַלט שטיקל ברויט, צו וועלכן ער האָט גאָר קיין ציין נישט; אין צוואַנציקסטן — אַן אָפּגעריבענעם גראָשן, וואָס גליטשט זיך אויס פון דער האַנט ארויס; — כּעלעם דאַרף נישט קיין פרעמדע קבצנים, האָט היימישע און בכבודיקע, און אַלערליי באַהאַלטענע אָרעמעלייט, אַלץ אלמנות ויתומים פון שוחטים, דיינים, רבנים און אַנדערע כּלי־קודש...

שלעפּט ער זיך אזוי ארום, איין טאָג, דעם צווייטן טאָג — די נאָס־קייט און די קעלט נעמען אים דורך; די וואַטע, וואָס קריכט פון מלבוש ארויס — טריפט, די אויגן קריכן אים פון די לעבער ארויס; און פּלוצים, אין מיטן מאַרק — דער ייד פאַלט! איין קוליע — רעכטס, די צווייטע — לינקס, און ער ליגט אין דער מיט — און שוים איבערן מויל...

יידן בני רחמנים לויפן, מן הסתם, צו, דער — מיט וואסער און שפּריצט, דער — מיט א ביסל ראָזשינקע־וויין, יענער — מיט א מעסער. די ציין אויפצורייסן און א פּאָר טראָפּנס אריינצולאָזן... אנדערע שרייען: כּעלעם איז סדום! און דער ייד הייבט דערווייל אָן גוססן...

מען וועט דאָך אים נישט לאָזן, חלילה, שטאַרבן אין גאַס! ווערט א שאלה, וווּ אהין? — טראָגן זיך די באַלעבאַטים אָפּ — אַנדערע האָבן

נישט ווו, גייט פונקט פארביי דער רב, זאָגט ער: צו מיר! מן הסתם צו מיר! —

מען האָט אים נאָך קיינמאָל נישט אזוי פייל פון בויגן געפאָלגט...

ליגט מען דעם גוסס אין רבס בעט אריין, ליגט ער, ווי אין דער הינערפּלעט — דער רב זיצט ביים טיש, קוקט אין א ספר אריין, וואַרפט אַלע פּאָר שורות אַן אויג צום חולה — אין גאַס דרייען זיך אַרום יידן, טאָ־מער וואָס, זאָל מען זיין גרייט... עס פאַלט צו די נאַכט — דער רב וויל זיך שטעלן מערב דאווענען, דערהערט ער, דער חולה רופט, גייט ער צו אים מיט גרויס רחמים צו, בייגט זיך צו אים איבערן מויל און הערט, — ער רעכנט: א צוואת שכיב מרע...

— רבי, — בלאָזט פון די ליפּ ארויס דער חולה — איך בין א גרויס־סער בעל־עבירה... און איך וויל אזוי נישט שטאַרבן. כ׳וויל מיך פאר אייך מתוודה זיין...

וויל דער רב ארייגרופן מענטשן. כאַפּט אים דער חולה ביי דער האַנט: חס ושלום! אונטער פיר אויגן וויל ער...

דערציילט ער אים, אז כל ימיו איז ער א בעטלער געווען און — א פאלשער בעטלער. געגאנגען נאָך ברויט פאר ווייב און קינד, און האָט קיינמאָל קיין ווייב און קינד נישט געהאַט... געבעטלט אויף הכנסת כלה פאר עלטערע מעכטער —.און שטענדיק געווען אליין, ווי א שטיין אין פעלד... צוזאמענגענומען אויסצוהאלטן ישיבות — און קיין שום תלמיד־חכם האָט דערפון קיין שום טובת־הנאה נישט געהאַט... אויף ארץ ישראל — נישט אוועקגעשיקט קיין פּרוטה! פאר ר׳ שמעון בר יוחאים קבר — און זיך אין בוזעם אריינגעשטעקט... מיט ארץ־ישראל־ערד געהאנדלט, און הינטערן פּלויט געגומען... וכדומה...

און ארויסגראבלענדיק א לייוונטענעם בייטל פון בוזעם, זאָגט ער: און דאָס האָב איך אָנגעזאַמלט!

און גיט אן עפן אויף: סאמע באַנק־צעטלעך — און איינס און איינס — הונדערטער!

— דאָס — זאָגט ער — גיב איך אייך איבער, רבי, אלס געצאָלט, — אויף צדקה, — לפי ראות עיניך.

גיט דער בעלעמער רב א שפּרונג־אָפּ צום פענצטער, רייסט עס אויף און גיט א געשריי ארויס: יידן, קומט אריין ציילן צדקה־געלט! — גלייך, ווי ער וואָלט יינגער געוואָרן מיט 50 יאָר — —

לויפט מען אריין — קיין באנק־צעטלען, קיין גוסס, —. גאָר א צערו־דערט בעט און צוויי אויסגעהאקטע שויבן...

קלערט מען ווייטער. א חלום, צי, חס ושלום, — כישוף; דער בעל־דבר שטייט מיט אן אָפן מויל און זאָגט:

שוין ג י ש ט קיין מלתא דעבירה לגלויי...

דער שווארצער עולם איז צערודערט!

זאָגט לילית: ער וועט קומען אויף מ יי נ ע הענט — אלטע מיטלען! —

איז אַמאָל דער בעלעמער רב נישט בקו הבריאה, שיקט ער דעם שמש נאָכן פעלדשער, ער וויל אים לאָזן א ביסל אָדער, די געבליטן אָפּ־צוציען... און שטעלט זיך דערווייל, צו שקיעת החמה איז עס געווען, מנחה דאווענען. — שטייט ביי דער וואנט שמונה עשרה — עפנט זיך די טיר, קומט אַריין אַ מויד מיט אַ שאלה. דער רב דאוונט, וועט זי וואַרטן. דרייט זי זיך ארום, גייט אויף און אָפּ — דער רב קוקט זיך נישט אום... פארגעסט זי זיך כלומרשט, הייבט אָן עפּעס אונטערצוזינגען... און האָט, פארשטייט איר מיך, אן אמת קול באשה!... נו — הערט ער זי? ווערט זי, מכלומרשט, מיד, כאַפּט און זעצט זיך, און צעווינגט זיך אויפן בענקל; ס׳בענקל סקריפּעט... נאַריש — ווען א שלאַנג קומט אים בייסן, רירט ער זיך אויך נישט פון אָרט! ווערט די מויד שוין א ביסל בייז, און לויפט האַס־טיקער ווייטער איבער דער שטוב. גייט אויס דער רב שמונה עשרה, זאָגט ווייטער, שפּייט אויס, זאָגט אָפּ די רעשט... זעצט זיך צום טיש, און מאַכט געלאַסן: וויז דעם עוף! וויל זי אים געבן דעם עוף אין האנט אריין, זאָגט ער איר ווייטער גאַנץ געלאַסן: לייג אויפן טיש... א יידישע טאָכטער, מוסרט ער זי מיט גוטן, דאַרף ווייסן, ווי אזוי מען דערלאַנגט... לייגט זי... עפּעס א הינדל. זאָגט ער: דערצייל! דערציילט זי באריכות, ווי מען האָט די הון ביי א גויע געקויפט, אהיימגעבראַכט, ווי די הון איז אַנטלאָפן, ווי מען האָט זי געכאַפּט... און לאכט דערביי, און זעצט אויס די ציינדלעך, און דאָס קול קלינגט אָפּ אין אלע ווינקעלעך, און פון די ציינדלעך איז כמעט א שיין דורכגעפלויגן, אזוי ווייס זענען זיי געווען... און רעדנדיק און לאכנ־דיק דרייט זי זיך אזוי ארום טיש... און ארבל האָט זי קורצע, פארקאשערטע; הענט — נאָקעטע, ס׳העמד פון פאָרנט אויפגעריסן, און דאָס לייב — זי

האָט זיך מיט עפּעס אויסגעשמירט — שמעקט מכּל המינים בשמים! — און זי סטאַרעט זיך... און רירט זיך אָן אין טיש, אָן בענקל, אָן רבס האַנט... קוקט ער אויף דעם הינדל, לויפט זי און שטעלט זיך אים פון הינטן, און קוקט אריבער, און רירט אָן מיט דער מאָרדעטשקע דעם קאָפּ... און דער אָטעם, ווארעמט אים דורך דער יארמולקע... בלאָזט אויפן נאַקעטן האַלדז און — אַלץ בחינם! דער רב הערט אויס, ווארפט נאָכאַמאָל אן אויג, ווו מען דאַרף און זאָגט: כשר! און דו — זאָגט ער, מיידל, היים דיר רעדן א שידוך!!!

פליט ארויס די מויד מיט דער הון דורכן פענצטער...

שמייכלט דער רב, ער האָט שוין פארשטאַנען, וואָס עס באַטייט — און גאָרנישט.

און דאָרט איז ווייטער אן אסיפה. זה בכה וזה בכה. רופט זיך אָן גאָר א יונג לאַפּיטוטל, ערשט אויף דער לערן, נאָך קיין איין פעדער נישט אין קאָפּ און קיין איין צאָן ארום האַלדז, רופט ער זיך אָן און זאָגט: —

האָט דער בעלעמער רב גאָר קיין תאווה נישט?

— איינגאַנצן אויסגעטאָן! — ענטפערט מען.

— האָט גאָרנישט ליב?

— אפשר א שוויץ־באָד ערב שבת...

פּויזע. גיט ער נאָך א פרעג: האָט ער נישט עפּעס א מנהג, א געוווינהייט, קנעטן, למשל, קיילעכלעך פון ברויט ביים בענטשן?...

— מען האָט אים נישט געזען עסן! מן הסתם נ י ש ט...

איין לילית דערמאָנט זיך, אז ווען ער האָט אירע בשמים דערפילט, האָט ער געכאַפּט א שמעק טאַבאַק!

— גענוג! — זאָגט ער — און נעמט רשות — ואיננו!

א מנהג ישן האָט דער בעלעמער רב געהאַט, יעדן ערב שבת נאָכן באָד, ארויסצוגיין אין פעלד ארייַן — געהאַט שוין א וועג צווישן ווייץ און צווישן קאָרן — און צו זאָגן בעל־פּה שיר־השירים. און וויל ער איז געווען א ייד א פארחושטער, און האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט פארגיין צו ווייט, האָט ער זיך איינמאָל פאר אַלעמאָל אויסגעמאָסטן מיט די טריט דעם וועג. און געמאַכט זיך א סימן אָן א ביימל... „מה נאה אילן זה“, האָט ער נ י ש ט געזאָגט, כאָטש אויפן ביימל זיינען געוואָקסן פּירות

ווי קדיעלן... נאָר פּאר א סימן... פלעגט ער האלב שיר־השירים אָפּזאָגן אויפן וועג ביז צום ביימל, אנידערזעצן זיך, נעמען א שמעק טאַבאַק פון קאָרענעם פּושקעלע, אָפּרוען זיך א ווײַלע, און אויפשטיין, גיין צו קבלת שבת, און אָפּזאָגן די צווייטע העלפט שיר־השירים צוריקוועגס... און פלעגט קומען פּונקט צו קבלת שבת!...

איינמאָל, איידער דער רב איז אָנגעקומען, באַוויזט זיך אויף דעם אָרט אַ דייטשל, מיט אַ קאַפּעליוש, מיט הויזן אין גרינע פּאַסן, און גיט אַ רייב אויס דאָס ביימל און גיט עס א טראָג־איבער א שטיק ווייטער, און זעצט זיך אונטערן ביימל פון יענער זייט, און זיצט — אַ שמאָל דייטשל — מען זעט עס נישט ארויס.

קומט אָן דערווייל דער רב צום אָרט, וווּ דאָס ביימל איז געשטאַנען — האַלב שיר־השירים אָפּגעזאָגט, און צום ביימל איז נאָך ווייט!... איז ער זיך מצער: רעכנט ער, ער האָט געזאָגט שלא בכוונה. נעמט ער אויף זיך באַלד א תשובה. עס האָט זיך אים, ווי אַלע מאָל, פאַרוואָלט א שמעק טאָן... דאָס האַרץ חלשט אים — ער וועט נישט נעמען, ביז ער וועט נישט צוקומען צום ביימל! ער איז אַפילו שוין אביסל מיד... נאָר משנה זיין וועט ער נישט... און ער גייט קוים, ער קומט צום ביימל צו. אַזוי מיד איז ער געווען און אַזוי האָט זיך אים פאַרגלוסט א שמעק טאַבאַק — כמעט די אויגן זעען נישט! נאָר, געלויבט השם יתברך — ער זיצט שוין אונטערן ביימל! כאַפּט ארויס פון בוזעם דאָס קאָרענע פּושקעלע, עס ציטערן אים אַזש די הענט — גיט עפּעס פון הינטן א בלאָז, ס'קאָרענע פּושקעלע פאַלט אים פון דער האַנט ארויס; שטרעקט ער אויס די האַנט — עס גיט א בלאָז, מן הסתם — א ווינטל — דאָס פּושקעלע קאָלערט זיך ווייטער, ער ציט זיך אויס אויף דער ערד, שטרעקט ווייטער אויס די הענט — ס'פּושקעלע קאָלערט זיך, און ער קריכט נאָך: דער שמעק־טאַבאַק ציט אים... קריכט ער אַזוי אויף אַלע פיר... שמייכלט דאָס דייטשל אונטערן ביימל פון יענער זייט און הערט נישט אויף צו בלאָזן. פּלוצלינג גיט ער א כאַפּ ארויס דאָס ביימל... און כהרף עין שטעלט ער עס ווידער, וווּ עס איז געשטאַנען..

דער ר ב האָט נישט אוספּעיעט צו כאַפּן ס'פּושקעלע... עס בלאָזט ווייטער...

דער רב גיט א קוק: דאָס ביימל שטייט פאַר אים ווייט! מיינט ער, אַז ער איז, פאַרטראַכטערהייט, פאַרקראָכן צו אן אַנדער ביימל — הייבט ער אויף די אויגן צום הימל — אויסגעשטערנט! ער האָט אַפילו שקיעת החמה נישט באַמערקט... אַזוי האָט אים דער שמעק טאַבאַק געצייגן! — אמת זייער אַ ליכטיקע נאַכט געווען... מילא, עס איז מער ווי אַ תחום שבת — אין

שטאָט אריין וועט ער נישט גיין, שפּייזן וועלן אים די קראָען, וואָס האָבן אליהו הנביא געשפּייזט... נאָר כאַפּן ס'פּושקעלע — מוז ער...

און ער קריכט נאָך... און דאָס דייטשל בלאָזט, ס'פּושקעלע קאָלערט זיך... — כ'וועל אייך לאַנג נישט ברייען, ער איז אריבער איבער א תחום שבת!...

דאָס לאַפּיטוטל האָט באַלד א גרעסערע שליחות באַקומען!

פארן אוועקגיין האָט ער צום שוואַרצן עולם געזאָגט:

— איבער א באַרג פאַלט מען נישט... געשווינדער שטרויכלט מען איבער ק ל יי נ ע תאוהלעך.

דאָס גלעזל

הומאָרעסקע

אמאָל, ערגעץ אין א פארוואָרפן שטעטל אויף דער פּראָווינץ, איז געווען א גאָלדשמיד און א בריליאנטן־שלייפער דערצו. און געווען איז ער דער גאָלדשמיד א בריאה־נפלאה אין דער מלאכה, א געבענטשטע האנט געהאט, אין זיין פאך א גאון געווען. עד־היכן הדברים מגיעים, האָט קיי־נער נישט געוווסט: נישט ער, נישט זיינע קונים. געזעסן און געארבעט צירונג פאַר באַלעבאַטים: אוירינגלעך, פינגערלעך, קידושין־פינגערלעך וכדומה. קוים פרנסה געהאט!... נתגלה איז ער ערשט געוואָרן מיט דער צייט... און צופעליק. האָט זיך, כדומה־למשל, געטראָפן, אז א באלעבאָס פון קליינעם שטעטל האָט א שידוך געטאָן פון דער פרעמד, מיט אן עושר פון א גרעסערער שטאָט. פאָרט מען אויף דער התונה, באווייזט זיך דעם גאָלדשמידס צירונג אויף א העכער אָרט. יענער עושר איז שוין א שטיק מ ב י ן: א סוחר, א וועלט געזען, מאכט ער: אי, אי, אי! — הייבט אָן דער גאָלדשמיד דאָרט אויך צו שמען... באקומט ער שוין פון דאָרט ארבעט און מיט דער צייט ציט ער זיך שוין איבער אין דער גרעסערער שטאָט אריין; שוין אזויפיל קונים געהאט.

מילא, צון א גביר פון א גרעסערער שטאָט קומט אמאָל א פּריץ: צוליב מסחר, אויף א שמחה, צי אמאָל אזוי שבת אויף געפילטע פיש — דער טיש אויסגעשטעלט, דאָס בני־בית אויסגעצירט... דער פּריץ קומט אריין, ער איז נאָך א גרעסערער מבין; פאלט אים עפּעס אין אויגן אריין.

— ווו איז דאָס געקויפט? ווער האָט עס געמאכט?

— ווערט מען פון גאָלדשמיד געוואָר צווישן פּריצים...

כידוע, מאכט יעדער גובערנאטאָר איין מאָל אין יאָר א באל פאר גרויסע לייט. עס איז שוין אזא מנהג. מאכט יענער גובערנאטאָר אויך א באל, קומען פּריצים מיט פּריצות, מיט מעכטער. טראָגט מען דעם

גאָלדשמידס צירונג... זעט דער גובערנאַטאָר א פינגערל, צי א בראָש, צי א קאָליע, גאַפט ער. ער האָט נאָך אזא ארבעט נישט געזען...

„וועמענס ארבעט איז עס?“

— „דעמס און דעמס“.

„אזוי?“ —

צומאָרגנס שיקט מען דעם גאָלדשמיד רופן, ווערט ער א יוצא־ונכנס ביים גובערנאַטאָר.

קומט אמאָל צופאָרן באַקוקן די גובערניע, איינער פון די שרי־מלכות, דאַרף מען אים אנטקעגנטראָגן ברויט מיט זאַלץ אויף א טאַץ. ווער מאַכט די טאַץ? מן הסתם שוין אונדזער גאָלדשמיד. קומט די טאַץ אין עיר־המלוכה אריין, קלינגט מיט איר די עיר־המלוכה...

נישט אומזיסט זאָגט שלמה המלך: טוב שם משמן טוב!

טרעפט זיך א מעשה, דער אלטער מלך גייט פון דער וועלט, קלייבט מען אויס א נייעם מלך. גייט יענע קרוין אין שאַנק־קאַמער, און פאַרן נייעם מלך מאַכט מען א נייע קרוין. זוכט מען גרויסע גאָלדשמידס. בעט מען צווישן אנדערע אונדזער גאָלדשמיד אויך. קומט ער און ארבעט מיט און צייכנט זיך נאָך אויס על צד היותר טוב...

הכלל — מקימי מעפר דל!

אונדזער גאָלדשמיד וווינט שוין אין דער רעזידענץ, איז א יוצא־ונכנס אין הויף. ער ווערט גאָר מרואי פני המלך. א *פּראָסטער* בשר־ודם, אפילו א קלענערער *שר*, קאָן זיך שוין גאָר צו אים נישט דערשלאָגן...

איז דאָך אבער א גלגל חוזר בעולם און, אז מען קאָן העכער נישט שטייגן (ווארום וואָס קען זיין העכער פון אזא גאָלדשמיד), הייבט מען אָן פאלן...

פאר ווילטאָג האָט ער שוין קיין נייעס נישט באַוויזן. דאָס אלטע ווערט צוגעגעסן. די אויגן זענען, קוקנדיק דערויף, מיד געוואָרן, דאָס האַרץ קריגט א גליסטונג צו עפּעס נײעס. באַווייזט זיך ערגעץ־ווו א *נייער* קינסטלער... איז — ווי דער סדר־עולם איז — זה נופל וזה קם... מאַכט דער נייער קינסטלער דעם זעלבן וועג, וואָס דער אלטער האָט געמאַכט. און, לאומת זה, מאַכט דער אלטער גאָלדשמיד — דעם אייגענעם וועג צוריק: פון עיר־המלוכה צוריק אין גובערניע אריין, פון גובערניע — אין פּאָוויאַט, פון פּאָוויאַט — *אַ היים*; פון מלך, הייסט עס, צום שר, פון

שר צום גובערנאטאָר, צום פריץ, צום גביר, צום באַלעבאָס אין קליינעם שטעטל... צוריק צו קידושין־פינגערלעך...

גידעריקער פאַלן קאָן מען נישט; אָרעמעלייט דאַרפן קיין צירונג נישט. בלייבט מען הענגען אין דער לופט, שטרעקט מען אויס די צונג...

און די צייטן אַ ל יי ן ווערן שלעכט. מען מאַכט עפּעס גאָר קיין חתונות נישט און די קאָנקורענץ וואַקסט...

מילא... דלות מאַכט פּסולת. און ויהי (ווי „ויהי“, איז אַ צרה!) כּי הציק לו הרעב, נישטאָ וואָס אין מויל אַריין צו לייגן. דער גאָלדשמיד גייט אַרום פּוסטע־פּאַס, איז ער זיך מיישב און הייבט אויף פון דער ערד אין גאַס אַ שטיקל גלאָז פון אַ צעבראָכן פלעשל: פון וואַסער, פון משקה און אפשר גאָר מיט אַ מעדיצין, ווער ווייסט? נאָר אַ פּראָסט שטיקל גלאָז, און גייט דערמיט אַהיים, און זעצט זיך אַנידער שלייפן... און אַזוי ווי ער שלייפט, הייבט אָן אונטער די הענט דאָס גלעזל צו פינקלען, צו גלאַנצן... אַ כּישוף: עס שפּריצט מיט כּל המינים פונקען, עס שטראַלט; ער אַליין גאַפט. ער האָט גאָרנישט געוווּסט, ווי ווייט קינסטלער ער איז! דערנאָך נעמט ער דאָס גלעזל, זעצט עס אַריין אין עפּעס אַ פאַרוואַלגערט רייפל, וואָס ער האָט קוים געפונען, און גייט אַרום אָפּנאַרן די וועלט! — גייט ער. דאָס האַרץ קלאַפּט ביי אים, ווי ביי'ן אַ גזלן! קומט אים אַקעגן אַ בחור מיט אַ פלאַמענדיק פּנים, פאַלט אים איין — אפשר אַ חתן און דאַרף אַ פינגערל? שטעלט ער אים אָפּ. האָט ער כּמעט געטראָפן: קיין קידושין־פינגערל דאַרף ער נישט, אַ כּלה־מתּנה — אדרבא! מעג זיין אַ פינגערל! און ווי יענער גיט אים אַ בליק פאַר די אויגן מיטן בריליאַנטל, פאַלט ער צו מיט ביידע הענט און פרעגט: ווי טייער?!

לאָזט דעם גאָלדשמיד דאָס האַרץ נישט זאָגן, נישט קיין שווינדלער בטבע, פרעגט ער צוריק:

— וויפל ווילסטו געבן?...

דער בחור מיינט: גאָט ווייסט, צי ער וועט קאָנען קומען צו דער סחורה? נעמט ער אַרויס אַ מטבע און מאַכט זיך אַ שפּאַס:

— אַ טאָלער!

דריקט אים דער גאָלדשמיד דאָס פינגערל אין דער לינקער האַנט אַריין, כאַפּט אים אויס דעם טאָלער פון דער רעכטער האַנט און לויפט אין שענק אַריין. דעם וואָרעם פאַרגיסן, דאָס האַרץ צו דערכאַפּן...

וועלן מיר איבערלאָזן, פאַרשטייט זיך, דעם גאָלדשמיד און נאָכגיין דעם בחור.

קלערט דער בחור: משוגע? נאָר זײַן דאגה, און גייט מיטן פינגערל צו דער בתולה, צו װעלכער ער האָט זיך געשדכנט...

איז דאָך אָסער נשים דעתן קלות, האָט די בתולה, צו װעלכער ער שדכנט זיך, צ ו יי׳ התנים. אים, א באַלעבאַטיש קינד מיט א פּאָר פּאות און א חלק הויז — איז איינער, און א הוזאר (אין שטעטל איז קאַװאַלעריע געשטאַנען), א הוזאר מיט א קיװרע מיט שװערד, טראָלבן און שפּאָרן, א בריה נפלאה אויפן פערד — דער צװייטער. אויסקלייבן איז שװער. בפרט: א הוזאר, הײַנט איז ער דאָ, מאָרגן רײַט ער אַװעק... ישובט זי זיך אַליין. דערװײַל, דער בחור קומט-אַרויף, נעמט זי אים צו בסבר פּנים יפות. דאָס פינגערל אװדאי, עס פאַרגעמט די אויגן... הכלל מען רעדט, מען לאַכט, װי דער שטייגער איז... די צייט שטייט דאָך נישט, פאַלט צו דער אָװנט, דערהערט זיך פון מאַרק, פון דער הוזאַרן-װאַך, א טראָמפּײַטל, א פּייקל האַלט אונטער, מען הייבט אָן שפּילן זאָרעס... מײַן בתולה דערמאָנט זיך אָן יענעם, װערט אומרואיק, זאָגט אַליין אינעם איי-גנעם: שפּעט, שפּעט! מען װעט זי, חס-ושלום, באַרעדן, און דערלאַנגט אים, אַפּצוקומען, דאָס מײַלעכל, און שטופּט אים אַרויס פון טיר. און עס איז שוין געװען די רעכטע צייט, קוים איז דער בחור אַראָפּ פון די טרעפּ, אַריבער דאָס געסל און פאַרבויגן אין עק — טופּ, טופּ, טופּ: א רײַטער פון דער צװייטער זײַט! אָט איז ער שוין פאַרן פלויט; שפּרינגט שוין פון פערדל אַראָפּ, בינדט עס צו׳ן א שטאַכעט. אָט קלינגט שוין שװערד און שפּאָרן אויף די טרעפּלעך, דאָס טירל פּראַלט אויף...

איך װעל אײַך לאַנג נישט ברייען: איבערנאַכט איז פון דער כלה-מתנה א חתן-מתנה געװאָרן... קוים אויפן שפּיץ פון יינגסטן פינגער אַרויף...

דאָ ענדיקט זיך אָבער נאָך נישט די מעשה; דעם „בריליאַנט“ איז געװען עפּעס בעסערס באַשערט...

בעלות, קוים עס רײַטלט זיך דער מזרח, דאָס פערדל קאָפּעט נאָך אַליין און קאָפּעט מיט די פיס אין ליימיקן געסל און קיינער הערט עס נישט, װעקט זיך פּלוצלינג אין דער װײַטער שטילקייט א קול פון א טראָמ-פּײַט... „טרעװאָגע“ װערט געבלאָזן! בײַנאַכט איז פּלוצלינג א גרויסער ײַדענעראַל געקומען, װערן די הוזאַרן געװעקט, צום עקזערציר-פּלאַץ גע-רופן... א רשױ װעט זײַן — טראַ-ראַ-טראַ! מײַן גיבור מיטן פינגערל שפּרינגט אויף, װיל לויפן, אָבער נישט לײַכט איז דעם פישל זיך אַרויסצו-רײַסן פון דער נעץ... זי װאַרפט אים די װײַסע הענט איבערן האַלדז,

פלעכט ער זיי אויף, לויפט זי און באהאלט אים דעם קיווער, דאָס שווערד... און נאָכאמאָל געזעגענען, און נאָכאמאָל... די טרעפּ אראָפּ, אויפן הונגעריקן, נאָר דערהפריישן פערד ארויף, און פּאַף — פייל פון בויגן צום פּלאַץ, די ראָטע שטייט — אין אָרט אריין... און — פּאַד קאַזעראָק! דער עסקאַדראָני קאָמאַנדיר שטייט אים אויג אין אויג, און זעט, עפנט שוין אַ מויל אויף א „מי-שברך"...

גיט אים אָבער דאָס פינגערל פלוצלינג א בליץ אין די אויגן. ווערט ער רויט ווי א צונטער, און כאַפּט אים דאָס פינגערל פון שפּיץ פינגער אראָפּ.

— געגנבעט? —

שטאמלט ער: וואשע, אזוי און אזוי... חושד בכשרים. חס וחלילה...

מילא, דעם אמת ארויסזאָגן קאָן ער דאָך נישט. ער וועט דאָך נישט אויסגעבן די בתולה פון א באַלעבאַטיש הויז! פּלאַצט ער ארויס:

— געקויפט!

— פאַר וויפל? — פאָרשט שטרענג דער אָפיציר.

שלעכט! טראַכט דער הוזאַר, עס מוז דאָך עפּעס ווערט זיין... און גיט א זאָג פאַרן טייוול:

— צוואַנציק טאָלער!...

א מטמון מיט גאָלד פאַר א הוזאַר! דער אָפיציר עפנט שוין דאָס מויל אויף אַ נייעם „מי שברך"... באותו הרגע שפּרינגט אָבער אָן אַ ווייס פערד, דערויף — הינטער אים — אַנדערע פערד — קלענערע גענעראַלן.

ער אליין גיט א פרעג:

— געזונט?

אלע עסקאַדראָנען ענטפערן: געזונט! א דונער, א געפּילדער! די ערד ציטערט...

און באַלד — די רעווי... און אז עס איז באַשערט, צייכנט זיך אויס דער עסקאַדראָן פון אונדזער גיבור: געיאָגט ווי אויף פליגל, געשפּרונגען אויף די פערד, ווי די שדים, דורכגעלעכערט די צילן על צד היותר טוב... קריגן די הוזארן א „דאַנק" און אויף משקה, אונדזער אָפיציר ווערט אויפן אָרט — פּאָלקאָווניק... א שמחה, א גדולה, משתה ויום טוב, טרינקט מען א חודש, צוויי... דער הוזאַר האָט דערווייל אויסגעדינט, און איז אהיים מיט גרויס שמחה: פטור בלא כלום, פאַר אַ נאַריש פינגערל, פאַרן פּאַר-שפּעטיקן. דער פּאָלק מיטן קאָמאַנדיר זענען באַלד ארויס אין א גרעסערע

שטאָט, אין לאַגער אריין... און דאָס פינגערל וואָלט גאָר פארגעסן געוואָרן, ווען נישט דאָס, וואָס האָט זיך ווייטער געטראָפן:

אין פאָלק איז פלוצלינג געוואָרן א פגירה אויף פערד. מילא, א צער־בעלי־חיים איז עס; פאלן ווי די פליגן. האָט דאָך אָבער יעדער מענטש שונאים, בפרט אן אָפיציר, וואָס איז אזוי פלוצלינג עולה לגדולה געוואָרן. געפינט זיך איינער און שיקט צום מלכות א מסירה אויפן פוראזש! באשר־בכן דער האָבער איז גאָר קיין האָבער נישט...

איז עס פונקט פאר א מלחמה, איז די זאַך שטרענג. שיקט תיכף־ומיד דאָס מלכות אראָפ גאָר א גרויסן גענעראל אויף א רעוויזיע. באפאלט ער, לויפט גלייך צום מאגאזין, באקוקט דעם האָבער, דרייט מיט דער נאָז, פאָרט אין קאנצעלאריע אריין, שיקט רופן דעם פאָלקאָווניק, קומט ער, נעמט ער אים אויף זיצנדיק, שטרענג, דער פאָלקאָווניק שטייט פאָד־קאָ־זעראָק. עס ציטערן אונטער אים די פיס... מישט זיך ווייטער אריין דער ברילִיאַנט. דער גענעראל הייבט אויף אן אויג — פון ברילִיאַנט שיסט א בליץ אין אויג אריין, גיט ער א שפרינג אויף און א בריל ווי א לייב:

— לאַקכע־בחור!

אין אונדזער מדינה הייסט עס: כאבארניק, וואָרים ווי קומט צו א פאָלקאָווניק פון א נישט רייך הויז אזא גרויסער, טייערער ברילִיאַנט? רייסט ער אים דאָס פינגערל פון פינגער אראָפ, ער וועט עס צולייגן צו די אקטן, און פרעגט:

— וויפל באצאָלט?

זעט דער פאָלקאָווניק, אז עס איז א דבר־גדול, אויסזאָגן דעם אמת קאָן ער נישט, גיט ער א פלאַץ ארויס:

— טויזנט טאָלער!

און אז דער גענעראל קוקט נאָך אלץ, נישט גלייבנדיק, מיט איין אויג, גיט ער צו א וואָרט־צייכן:

— פאר טויזנט איינס טרעט איך עס אָפ...

לאָזט דער גענעראל דעם קאָפ אראָפ און שרייבט:

ראשית שרייבט ער א ראפאָרט צום מלכות... אז דער האָבער איז ריינע פערל. והשנית: א שטר חוב אויף טויזנט און איין טאָלער; לכשירחיב וועט ער אָפגעבן... און פאָרט צוריק...

אציִנד דאַרף געשען דאָס וואונדערלעכסטע...

מען ווייסט נישט ווי אזוי, נאָר דאָס פינגערל איז געקומען אין חצר־המלכות אריין! איינמאָל, די מלכה זיצט פארטראכט, פארלירט דאָס

נאָזטיכל פון שוים, הייבט עס א הויף־דאַמע אויף, א יונגע, ערשט אָנגע־קומענע און א יפה־פיה... און לייגט עס צוריק.

הייבט די מלכה אביסל די ברעמען אויף, וויל דאנקען מיט א האלב מויל, ווי עס פאסט פאר א מלכה, עפנט די ליפּעלעך, און בלייבט מיט די אָפענע ליפּלעך זיצן. וואָס איז? דער בריליאַנט פון דער הויף־דאַמעס פינגערל האָט עס איר אָנגעטאָן! ממש פארכישופט האָט ער זי. נעמט זי צו באַקוקן: זי האָט נאָך אזא בריליאַנט אין א פינגערל נישט געזען. נישט אין די שאַצקאַמערן, נישט אין כתרי־המלכות... פרעגט זי:

— פון וואַנען קומט צו דיר א בריליאַנט?

ווערט די הויף־דאַמע רויט און טויט און פארציטערט, און ענטפערט נישט א וואָרט.

מוז דאָך דאָ עפּעס זיין, און א ביסל אייפערזיכטיק איז א מלכה אויך, וואָרן ווער, אַז נישט אַ מלך קאָן קויפן אַזאַ מתנה? הייבט זי זיך אויף און גייט אריין צום מלך אין קאַבינעט און ווייזט אים דאָס פינגערל. זי וויל זען, וואָס ער וועט זאָגן... ווייסט ער לחלוטין פון גאָרנישט, און ווערט פון בריליאַנט פארכישופט. ער האָט נאָך אזא קלאָרן ריינעם ברי־ליאַנט, און אַזאַ גרויסן, און אַזוי אָן אַ שמץ פגימה נישט געזען. עפנט ער גרויסע אויגן און קאָן זיך זאַט נישט אָנקוקן. דערציילט אים די מלכה, אַזוי און אַזוי, די און די הויף־דאַמע האָט עס געטראָגן. זאָגט דער מלך, אַז פון וואַנען דאָס פינגערל קומט, וויל ער נישט וויסן, מאלע, וואָס עס טוט זיך אין הויף... נאָר דער בריליאַנט פאַסט נישט פאַר קיינעם, נאָר פאַר א מלך. דער הויף־דאַמע וועט ער זיין ווערט באַצאָלן... און נעמט צו דאָס פינגערל.

נעמט מען באַלד דאָס פינגערל, מען קריצט אויס דעם מלכס נאָמען מיטן ערב פון דער מדינה, ווערט דאָס פינגערל: א חותם־המלכות. דער מלך חתמעט דערמיט אלע פּאַפּירן, הן אין דיני־ממונות, הן אין דיני־נפשות, הן אין פּאָליטיק. ווער עס קריגט דאָס פינגערל אַ ווײַלע אויפן פינגער ארויף, קאָן חרוב מאַכן א וועלט, האָט פראַוו להשמיד ולהרוג. ווען און וועמען ער וויל ארייננוואַרפן אין קייטן און אין תפיסות. לאָזט עס מאַקע דער מלך פון פינגער נישט אראָפּ... און כדי צו באַלוינען די הויף־דאַמע, הייסט דער מלך רופן מבינים, זיי זאָלן אָפּשאַצן דעם ווערט פון בריליאַנט. קומען זיי...ווערט זה בכה וזה בכה! איינער זאָגט: א דריטל איינער — א האלבן, איינער נאָר — א גאַנצן מיליאָן... וואָס טוט מען? דערמאָנט זיך דער מלך אָן פריערדיקן הויף־גאָלדשמיד און גיט א באַפעל:

— ברענגען...

ברענגען איז ברענגען!

נעלם געוואָרן; מאכט מען א חקירה ודרישה. עס דויערט אַ צייט, מען ווערט געוואָר. מען שיקט אַ דבר־מלכות, ווי דער שטייגער. מילא, אז די קליינע שרים פון קליינעם אָרט באקומען א באפעל, צוצושטעלן דעם גאָלדשמיד צום מלך, וואָס קלערן זיי? ער האָט אוודאי באגנבעט אמאָל די שאצקאמער, און אצינד איז מען ערשט דערגאנגען. ווארפט מען אריין דעם בחור אין קייטן און מען שיקט אים צום מלכות, א צעשלאָגענעם און א האלב־טויטן פאר פחד... קומט ער קוים מיט צרות אָן.

מעלדעט מען דעם מלך: ר'איז'דאָ, נאָר...

מען וויל אים זאָגן, אז מען נעמט אים אראָפּ די קייטן, איז אָבער דער מלך בייז, שלעכטע ידיעות פון דער מלחמה באקומען, גיט ער א געשריי:

— קיין שום „נאָר“!

ברענגט מען אים שוין אריין, ווי ער שטייט און גייט.

באמערקט עס אפילו נישט דער מלך. ער ווייזט אים דעם בריליאנט און פרעגט:

— וויפל ווערט?

ענטפערט יענער: גאָרנישט!

— ווי הייסט?

און די שרים ארום:

— ווי הייסט, חותם־המלכות... גאָרנישט?...

— און דער גרעסטער בריליאנט אין דער וועלט! גאָפּן אנדערע...

דער גאָלדשמיד ווערט גאָרנישט נתפעל:

— ס'איז נישט קיין בריליאנט זאָגט ער.

— סטייטש, יענע שאצן דאָך אויף הונדערטער טויזנטער...

— איך וויים בעסער!

ווערט שוין דער מלך אומרואיק און פרעגט, נישט מיט זיין קול:

— פארוואָס — בעסער?

— ווייל — ענטפערט ער — איך מיט מיינע הענט האָב'ס געמאכט...

און ער וויל דערציילן ווען, ווי אזוי — און האָט אָבער נישט דערציילט...

ארויסגעשלעפּט און אין תפיסה אריין, און מיט רעכט!

מען האָט מיט דעם ברילִיאַנט אַזוי פיל פּסקים געפּסקנט, אַזוי פיל גיטער געגומען און געגעבן, אַזוי פיל הייזער, אַזוי פיל שטעט... און אַזוי פיל מענטשן געהייכט און געקריינט און אַנדערע אין קייטן געשמידט, אין תפיסות געוואָרפן, אין וואַסער, אין פייער אריין און געפּערטלט... די פּסקים זענען און מוזן בלייבן וואָר און דער מלך מוז זיין און בלייבן אמת, און דער חותם זיינער אמת; טבעת־המלך — טבעת־המלך, מוז זיין דער ברי־ליאַנט — ברילִיאַנט...

אַזוי האָט געפּסקנט דער גרויסער מיניסטער.

— — — — — — — — — — — —

די מעשה, וואָס איך האָב אייך דערציילט, איז, ווי אַלע מעשהלעך, א משל. און, ווי יעדער משל, נישט מיט אַלע פּרטים דומה לנמשל; מען מוז דאָך עפּעס צוגעבן לנוי... להדור המעשה...

אָבער א מעשה איז עס!

און שטאַמען שטאַמט זי פון א מקום־גדול — איש מפּי איש פון רבין ר' יונתן!

מאָטל פּרינץ

געווען אַ ייִד מיטן נאָמען מאָטל; גערופֿן האָט מען אים מאָטל פּרינץ.

אַ וואַלד־ אין תבֿואה־סוחר, אַ יוצא ונכנס ביי פּריצים, פּירט ער זיך אַ ביסל מעשׂה פּריץ. טראָגט ער זיידענע זאָקן, פֿאַרבט ער זיך אָפּ די בענ־קלעך אין שטוב אויף רויט — קיין אַנדער פֿאַרב אין שטעטל נישט באַ־קומען — פֿון קעשענע שטאַרצט אים אַרויס אַ רויט פֿולאַרן טיכל, און אַפֿילו מעשׂה צדקה איז אויך ביי אים מעשׂה שׂררה.

אַ ייִד, למשל, ווייסט מען, האָט ליב געגדזנס, ערשטנס, טאַקע אַ מאכל, צווייטנס — באַלעבאַטיש; אַ פֿלייש, אַ שמאַלץ אויף פּסח, אַ גריוון צו אַ ציבעלע, און אַ ביסל פֿעדערן צו אַ קישן קומט אויך צוגוץ. אַפֿילו היינט, אַ ייִד קומט אין רעסטאָראַציע אַריין, הייסט זיך אויסרעכע־נען אַלע מאכלים און סוף־כל־סוף הייסט ער זיך געבן אַ שטיקל געגדזנס...

האָט פּונקט דער רב אין שטעטל ליב געהאַט ענטע־פֿלייש. אַ גרויס פּויליש שטעטל געווען, און אין גרויס־פּוילן הייסט קאַטשקע — ענטע. אַ ייִד, אַ למדן, אַ ירא שמים און האָט אַ שוואַכקייט צו ענטע־פֿלייש. רעדט מען דערפֿון, קומט עס צו מאָטל פּרינץ אין הויז אַריין.

פֿאַר פּורים איז עס געווען. הייסט מאָטל פּרינץ קויפֿן און אָנפּאַשן אַ „ענטע" פֿון רבס וועגן אויף שלח־מנות, און זאָגט אָן, אַז נאָכן כּשר מאַכן, אַז עס וועט קומען צום פֿילן, זאָל מען אים מודיע זיין.

ערבֿ פּורים גייט מען אין שטוב אַריין אָנזאָגן: עס איז אָנגעקומען די צייט אָנצופֿילן די ענטע.

נעמט מאָטל פּרינץ פֿון שראַנק אַרויס ח"י זהובים פּוילישע, און הייסט זיי אָפּכשרן, שווענקען זיי אין זיבן וואַסערן, און אָנפֿילן דערמיט די ענטע!

וואָס איז?

מאָטל פּרינץ וויל וויסן, וואָס דער רב האָט ליבער: ענטע־פֿלייש, צי פּוילישע זהובים...

ערב שבת גייט אמאָל מאָטל שפּאַצירן איבער דעם שיל־געסל, א זומער־טאָג, נעמט וואָס אַמאָל אַרויס דאָס רויטע פולאַרענע טיכל און ווישט זיך, כלומרשט, דעם שווייס פון דעם שטערן, און יעדעס מאָל ביים אַרויסנעמען דאָס טיכל, פאַרלירט ער א רולאָן פון קעשענע.

וואָס א רולאָן איז?

אין יענע יאָרן זענען קיין פּאַפּירן־געלט, קיין באַנק־צעטל נישט געווען, עובר לסוחר פלעגן זיין — אדומים — גאָלדענע רענדלעך; פלעגן זיי די סוחרים פּאַקן אין פּאַפּירענע טיטן, פאַרחתמענען מיט זייער חותם און אויפשרייבן די סומע. אזוי פלעגן די טיטן — רולאָנען האָט מען זיי גערופן — גיין פון האַנט צו האַנט אומגעציילט, א ביסל מער אמונה און מער בטחון געווען.

גייט ער און פאַרלירט רולאָנען!

וואָס איז?

ער האָט גענומען אַלטע פּוילישע גראָשן און געפּאַקט ווי רענדלעך.

אָרעמעלייט גייען אין גאַס און געפינען. איז ער אַן ערלעכער מאַן, לויפט נאָך און גיט אָפּ, קריגט ער פון מאָטל פּרינץ אַ שיינעם דאַנק און אַ רענדל פאַר השבת אבדה. איז אָבער ווער נישט קיין ערלעכער מאַן, פאַלט אויף דער מציאה, באַהאַלט און לויפט אַהיים מיט אַ שמחה — האָט ער געכאַפּט עטלעכע גראָשן

פאַר פסח מאַכט ער אַמאָל אַזאַ קונץ:

פּרנס איז ער; זיצט ער אין קהל־שטוב און טיילט מעות־חיטין. קומען יידן — אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, מאַכט ער צו איינעם און צום אַנדערן: — קמצן, וועסט דיר כאָטש פאַרגינען צו מאַכן א מלבוש אויף יום־טוב?

לאַכן די אָרעמעלייט.

ערב שבת הגדול, אָרעמעלייט גייען שפּעט אַרויס פון מרחץ — געמוזט אָפּוואַרטן די באַלעבאַטים — זיי קומען אין קיל־שטיבל אַריין צום אָרט, וווּ זיי האָבן געלייגט די מלבושים, אויסגעטרוקנט!... א געשריי, אַ ליאַרעם, ווער האָט געגנבעט? ווי אַזוי גייט מען אַהיים? מען ביַפאַלט דעם בעדער! מאָטל פּרינץ האָט זיך מכלומרשט פאַרשפּעטיקט, זאָגט ער, די אָרעמעלייט זענען גערעכט, דער בעדער איז אַ שומר שכר און מוז באַצאָלן.

מילא, אַז מאָטל פּרינץ פּסקנט, גייט דער בעדער אין דער צווייטער שטוב אַריין, און קומט צוריק מיט אַ פּאַק מלבושים, נייע פון דער נאָדל,

פון ספּאָדעקל ביז שיך און זאָקן, קיין ארבע כנפות נישט פארגעסן און איז מלביש ומנעיל די נאַקעטע!

אינמיטן ווינטער, נאָך אן אָנגעפּילענעם שניי, מאַכט ער אַזאַ קונץ:

אויף דעם זעלבן שיל־געסל, אָרעמעלייט אין די קליינע הייזלעך כאַפּן זיך אויף אינדערפרי, גראַבלען זיך קוים אַרויס פון די שמאַטעס, אין וועלכע זיי האָבן זיך איינגעוויקלט, גיסן אָפּ נעגל־וואַסער, טוען זיך אָן, ווילן גיין צו ותיקין און דערנאָך — אין מאַרק אריין פּאַרדינען, וואָס דער ליבער גאָמען וועט באַשערן — די טיר עפנט זיך נישט. מוז זיין פון דרויסן פארשפארט, פאַרשמידט, א פראָסט אַ שאַרפער, מען פרווט נאָך אמאָל די טיר, זי לאָזט נישט נאָך, באַפאַלט אן אימה. שרייט מען, שרייען די מענער, שרייען די ווייבער, קינדער מאכן אַ יללה, דאָס גאנצע שיל־געסל שרייט, דערהערט מען אין אַלע געסלעך, שפּרינגט מען פון די בעטן ארויס, לויפט מען פון די שטיבער, קומט מען אין שיל־געסל אריין. —

ביי יעדער טיר שטייט א קלאָפּטער האָלץ!

דאָס האָט מאָטל פרינץ געהייסן אָנפירן פון וואַלד איבער נאַכט, א שניי איז אָנגעפאַלן א גרויסער, האָט קיין בן־אדם נישט געהערט...

— — — — — — — — — — — — —

איינמאָל, מאָטל פרינץ קומט מיד פון וואַלד, לייגט זיך פארן עסן אָפּרוען, און שלאָפט איין מיטן קלער, וואָס פאַר אַ ניי צדקה־שפּיצל ער זאָל אָפּטאָן — עפנט זיך די טיר, קומען אריין צוויי שמשים פון חברה קדישא און חברה־נושאים און זאָגן:

— זיי וויסן, מאָטל פרינץ, אַז דו ביסט נפטר געוואָרן.

ענטפערט ער געלאַסן:

— ברוך דיין אמת!

זאָל מען פרעגן: ווער איז מוכן ומזומן לחיי עולם הבא? וועט קינד און קייט ענטפערן:

— מאָטל פרינץ!

וואָס האָט אַזאַ ייד מורא צו האָבן?

גייען זיי נענטער צו, שיטן אויס אַ ביסל שטרוי פון די שעניקעס, הויבן אים אָפּ, צינדן ליכט צוקאָפּנס און גייען ארויס.

איינער זאָגט: ער גייט קויפן תכריכים.

דער צווייטער: ער גייט שוין באַשטעלן אַ מצבה.

אויפשרייבן וועט מען, נישט מער, ווי „מאַטל פּריגץ“.

טראכט ער ביי זיך: געגוג!

ער וויל אַ קלער טאָן, פאַרוואָס ער זעט נישט קיינעם פון די בני־בית... וויל זיך דערמאָנען, צי ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט, געזאָגט צי נישט געזאָגט ווידוי — קומען אריין צוויי משונהנע געשטאַלטן, נישט קיין מלאכים, נישט קיין מענטשן, נישט קיין חיות, און מיט פליגלען דינע, ווי ביי פלעדערמייז, פרעגן זיי אים:

צי וויל ער שוין אין גן־עדן אריין?

פארגעסט ער אַן אלעם און שמייכלט:

— מהיכא תיתי...

הייבן זיי אים אויף און ציען אים דורכן קוימען אויפן דאך ארויף. ווייסט ער, אַז דער קוימען איז שוין לאנג נישט געריייניקט, קומט ער ארויס — אַ שווארצער.

פרעגט ער:

— פאַרוואָס קומט דאָס מיר?

זאָגן זיי:

— מען קומט נישט אין גן־עדן אריין, ביז מען ווערט נישט פאַר־שווארצט!...

מילא, אַז אַזאַ דין!

— אצינד, זאָגן זיי, וועלן מיר פליען ארויף, מיר — אויף די פליגל און דו — אויף וואָס?

פליט צו אים אויפן דאך ארויף דער בעזעם, וואָס שטייט ביי אים אין פאָדערהויז, אָרעמעלייט, וואָס קומען, זאָלן זיך אָפּווישן די שטיוול, און זיי זאָגן:

— זעץ דיך רייטנדיק!

דער בעזעם איז נישט קיין ריינער, מילא, מען מוז איבערקומען.

אזוי איז דער מנהג — זאָגן זיי — כל־זמן די נשמה האָט נישט אירע אייגענע פליגל, רייט זי ארויף אויף אַ בעזעם.

און זיי נעמען אים אינדערמיט אריין, און מען פליט...

— מען וועט נאָך אזוי לאנג פליען?

זאָגן זיי:

— צום הימל איז נאָך וויט!

דאָס ווייסט ער, עס מוז געדויערן, פליט מען ווייטער.

פרעגט ער:

— ווו האלטן מיר אין לוח?

זאָגן זיי:

— ערב סוכות!

און פרעגן: צי ער וויל זיצן אין סוכה.

א מת איז אפילו פּטור מן המצוות, אָבער פאַרוואָס נישט?

— מהיכא תיתי! — זאָגט ער.

און ווי ער זאָגט עס, שווימט זיי אנטקעגן א סוכה מיט ווענט, מיט סכך.

— דוד המלכס סוכה! — זאָגן זיי.

גייט ער אריין מיט פרייד און זעצט זיך.

— ווען קומען — פרעגט ער — אושפיזין?

און איידער מען ענטפערט אים, פאַלט אויף אים איין די סוכה, די ווענט מיטן סכך און מען שלעפּט אים קוים ארויס אַ צעשלאָגענעם, אַ צעקיילטן און אַ פארשיטן מיט ווייסן שטויב אויפן שוואַרצן רים פונעם קוימען.

פרעגט ער: פאַרוואָס קומט עס מיר?

ענטפערט מען אים:

— מען קאָן אנדערש נישט קומען אין גן־עדן אריין, ביז מען ווערט נישט צעקיילט און צעביילט.

גיט ער זיך אונטער מיט הכנעה, פליט מען ווייטער.

שטעלן זיי זיך אָפּ.

— שוין!

זעט ער גאָרנישט.

זאָגן זיי, אַז כאָטש ער זעט גאָרנישט, איז דאָך שוין נישט ווייט פון גן־עדן, און דעריבער מוזן זיי אים צובינדן די אויגן.

— נאָכוואָס?

— יעדער צדיק, געבן זיי אים צו פאַרשטיין, האָט פּראַוו צו זען נאָר זיין חדר, ערשט שפּעטער, אַז צדיקים קומען צו גאַסט און פאַרבעטן צו זיך, קאָן מען זען דעם גאַנצן גן־עדן, און אַזוי ווי זיי ווען מוזן אַדורך דורך חדרים פון אַנדערע צדיקים, מוז מען אים די אויגן פאַרשטעלן.

לאָזט ער זיך. נעמען זיי אים ארויס דאָס רויטע פולאַרענע טיכל, בינדן אים די אויגן צו, און מען פליט ווייטער. און מען שטעלט זיך ווייטער אָפּ.

— ביסט שוין אין דיין חדר.

— בינדט מיר — בעט ער זיך — די אויגן אויף!

זאָגן זיי:

— באלד!

פריער מוז מען אַלץ מכין זיין.

קודם איבערטאָן.

רייסט מען אים פון לייב אראָפּ די אַלטע מלבושים און מען טוט אים אָן אנדערע, זאָגנדיק:

— דאָס זענען דיינע בגדי מלכות.

זיי רייסן אפילו, די בגדי מלכות... מן הסתם דארף אזוי זיין!

זעצט מען אים און מען זאָגט:

— דאָס איז דיין גאָלדענער שטול!

מען רוקט אים עפּעס ארונטער אונטער די פיס.

— דאָס איז דיין פוס־בענקעלע.

מען טוט אים עפּעס אָן אויפן קאָפּ.

—דאָס איז דיין גאָלדענע קרוין!

מען רוקט עפּעס פאַר אים צו.

— דאָס איז דיין טיש מיט לוויתן און יין־המשומר!

און פּלוצים דערהערט זיך פון אַלע זייטן אַ געלעכטער, אָבער אַ גע־לעכטער, מען האלט זיך ארום, זעט אוים, פאַר די זייטן, מען פּלאצט פאַר געלעכטער.

גיט ער א ריס אַראָפּ דאָס טוך פון די אויגן: שטייט פאַר אים אַ הילצערנער קיך־טיש, און אויף צינערנע הקדש־טעלער ליגן אין סמאָלע שווארצע שקצים ורמשים...

אויפן לייב האָט ער מלבושים פון חזיר־האָר, דאָס בייסט; אויפן קאָפּ — אַן אלטע שלאָף־מיץ, אונטער די פיס — אַן אויסגעלאָשענעם פייער־טאָפּ, און זיצן זיצט ער אויף א שטול מיט — א לאָך אינדערמיט...

— — — — — — — — — — — — —

כאַפּט ער זיך אויף פון חלום, זיצט אים צוקאָפּנס דער מרא דאתרא, נאָך א נדבה געקומען און דאָ געווארט, ער זאָל זיך אויפכאַפּן.

דערציילט ער אים בהויה, וואָס עס האָט זיך אים געחלומט:

— רבי — קרעכצט ער — פארוואָס?

לאָזט דער רב אראָפּ די לאַנגע ברעמען, קלערט א ווײַלע און ענט־פערט מיט אַ שמייכל:

— וואָס דען מיינסטו, מאָטל? אַז מען גיט צדקה מיט אַ געלעכטערל, איז דער גן־עדן — חוזק!

פון דעמלט אָן האָט מאָטל געגעבן נאָר מתן בסתר.
מיט דער צייט האָט מען אים גערופן נישט מער ווי מאָטל.
דער נאָמען „פרינץ" איז פארגעסן געוואָרן.

א חלום פון אַ ליטווישן מלמד

1. דער ליטוואַק פאָרט

קנעלט ביי א רייכן ארענדאר אין דאָרף אַ מלמד. צוויי בנים האָט דער ארענדאר געהאט, זאָלן זיי כאָטש עברי קענען... און אמישנ'ט גענומען אַ ליטווישן מלמד, גרויסע בריות אויף אויסלערנען עברי...

קיין גרויסע פעולה זעט מען נאָך נישט. די בנים — ווילדע ברואים, אויסגעקאָכט מיט די שקצים, נישט אָפּצורייסן פון פערד, פון טייך, פון די לאדאָכים מיט סמעטענע און זויער־מילך... און דאָ גייט שוין צו פסח, דער מלמד פאָרט אהיים...

קיין גרויס נחת האָט דער אַרענדאַר דערפון נישט, ער וועט מוזן פאָרן עקסטראַ אין אַ נאָענט שטעטל ברענגען אן אורח, אנישט איז ביי אים דער סדר קריעת ים־סוף. שטעלט ער אַליין אויס די מינים, מוז ער זיצן מיטן רוקן צום סדר...

עס איז אָבער קיין תירוץ נישט, פסח, דער יום־טוב פון חירות, ער האָט אויך א ווייב און קינדער אין דער היים — מוז ער פאָרן...

דער מלמד אליין רעדט נישט פון פאָרן, א פארטראָגענער למדן! און אפשר שעמט ער זיך, מוז מען פאר א י ם געדענקען און מאכן אים אַ כיורפריז.

און צו דער רעכטער צייט בעט מען אויס אַ פור מיט שטרוי. די ארענדארקע פאקט אין שטרוי אריין מכל־טוב; דער רביצין אויף יום־טוב. אַ פעסעלע קוואס, א פאָר טעפּלעך שמאלץ, א לעבעדיקן אינדיק...

— יאנעק, זאָגט זי צום שמייסער, וואָס שפאנט איין, וועסט זיצן מיט די פיס ארויס!

— דאָבזשע — ענטפערט יאנעק; מיט דער ארענדארקע שפארט מען זיך נישט. א יידענע א מזיק. פון אירס אַ בליק ווערט ניכטערן אַ שיכורער פויער, און דערלאנגט זי אין באק, גייט מען א וואָך ארומגעבונדן...

— שפּאַן איין און פאַרפאַר!

יאַנעק פאָרפאָרט. די אַרענדאַרקע שטעלט זיך ביי דער טיר, זי וועט נאָכרופן: פאָרט לחיים ושלום! זי האָט אים נישט ליב, דעם ליטוואַק, דעם אויסגעדאַרטן למדן מיט די ברעמען איבער די אויגן און צעשויבערטע באָרד מיט פאות, וואָס רעדט נישט מיט קיין אשה אַ וואָרט, אָבער כבוד התורה. אַ למדן מ ו ז ער זיין; אַלע ליטוואַקעס זענען למדנים. און דער אַרענדאַר גייט אין שטוב אַריין צום מלמד, אָנזאָגן די בשורה.

טרעפט ער אים אַליין איבער דער גמרא... די בנים זענען שוין ערגעץ אין דאָרף, אין קעלער, צי ביים טייך...

שטעלט זיך דער אַרענדאַר אָפּ אין טיר.

— רבי, געשפּאַנט...

ענטפערט ער נישט, דער ליטוואַק.

פאַרטייטשט ער אים:

— פאַר אייך... אַ פור, אהיים צו פאָרן אויף יום־טוב.

— איך פאָר נישט! — ענטפערט אים יענער, נישט אָפּרייסנדיק קיין אויג פון דער גמרא...

— וואָס רעדט איר, רבי?

גבהל ונשתומם ווערט דער אַרענדאַר: ווי הייסט איר פאָרט נישט? איז דאָך יעדער ליטוואַק אַ כעסן, בפרט אַ תלמיד־חכם, ברוגז ער אים אָפּ מיט דיבורים:

— עם הארץ, בטול תורה!

לויפט ער אַרויס, דער אַרענדאַר, דערציילט דער פלוניתטע אַזוי און אַזוי...

„אַ ליטוואַק, פאַר אַ בלאַט גמרא איז ער געפועלט, איך וויים וואָס"...

— און אפשר גלייכער, צוגוצקומען, זאָגט ער, ביים סדר.

— די אַרענדאַרקע הייסט אויסשפּאַנען, אויספּאַקן... דרך ארץ פאַרן למדן האָט זי. אָבער דאָך אַן אשה. טוט איר דאָס הארץ ווי אויף יענער אשה, וואָס וועט מוזן גיין הערן קידוש צו'ן אַ פרעמדן סדר... און דער צער פון די קינדערלעך...

פאַרפאַלן! נאָר פאָרן, טראַכט זי, וועט ער שוין. אויב נישט שבועות, אַ צו קורצער יום־טוב, איז אויף סוכות. זי וועט אים אַרויסטרייבן מיט אַ קאַטשערע!

וכך הוה.

פֿאַר סוכות פֿאָקט מען ווייטער אָן אַ וואָגן. יאַנעק שפּאַנט איין, פֿאָר־פֿאַרט מיטן קנאַק, און אַריינגיין אַנזאָגן, גייט שוין די אַרענדאַרקע.

איר זאָגט מען נישט אָפּ.

ער זיצט ווייטער ביי דער גמרא, און זי שטעלט זיך אין טיר און גיט אַ זאָג:

— רבי, איר פֿאָרט אהיים!

גיט ער אַ ציטער, נאָר רייסט זיך נישט אָפּ פֿון לערנען.

מיטבט זי א שפּריוז אין שטוב אריין, פֿרעגנדיק:

— איר פֿאָרט צי נייַן?

זי טרעט אים אָפּ פֿון וועג, און אַז ער קומט צו דער טיר, רופֿט זי אים נאָך, שוין ווייכער:

— נעמט מיט די גמרא... שיין אין דרויסן, פּוילישער יעשען... זעצט אייך אויף אויפֿן געזעס און לערנט.

שפּרייזט ער צוריק, נעמט די גמרא, גייט אַרויס צו דער פֿור, דער אַרענדאַר זעצט אים אויף.

יאַנעק גיט א קנאַק מיטן בייטשל, די פֿערד רירן, דער אַרענדאַר מיט דער אַרענדאַרקע רופֿן נאָך:

— פֿאָרט לחיים ולשלום...

דער ליטוואַק ענטפֿערט נישט... ער לערנט שוין...

און די פֿור ווערט געלם אין וואַלד.

2. אין וואַלד, דער ליטוואַק און די קרעטשמערקע

איז טאַקע תורה די בעסטע סחורה און די בעסטע שמירה... אָבער משנה מנהג זיין, נישט אַהיימפֿאָרן אויף פּסח צו ווייב און קינד, פֿאַרשטערן זיי אַזאַ יום־טוב, איז נישט קיין קלייניקייט...

פֿאָרט מען אַזוי אין וואַלד. אַן אַלטער וואַלד... ביימער ווי די ריזן, שטעקן פֿון דער ערד אַרויס די קניען קאַפּויר. דאָס פּירל וואַרפֿט זיך איבער די נאַקעטע וואָרצלען. אין מערב לאָזט זיך אַראָפּ אַ פֿלאַם! די שטאַמען, ווי אונטער גרין־סאַמעטענע חופּות, פֿלאַמען אין גאָלד. אויף דער ערד וואַל־גערן זיך אַרום, ציטערן און פֿלאַטערן ליכטיקע רענדלעך, ווי די זילבערנע מטבעות... הערט זיך א פֿויגל, א צווייטער... יאַנעק פֿייפֿט א גוייש לידל... דער ליטוואַק הערט נישט, אין דער סוגיא פֿאַרטיפֿט. נאָר אָט, דאָס פֿירל איז

ארויף אויף א צווייג, שפּרינגט אונטער, דער ליטוואַק, גיט א קליינעם פּלי אין דער הייך, און — דערזעט דעם וואַלד. און דערזעט א בוים, אן אַלטן, א גאַלדענעם, פאַרגעסט ער אָן דער גמרא, וואָס גליטשט זיך אים פון שויס אַראָפּ, און רופט אויס:

— מה נאה אילן זה!

און ער דערמאָנט זיך, וואָס די אַרענדאַרקע האָט געזאָגט: „פּוילישער יעשען!“

— א, דאָס איז — ציטערן אים די ליפּן — פּוילישער יעשען... אַ כישוף! א כישוף!

אינמיטן הערט ער:

— טפּרו־ו!

יאַנעק שטעלט אָפּ די פערד.

פון די ביימער ארויס קומט אַ פויערטע. אויך א פלאָם — אַ רויטע ספּאָדניצע, אַ פאַרפלאַמט פּנים, רויטע בענדער פלאַטערן אַרום קאָפּ...

ער קאָן קיין אויג נישט אָפּרייסן פון דער פלאַם. און יאַנעק, אפּנים, קען זי...

— וואָס גייט עס די קרעטשמערקע צופּוס? וווּנדערט זיך יאַנעק.

אַ ווונדערלעכע זאַך, אין דאָרף — קיין וואָרט פּויליש נישט פאַרשטאַנען... און אַצינד פאַרשטייט ער. און עפּעס אַן אַנדער קול האָט ער, יאַנעק... און זי ענטפערט, און ער פאַרשטייט! אין שטאָט געווען, זאָגט זי, איינגעקויפט... א ראָד צעבראָכן, דעם וואָגן מיטן שמייסער ביים קוואַל געלאָזט...

— זיצט אויף! — פאַרבעט יאַנעק.

וויל זי צו יאַנעקן אַרויף.

— ניין, ניין — ווערט ער איר — פול אָנגעפּאַקט מיט לאָדאָכים... זי זעט דאָך, ער אַליין זיצט מיט די פיס אין דרויסן... ביים ראַבין זאָל זי זיך זעצן. א ראַבין, אָבער נישט קשה, ער איז אויך אַ מבין, וואָס גוטס איז...

ער לאַכט, זי לאָזט זיך צוויי מאָל נישט זאָגן, שפּרינגט צום ראַבין אויפן געזעם ארויף, ווי א קאַץ... יאַנעק גיט א פייף, די פערדלעך רירן. זי כאַפּט אים ארום און רוקט אים אָפּ, און מאַכט זיך פלאַץ. עס וואַרפן אים היץ און קעלט... דאָס פירל — וורצל אַראָפּ, וורצל ארויף, און זי:

— וואָס ציטערסטו אזוי, ראַבין?

ביי'ן אַ שטאַרקערן טרייסל גיט זי אויך א ציטער און כאַפּט אים אָן ביי'ן א האַנט.

רייסט ער אוים די האַנט, לאַכט זי:

— ע, נאַרישער ראַבין!

און עס וואַרפט. און קני קלאַפּט אָן קני. ער רוקט זיך ווי ווייט מעג־לעך אָפּ; לאַכט זי נאָך קלינגענדיקער:

— נאַרישער, נאַרישער רבי... ווער זעט דאָ? ווער ווייסט? וואָס? האָסט אַ שענער ווייב אין דער היים? ווי הייסט זי? שפּרינצע? וויפל האָט זי דיר שוין אָנגעקינדלט, די שפּרינצע? אַ דאַרע, אַן אויסגעמאָגערטע מוז זי זיין... און אַ שלימעזאַלניצע, די שפּרינצע... פון די הענט פאַלט איר.. און שעלטן שעלט זי...

— פון וואַנעט ווייסט זי? פון וואַנעט ווייסט זי? — קרעכצט עס אין אים...

— און דו, זאָגט זי, ביסט נאָך אַ לייט... אַ פאַרשוין... מען דאַרף דיך נאָר אויסגלייכן...

און זי נעמט, און גלייכט אים די אַקסל אוים, און הייבט דעם קאָפּ.

— אָט אַזוי, ווי אַ סאָסנע! זאָגט זי... נאָר די פּאות, די באָרד!

און זי שטעלט זיך אויף קעגן אים אין דער פור, פאַרגלעט אים די פּאות אונטער די אויערן, צעקעמט אים מיט די פינגער די באָרד...

— און אַ קוש ווילסטו?

אַ מערכה, וואָס מען איז אַרוים פון וואַלד, און תיכף האָט זיך באַוויזן די קרעטשמע...

— טפּרו־ו!

זי שפּרינגט אַראָפּ, אָן ליטוואַק — גלייך זי וואָלט פאַרגעסן...

— קום, יאַנעק, וועסט קריגן אַ קאַפּ!

יאַנעק שפּאַנט אָבער אוים די פערד. ער מוז פריער צום קאָוואַל, צוויי פּאָדקאָוועס אין וואַלד פאַרלוירן...

די קרעטשמערקע פאַרשווינדט, יאַנעק רייט אַוועק. דער צעמישטער ליטוואַק כאַפּט זיך, דערמאָנט זיך אָן דער גמרא, וואָס האָט זיך אַראָפּגע־גליטשט... ער הייבט זי אויף, קושט, עפנט אויף דער שוים...

— געלויבט איז ע ר, געלויבט איז ע ר... שטאַמלט ער...

דער נסיון האָט זיך אָבער נאָך נישט געענדיקט.

די זון איז שוין אינגאַנצן אַרונטער אונטערן וואַלד. די פענצטער פון קרעטשמע רייטלען זיך, פלאַמען אויף, פון קרעטשמע אַרוים הערט זיך אַ גערויש, געזאַנג — פּויערים טרינקען...

דאָס איז ער אָבער גובר, און פאַרטיפט זיך אין זיין סוגיא... הייבט אָבער אָן דער הימל טריפן. א וואַרעם זומערדיק רעגנדל טריפט... און די פּויערטע, מיט די הענט ביי די לענדן, באַווייזט זיך פאַר דער טיר —

— עס רעגנט, ראבין, עס וועט דיר דורכנעצן דאָס הייליקע ספר...

ציטערט ער, און גלייך זי וואָלט עס באַמערקט:

— נישט אין קרעטשמע אריין, זאָגט זי... נאָר איבער דער קרעטשמע, אין א באַזונדער שטיבל אריין...

און דאָס רעגנדל שטאַרקט זיך.

און א שטיבל האָט זי „א שטילס, פאַר סוחרים, פאַר פריצים... דאָרט קומט נישט קיין קול פון קרעטשמע ארויף...“ און „דער קאָוואַל איז אוודאי נישט אין דער היים... סיי ווי סיי וועט עס דויערן ביז א שטיקל אין דער נאַכט אריין“... „זיי קיין נאַר נישט, ראבין!“

און דאָס ערגסטע פאַר א ליטוואַק איז צו זיין אַ נאַר... און פון רעגנדל איז שוין רעגן, די גמרא־בלעטער פּיטש־נאַס... קריכט ער אַראָפּ, ווייזט זי אים די טרעפּלעך צום שטיבל ארויף... גייט ער ארויף, קומט אריין: אַ טיש, א שטול, א בעט... און אַ ליכט אָנגעגרייט...

אוי, ווען ער האָט אַזאַ שטוב צום לערנען...

עובר געווען אויף „לא תחמוד“!

און דערווייל כאַפּט אים א ווילד חשק צום ל ע ר נ ע ן אין דער שטוב, און ער זעצט זיך, און צינדט אָן דאָס ליכט און עפנט די גמרא... און לערנט, א שעה, צוויי און מער, ביז דאָס ליכט גייט אויס, און ער לייגט זיך אויפן בעט, און שלאָפט איין...

— אין א סברא, אַז ער האָט נאָך פאַר מידקייט פאַרגעסן קריאת שמע צו לייענען.

אינעדרפרי רירט אים די פּויערטע ביי די אַקסל און וועקט אים אויף:

— יאַנעקן מיט דער פור האָב איך, זאָגט זי, אהיימגעשיקט...

— וואָס? וואָס? שטאַמלט ער אין שרעק.

— דו וועסט דאָ, זאָגט זי, זיצן און לערנען... ס'וועט דיר קיינער נישט שטערן, אַ באַזונדער חדר... ס'וועט דיר גוט זיין, וועסט זען!

זיין שרעק וואַקסט.

לאַכט זי:

— וואָס שרעקסטו זיך?

— כ'וויל דיך נישט מאנס זיין, חלילה... און אַז מען וועט זינדיקן אַמאָל, האָסטו דאָך דעם זכות פון דיין הייליקער תורה... ס'ווערט מכפר זיין..

און זי שמייכלט און גלעט אים איבערן פּנים:

— און כשרס וועסטו עסן... מילכיקס... ברויט — פון שטאָט... דו זיץ דיר און לערן... זיץ און לערן. קיינער וועט דאָ נישט אַרויפקומען, קיינער וועט נישט וויסן... נאָר דו און די תורה...

— די תאווה פון למדן וואַקסט.

— אָבער סוכות, שטאַמלט ער, סוכות!

און א וואונדערלעכע זאַך... זי פאַרשטייט גאָר יידיש, און ענטפערט.

— וועסט דיר מאַכן א סוכה, אַ כשרע סוכה... כ'וועל דיר געבן ברע־מער, בריינגען סכך פון וואַלד....

און ער איז געבליבן.

3. ביי דער קליפּה צווישן די נעגל

געבליבן...

די קרעטשמערקע האָט געהאַלטן וואָרט, געגעבן נאָר מילעכדיקס און ברויט — יידיש ברויט פון שטאָט.

מכּפר צו זיין די זינד, וואָס ער זיצט ביי'ן אַן ערלית, האָט ער א נדר געטאָן: אויף א מעת־לעת א שעה ווייניקער צו שלאָפן און א שעה מער צו לערנען. און וועט אויך האַלטן וואָרט.

פאַרטיפט אין לערנען, וואָלט אפשר גאָר אין סוכות פאַרגעסן; זי אָבער דערמאָנט.

זי קומט אַרויף, שטעלט זיך אים קעגנאיבער, לייגט די רויטע נאַקעטע הענט פאַר אים אויפן טיש, מיט די פינגער ביז צו דער גמרא, און שמייכלט:

— איז דיר גוט ראבין?

— גוט, גוט... שטאַמלט ער.

— און פאַר ווילטאָג האָסטו פאַרגעסן, וואָס היינט איז?

— וואָס איז היינט?

— ערב סוכות. איך אָבער האָב נישט פאַרגעסן. אויפן הויף ליגן שוין ברעטער, אמישנע א שמעלעכל צענומען...

זי האָט שוין אפילו געשיקט אין וואלד אריין נאָך סכך...

— עפעס גאָר א צוגעשיקטע זאך — טראכט ער — אן ערלית, פאר־שטייט און רעדט יידיש, ווייסט וואָס סכך איז.

אָבער אראָפּגיין גלוסט זיך אים נישט. ער קאָן די אויגן פון דער גמרא נישט אויפהייבן.

גוט... זאָל ער זיך לערנען. זי ווייסט ווי מען מאכט א סוכה, ווי מען באדעקט מיט סכך. פארנאכט וועט זי אים רופן צום „קידוש“.

„קידוש“ ווייסט זי אויך.

און צו „קידוש“ האָט זי געלאָזט ברענגען פון שטאָט ראָזשינקע־ווין. זי ווייסט, ער וועט קיין נסך נישט טרינקען. און אויב דער ראבין וויל, קאָן ער מאכן קידוש איבער חלות. דאָס ווייסט זי אויך. און חלות האָט מען געברענגט פון שטאָט, חלות ווייס ווי שניי! זיין שפרינצע באַקט נישט אזוינע חלות.

— נאָר קיין פלייש, זאָל ער שוין מוחל זיין, וועט ער נישט האָבן...

— צי ווייסט זי פון „בשר שנתעלם מן העין אויך“?

— פאר דאָס וועט זי דעקן א טיש! א טישטעך — א ווייס. ליכט — גרויסע, כשרע ליכט...

זי גייט אריבער צו דער צווייטער זייט טיש און לייגט אים די ווייסע הענט אויף די אקסל:

— דו וועסט דיר זיצן אין סוכה, עסן און טרינקען, און שלאָפן אין סוכה...

מען וועט אים אריינשטעלן א בעט... בעטגעוואנט, אויך ווייס ווי שניי...

ער ציטערט אינגאנצן —

— אָבער דו, מאַרטאַ (ער ווייסט שוין, ווי זי הייסט), מאַרטאַ, בעט ער זיך, זאָלסט אין סוכה אריין נישט קומען, עס פאסט נישט...

— איך ווייס, איך ווייס — שמייכלט זי — צום עסן נישט, צום בענטשן — נישט... כל זמן די ליכט וועלן ברענען — אויך נישט...

און פארשווינדט...

ער בלייבט צעשראָקן און צעמישט... פארגעסט די גמרא און זיצט אין זיך אריין פארזונקען. און זיצט אזוי א שעה און צוויי. דערנאָך דער־הערט ער די האק, וואָס ארבעט, צוזאמענשלאָגנדיק ברעטער אין הויף —

— א לייטער! — רופט מאַרטאַ אין הויף —

זי וועט אוודאי לייגן דעם סכך. עמעץ פון קרעטשמע העלפט איר, אפנים. אויך א גוי...

וואָס פאַר א סכך, וואָס פאַר א סוכה וועט עס זיין? וועט ער דאָרט זאָגן די „אושפּיזין“?

און ער גריבלט אזוי אין זיך, און גריבלט, ביז די זון גייט אונטער און מאַרטאַ רופט צו אים ארויף:

— ראבין מיינער, ראבין ליבער, שטעל זיך דאווענען. די זון לאָזט זיך אראָפּ... באלד וועלן זיך אין הימל שטערנדלעך באווייזן... אזא שיינע נאכט, אזא שטילע נאכט...

אזא אשה צנועה, טראכט ער, די ערלית.

געמוזט אמאָל זיין אין שטאָט, דינגען ביי'ן א ייד, ווייסט די דינים, אפילו די דינים פון סוכה, און ווייסט, וואָס א ראבין — א ייד א למדן איז...

און ווי ערלעך זי האלט אים... אויף זיין שפּרינצען געזאָגט.. זי וועט זיך גאָר אפשר, אים צוליב, מגייר זיין...

ער שטעלט זיך דאווענען...

4. הושענה־רבה ביינאַכט

און ער האָט מקיים געווען מצוות סוכה מיט אלע פּיטשעווקעס. גע־געסן, געדאוונט, געלערנט אין סוכה, געשלאָפן...

הושענא־רבה ביינאַכט... נאָך וויעטשערע, ער זיצט און לערנט, דער קאָפּ וויגט זיך ווי אן אומרו אין דער ברייט... באמערקט עס פּלוצלינג, אז זיין קאָפּ ווארפט איבערן באלייכטן טיש קיין שאטן נישט.

דערשרעקט ער זיך, הייבט זיך אויף, גייט איבער דער סוכה. אויף און אָפּ, איבער דער לענג, איבער דער ברייט, — דער גאנצער גוף האָט קיין שאטן נישט.

גיט עס אים א כאַפּ ביים הארץ, ווי מיט א צוואנג, אין די שלייפן קלאפּן העמערלעך. ער לויפט ארויס אויפן הויף — אן אויסגעשטערנטע לבנה־נאכט... די קרעטשמע ווארפט א שאָטן איבערן הויף...

אָנגעשפּארט ביים דאך שטייט א לייטער, די לייטער האָט איר שאָטן. און זי קוקט צו אים אראָפּ מיט רויטע אויגן. און —

— מיא—ו, מיא—ו!

זי לאכט עס אויס אים:

— איך בין נאָר א קאַץ און האָב מיין שאָטן, און דו, ליטוואַק־למדן, האָסט קיין שאָטן נישט!

דרייט ער זיך אָפּ, ער קאָן אירע רויטע אויגן נישט אויסהאלטן. קומט

פון ביידל ארוים „בריטאַן“... אויף דער גאנצער לענג פון דער קייט אין הויף אריין קומט ער, און

— וואר, וואר!

צו דער קאַץ? ניין, אויף אים ווארקעט ער, דער הונט.

— איך בין א הונט און האָב מיין שאָטן... מיין קייט האָט איר שאָטן, און מאך איך מיטן עק, האָט דער עק זיין שאָטן און ווארפט זיך גלייך מיט אים. ווו האָסטו דיין שאָטן אהינגעטאָן, ליטוואק? חייב מיתה ביסטו געוואָרן, וועסט דאָס יאָר נישט אויסלעבן! וואר — וואר!

ניין!

ער מוז זיין לעבן ראטעווען! ער מוז אוועק פון קרעטשמע... צום ארענדאר, אהיים... ער מוז אוועק פון דער ערלית צו זיין שפרינצע, צו זיין אשת חיל די צנועה, צו דער מאמען פון זיינע קינדער...

אָבער ווי אזוי באפרייט מען זיך?

עס איז דאָך כישוף, די ערלית... די מאַרטע... ער מוז זי נישט אנ־דערש נאָר דערהרגענען... כל־זמן זי לעבט, פילט ער, כל־זמן זי האָט אָפע־נע אויגן, כל־זמן זי קוקט אויף אים מיט אירע אויגאנעס, וועט ער זיך פון דער קליפה נישט באפרייען — טייטן מוז ער זי...

און אינעם אויפגעקאָכטן הארץ שרייט עס:

— טייטן, טייטן!

דערנאָך וועט ער תשובה טאָן... ער וועט באדיי צו'ן א רבין פאָרן (ביים גאנצן לעבן אויף גוטע יידן חוכא וטלולא געמאכט) א תשובה ארויס־נעמען... תעניתים, גלגול, וואָס עס קאָן נאָר זיין פאר יסורים...

און אפשר וואָלט גאָר קיין בלוט נישט געגאנגען... ביים ערשטן קלאַפּ וואָלט די קליפה צערינען געוואָרן, ווי א רויך זיך צעלאָזט...

אלץ איינס. ער מוז טאָן זיינס...

אין סוכה, דערמאָנט ער זיך, וואלגערט זיך ארום אין ווינקל די האק, מיט וועלכער מען האָט צוזאמענגעשלאָגן די ברעטער...

און ער לויפט נאָך דער האק. —

5. דער ליטוואַק פאָרט אַהיים און טוט אַ נדר

דאָס ליכט אין סוכה האָט זיך שוין אויסגעברענט; ער טאפט, געפינט די האק אין דער פינצטער, נעמט זי און שטעלט זי אין סוכה ביי דער טיר...

ער וועט זי אָפּוואַרטן, זי וועט דאָך קומען...

ביים ערשטן אריינבייגן דעם קאָפּ, וועט ער איר מיט דער האַק דערלאַנגען...

וואַרט ער זי אָפּ אַ שעה און צוויי, מאַרטאַ קומט נישט... שטיל מען הערט קיין טריט.

די מכשפה האָט זיך אפשר אָנגעשטויסן. אפשר האָט זי אים געזען פון פענצטער פון איר גרויסער שטוב אין דער הייך אין הויף, און פאַרשטאַנען נאָך וואָס ער לויפט.

מאַכט נישט אויס, ער גייט מיט דער האַק צו איר.

קומט ער צום פראָגט פון קרעטשמע — זי איז פינצטער, די פענצטער פון אינעווייניק פאַרלאָדנט, די טיר פאַרמאַכט. רופן קאָן ער נישט, פאַרשנירט דער האַלדז. קלאַפּט ער פריער מיט דער האַנט, דערנאָך מיט דער האַק. קיינער ענטפערט נישט. הייבט ער דעם קאָפּ אויף צום פענצטער פון מאַרטאַס גרויסער שטוב אין דער הייך — דאָרט לייכט זיך, דאָרט לייכט זיך שטאַרק. די שייבלעך פלאַמען. אַ שמחה מוז דאָרט זיין, אַ גערויש הערט זיך, אַ פריילעכס, אַ האַרמאָניקע רופט זיך אָן, אַ פייפערל ציט מיט...

— לחיים! — רופט מען — אויף גוייש. אויפן ליטווישן מלמדס פּאָהיבעל!

— פאַרפאַלן, שוין דעם שאָמן פאַרלוירן! — לאַכט מען.

זי — אויך...

ווייסט ער שוין, אין וועמענס הענט ער איז אריינגעפאַלן. און אַנדערער, — אַנטלויף, ווי פאַר אַ פייער. איז ער דאָך אָבער אַ קפּדן — אַ ליטוואַק, צעפלאַקערט זיך אינעם נאָך מער די רציחה. ער מוז אַרויף צו איר. ער מוז זיך נוקם זיין, טויט שלאָגן.

געדענקט ער דאָך, אַז אויף יענער זייט הויף שטייט, אָן דאַך אָנגעשפּאַרט אַ לייטער, לויפט ער נאָך איר, ברענגט זי. שטעלט זי אויף, שפּאַרט אָן אָן אַ פענצטער און קריכט, מיט דער האַק אין דער האַנט, אַרויף!

פּלוצלונג — טראַך!

אַ שטאַפּל ברעכט זיך אונטער, ער פאַלט אַראָפּ, אַראָפּ. פאַלט לאַנג, ווי אין אַ תהום, אין אַ גיהנום אריין. און פאַלט מיטן קאָפּ אויף עפּעס האַרטס און ער כאַפּט זיך אויף...

ער איז אין וואַלד... איינגעשלאָפן, און פון דער פור אַראָפּגעפאַלן...

— יאַנעק! יאַנעק! — שרייט ער נאָך דער פור —

קוים יאנעק האָט דערהערט און זיך אָפּגעשטעלט, דערזען, ווער עס רופט...

אָבער אויפהייבן אליין קאָן ער זיך נישט. מיטן קאָפּ אויף א וווּרצל פון א בוים געטראָפן, בלוט טריפט...

נישט געפערלעך. יאנעק האָט אראָפּגעכאַפּט א שמאַטקעלע פון א לאַדאָך מיט זויער־מילך, און ארומגעבונדן, און אויפגעהויבן, און אויף דער פור צוריק אריפגעזעצט...

מען פאָרט ווייטער און פאָרנדיק, טוט דער ליטווישער מלמד א נדר:

— נישט משנה מנהג זיין! ווו ער זאָל נישט קנעלן, אויף פסח, אם־ירצה השם, פאָרט ער אהיים... צו זיין שפּרינצע, צו זיינע קינדערלעך.

וואָרט וועט ער האלטן, דער ליטוואק!

צוזאמען

(פאָלקסטימלעך)

מיט יאָסל מלמד איז שלעכט...

ער אליין האלט עס אפילו נישט פאר שלעכט. ווארום וואָס? קיין האָניק פון לעבן האָט ער קיינמאָל נישט געלעקט. קיין יונגערמאַן איז ער נישט, קיין מיתה חטופה וואָלט עס נישט געווען; ליגט שוין, לא עליכם, אַ שיינע פּאָר וואָכן! און הערצו איז פּונקט חודש ניסן, וואָלט ער כאָטש פּטור געוואָרן פון חבוט הקבר. לאָזט זי אָבער נישט, יענטל די רביצין; מאַכט זי קולות. זי און די קינדער... גוסעט ער און גוסעט, שוין עטלעכע מאָל ווידוי געזאָגט, אויסגעצויגן זיך, איבערגעדרייט צו דער וואַנט, און זי לאָזט נישט קומען צו יציאת נשמה; זי און די קינדער. ער פינטלט מיט די אויגן, בעט זיך ביי איר רחמים — דאָס קול האָט ער שוין לאַנג אָנגעווירן — און זי מיט די קינדער טרעטן נישט אָפּ פון בעט און מאַכן יללות...

קריגט מען דאָרט אויבן אויף אים רחמנות.

טאַכט זיך, איינמאָל ביינאַכט, שוין אפילו נאָך חצות, הייבט עפּעס אָן צו רוישן אונטערן פענצטערל, און פּאַמעלעך גייט איבער דאָס רוישן אין אַ מין ניגונה — עפּעס נישט געזונגען, נישט געשפּילט אויף אַ כלי, און פאָרט נגינה, און אַזוי מחיהדיק שטיל און זיס, אַז עס צעגייט אין אלע אברים.

ווערן יאָסלס ווייב און קינדער מיט אַמאָל שטיל, הערן זיך איין צו דער נגינה. באַלד דערפילן זיי עפּעס אַ זיסע מידקייט אין גאַנצן גוף, לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער ערד אַרום בעט, שפּאַרן אָן די קעפּ אָן די לייסטן, די ברעמען פאַלן צו, די אויגן שליסן זיך, און זיי דרעמלען איין.

האָט זיך די נשמה דערמיט באַנוצט און אַרויסגעכאַפּט זיך פון גוף.

מילא, גלייך ארויף קאָן דאָך די נשמה נישט; נישט אזוי לייכט זיך אָפּצושאָקלען פון שטויב פון דער ערד און אויסגלייכן די פליגעלעך, אין אגב מוז זי דאָך, על פּי דין, בלייבן ביים גוף, כל־זמן ער קומט נישט צו קבר ישראל: מוז נאָכגיין דער מטה, זען די קבורה, אויסהערן קדיש.

פליט זי, די נשמה ארויס דורך די נאָזלעכער פון גוף, כאַפּט זיך ארויס דורך דעם אָפענעם ליפּטשיק פון שטוב, שטעלט זיך א ווײַלע און וואַרט פון יענער זייט אריין א רחמנות־בליק צום בעט, צום אויסגעצויגענעם גוף, וואָס האָט שוין אפילו נישט געצאַפּלט, דרייט זיך אויס, און הייבט אָן זיך ארומצודרייען ארום הויז...

איז אָבער יאָסל מלמד בטבע א פאַרטראַכטער געווען, א פאַרחושטע נשמה געהאַט, פאַרגעסט זי זיך, די נשמה, לאָזט זיך אין מאַרק אריין, דערנאָך פון מאַרק און פון שטעטל ארויס; מיידט אויס די לעצטע הייזלעך, די באָד און גייט אזוי אלץ ווײַטער און ווײַטער...

איין בורא עולם ווייסט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט און וויפל זי איז אָפּגעגאַנגען. פליען האָט זי כמעט נאָך נישט געקאָנט, גייט זי און גייט און קומט צו צו א בערגל. דערהערט זי פּלוצלינג פון דער הויך אַ גערויש, א גערויש אזוי ווי פון פליגל. דערמאָנט זי זיך, די נשמה, אָן דעם טויט, מיינט זי, אַז ס׳איז שוין נאָך דער קבורה, אַז זי גייט עס אַרויף, ווו מען דאַרף, און אַז דאָס רוישן די פליגל פון די מלאכים, וואָס מען האָט איר געשיקט אַנטקעגן... צעשמייכלט זי זיך, די נשמה, עס קומט איר: פאַר דער תורה הקדושה אַוועקגעלייגט דאָס געזונט מיטן לעבן... ווערט זי דערפרייט: אײַלט זיך צו, סאַפּעט און גייט באַרג אַרויף, אַלץ פאַרחושט. אינמיטן הייבט זי אָבער די אויגן אויף, דערזעט זי — אַ ווינט־מיל! און די ווינט־מיל דרייט זיך, אַ ווינטל געווען, און די פליגל רוישן אין דער לופטן. מילא, דערמאָנט זי זיך, אַז עס איז נאָך פאַר קבורה און קוקט אַזוי ווײַטער: ביי דער ווינט־מיל, דערזעט, שטייט אַ הייזל, מיט עטלעכע פענצטערלעך, און צוויי פון די פענצטערלעך זענען זייער ליב־מייק. ווונדערט זי זיך, וואָס עס לייכט זיך נאָך ערגעץ אַזוי שפּעט. קוקט זי זיך אום, דערקענט זי די מיל; ערשט פאַראַיאָרן האָט זי דאָ ווייץ גע־כשרט, משגיח געווען ביים מאָלן מצה־שמורה־מעל, ס׳איז פריידל דער אַלמנהס מיל... פלעגט ביי איר מאָלצייטן עסן, די בנים פאַרהערן — גרוי־סע עם־הארצים געווען! — און זי פלעגט אים מכבד זיין מיט גריוון און קלאָגן זיך פאַר אים, באשר בכן, דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט בחצי ימיו, איבערגעלאָזט איינע אליין מיט קינדער אין א דאָרף, מיט א גרויסער

ווינט־מיל, וואָס וואַקסט איר איבערן קאָפּ... וכדומה... און אויפן שכן פּלעגט זי זיך קלאָגן, אויפן ייד פון צווייטן דאָרף, פון דער צווייטער ווינט־מיל, וואָס רעדט איר אָפּ די קונים — און אַצינד אַזוינע יום־טובדיקע ליכטיקע שויבן! איז איר אַ גרויס חידוש, דער נשמה, גייט זי נעענטער צו, קוקט אַריין, און ווערט נאָך מער נתפּעל. נישט חודש, נישט שבת און קיין יום־טוב אַוודאי נישט. און דער טיש איז ווייס געדעקט, און אויפן טיש שטייט אַ שאַבאַשניק, אָנגעצונדן אַלע זיבן ליכט, אויפן ווייסן טישטעך — כיבוד. די בנים זענען נישט אין שטוב, אוודאי אין דער צווייטער מיט די פינצטערע פענצטערלעך, שלאָפן שוין אוודאי... און ביים טיש זיצט פרײדל, נישט פאַרמעליקט, אַ שבת־יום־טובדיק מלבוש, מיט אַ ווייס זיידן טיכל איבערן קאָפּ — פון איין זייט, און עפּעס אַ ייד, אין אַ נייעם קאַשקעט און טוכענער קאַפּאָטע — אין דער צווייטער זייט טיש. פאַלט איר איין: דער ייד פון צווייטן דאָרף, פון דער צווייטער מיל! און ער איז גאָרנישט פאַרמעליקט, און דער ייד, זעט מען בחוש, שדכנט זיך צו איר... מען נעמט אַ קאָפּ, מען טרינקט לחיים.. און זי בעט זיך נאָר: שטיל! די קינדער זאָלן אין דער צווייטער שטוב נישט הערן... און מען הייבט ווייטער אויף די גלעזלעך!

אינמיטן ווערט די יידענע טרויעריק און פרעגט: און די קינדער? קינדער אין שטוב, זאָגט דער ייד, האָט ער פיינט... כ'זאָל וועלן קינדער, זאָגט דער ייד, וואָלט ער אַ בתולה גענומען און אייגענע געהאַט... ווייל זי זיך פון אים אָפּרוקן... כאַפּט ער זי אָן ביי דער האַנט און קוקט איר אין די אויגן אריין... די מיידלעך, זאָגט ער, מעגן זיך שטעלן אין שטעטל אויף אַן אָרט, ער וועט זיי אָפּפירן דאָס ייִנגל — ער האָט אַ קרוב א דרדקי־מלמד, וועט ער אים אָפּגעבן פאר א באהעלפער... און — ווי זי וויל! זי — אַ יידענע! כליפּעט און טרינקט ווייטער: לחיים! און דערהווייל קרייעט דער האָן, דער ייד כאַפּט זיך אויף, ער מוז פאָרן אין שטעטל אַריין נאָך אַ חופּה און אַ מנין... זי באַגלייט אים ביז צו דער טיר, ער פאַרשווינדט אין דער נאַכט אַריין, און זי וואַקלט זיך צוריק, קומט צו צו דער טיר פון דער שטוב, וו די קינדער שלאָפן, פאַלט צו מיטן פנים צו דער מזוזה, און צעוויינט זיך אויף א קול: הלוואי וואָלט זי דער מאַן געווען מיט זיך מיטגענומען, נישט איבערגעלאָזט איינע אַליין, וואָלטן די קינדער יתומים אָן טאַטע־מאַמע געווען, קיין שטיף־טאַטע נישט באַקומען, וואָלט ווער אויף זיי רחמנות געהאַט...

כאַפּט זיך ערשט די נשמה, וואָס מיט איר איז געשען, און דרייט

זיך אויס, און לאָזט זיך צוריק אַהיים... בלאָנדזשעט אַ ביסל און קומט דאָך צום שטעטל צו. מען קלאַפּט אין שיל אַריין: דריי מאָל! אַ שטיין איז איר אַראָפּ פון האַרץ; אַפּנים, מען ווייסט נאָך נישט... קומט זי צו צו דער שטוב, דער לופּטשיק אָפן, דער עולם אַרום בעט שלאָפט, די באָזלעכער פון גוף — נאָך נישט פּאַרקילט, כאַפּט זי זיך צוריק אין גוף אַריין, און גאָרנישט!

אײַנדערפרי, דאָס גערודער אין מאַרק וועקט זיך, פויערים מיט פורן קומען אָן; קלייטן עפענען זיך, די אײַנגעשלאָפענע בני-בית כאַפּן זיך אויף: אַ נס! יאָסל מלמד שוויצט. איבער נאַכט אַ קריזיס געווען. מענטשן גייען דאַווענען און טרעטן אָפּ: ששון ושמחה, נאָר רעדן רעדט ער נישט, אָפּגעשוואַכט, גייט מען דאַווענען. יאָסל, זאָגט מען, איז אונדזער... טרײַבט דאָס ווײַב די מיידלעך אַרוים צו דער שטעל, די ייִנגלעך אין חדר אַרײַן, און וויל אויך אַרויסגיין און אַרײַנרופן אַ שכנה אויף איר אָרט, נאָר אַזוי, ווי זיי בלײַבן אַליין זעצט זיך יאָסל אויף און זאָגט איר: זיי וויסן, זאָגט ער איר, אַז דו וועסט היינט-מאָרגן אַוועקגיין פון דער וועלט, דעריבער זאָג איך דיר אָן, זאָלסט קומען אַהין מיט אַ ריינעם חשבון... גיי, אַלכּן, אין מאַרק אַרײַן, זע אײַנצומאָנען דײַנע חובות און באַצאָל וועמען דו ביסט שולדיק... דאָס זאָלסטו טאָן איבערן טאָג און פאַר-נאַכט זאָלסטו אַהיימקומען, מיטברענגען זאָלסטו אַ מנין מענטשן, און וועסט דיך לייגן אין בעט און ווידוי זאָגן, און די רעשט געהער צו זײַן ליבן נאָמען... וואָרום איך וויל נישט, אַז מײַנע קינדער זאָלן באַקומען אַ שטיף-מאַמע, האָב איך מיר עס אויסגעבעטן, זיי זאָלן בעסער בלײַבן יתומים אָן טאַטע-מאַמע, וועט קהל אויף זיי רחמנות האָבן און השגחה געבן...

מיינט זי, ער רעדט פון וועג, נאָך נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען, וויל זי אים אָבער נישט דערצערנען, שאָקלט זי מיטן קאָפּ אויף יאָ, און גייט אַרויס...

פאַרנאַכט, מנחה-צייט, קומט זי צוריק, פרעגט ער זי צי זי האָט אַלץ געטאָן, ווי ער האָט געהייסן. וויל זי אים ווייטער נישט דערצערנען, שאָקלט זי ווייטער מיטן קאָפּ אויף יאָ. פרעגט ער וועגן מנין, נאָר איידער זי ענט-פערט, קומען טאַקע אַריין מענטשן, געקומען זענען זיי מבקר חולה זײַן. מיינט ער, אַז זי האָט זיי באַשטעלט. זאָגט ער איר: גיי אין בעט אַרײַן... הייבט זי זיך אָן צו שרעקן, פינטלט צו די מענטשן מיט די אויגן: וואָס וויל ער פון איר. זאָגט מען איר, אַז אַ מאָן, בפרט אַ שכיב-מרע, מוז מען

פאָלגן, און ער זאָגט, אַז ער איז אויף איר גוזר. ליגט זי זיך אויפן בעט... הייסט ער, עס זאָל עמעצ׳ מיט איר זאָגן ווידוי, „מיט מיר אויך“, זאָגט ער... זעען די יידן, אַז זיין פנים ענדערט זיך, נעמט איינער אַ מעבר יבוק און זאָגט פאָר, הייסט ער, זי זאָל דווקא מיטזאָגן, ראָטן די יידן, זי זאָל פאָלגן. מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער וויל. זאָגט זי נאָך, און קלאַפּט זיך אין האַרץ... און זאָגנדיק ווערט איר קול וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַ־כער, און דאָס פנים אַלץ געלער און שוואַרצער... און די עדה יידן קוקט און עס שטאַרט זיי דער אָטעם פאַר שרעק, נאָר דער זאָגער קוקט דורך ברילן אין מעבר יבוק און זעט נישט, וואָס אַרום אים טוט זיך און הערט נישט אויף צו זאָגן... און יאָסל זאָגט און שמייכלט, און די יידענע נעבעך קאָן שוין קוים מאַכן מיט די ליפּן, און זי ציט זיך איין, ווי אַ קנויל, און גיט זיך מיטאַמאָל אַ צי אויס איבערן בעט. יאָסל אין זיין בעט אויך, און מיט איין מאָל, זעען די יידן, ווי פון ביידע גאָזלעכער, אַזוי ביי אים, אַזוי ביי איר, באַווייזן זיך פלעמלעך און די פלעמלעך פליען צו צום לופ־טשיק, און גיסן זיך צוזאַמען אין איין פלעמל און דאָס פלעמל פליט אַרויס... שרייען די יידן אויס: ברוך דיין אמת, פאַלט דער מעבר יבוק פון זאָגערס האַנט אַרויס...

און די קינדער זענען טאַקע געבליבן אָן טאַטע־מאַמע... און וועלן קיין שטיף־טאַטן נישט האָבן.

דאָס פּאַרטעך

מיט די פיס שטאַלפּערט אַ מענטש אויף דער ערד; מיטן קאָפּ שפּאַרט ער צום הימל.

ווענדט זיך עס נאָר אין דעם, ווו דאָס האַרץ איז!

ביי די פיס, און זיין גלוסטונג איז צום עפר ואפר, —

אָדער ביים קאָפּ, און עס גאַרט צו די עולמות העליונים...

איז אַ ייד מקיים „מאשפות ירים אביון“ — ער הייבט אויף דאָס גלוסטונג פון מיסט. ער טוט אָן אַ גאַרטל, טיילט דעם גוף אויף צוויי און זאָגט: דאָס האַרץ געהער צום קאָפּ! האָבן אויף אים קיין שליטה נישט קיין שדים ולילין און קיין דיבוקים, רחמנא־לצלן...

און נשים טראָגן צוליב דעם אייגענעם — פּאַרטעכער!

ואל יהי ענין הפאַרטעך קל בעיניך. איר זאָלט דאָס פּאַרטעך פאַר גרינג נישט האַלטן, —

הערט אַ מעשה, וואָס איז געשען אין ראַכיוו.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ראַכיוו איז אַ שטעטל נישט ווייט פון אַפּט; פון אַפּטער, זכר צדיק לברכה, האָט איר אוודאי געהערט.

צעשפּרייט איז עס ביים ברעג פון דער ווייסל; לעבן לעבט עס פון געהילץ, וואָס קומט פון די אַרומיקע וועלדער, און גייט איבער דער ווייסל קיין דאַנציק; דעמלט אַ גרויסער מסחר געווען.

זענען געווען דאַנציקער סוחרים, אין די גרויסע פּעדערן געגאַנגען. מקיים געווען „וחי אחיך עמך“; האָט פון זיי געלעבט דער מעקלער, דער שרייבער אין וואַלד, דער שיפער, וואָס פירט די מעסערס ביז דער קע־ניגסבערגער מיל, ווו עס נעמט זיי שוין איבער דער דייטש, און — דאָס גאַנצע שטעטל.

ווינטער, עס שטעלט זיך אַ שליט־וועגס, ציען זיך שוין פון די וועלדער, איבערן שטעטל צום ברעג־צו, פירלעך מיט אַלערליי געהילץ: באַלקן, שוועלן, אונטערלאָג. צוריקצו־וועגס אַהיים, שטעלט זיך דאָס פויערל אָפּ אין מאַרק, לייזט דער שענקער פאַר אַ ביסל בראַנפן מיט פאַרבייסעכץ, לייזט דער אייזנקרעמער פאַר אַ שטיקל אייזן, פאַר אַ קאָסע... לייזט די שטעל פאַר זאַלץ, פאַר שמירעכץ... דער קאָוואַל (אויך אַ ייד) פאַרריכט אָדער שלאָגט אָן אַ פּאָדקאָווע, די זיצערין — פאַר אַ בייגל פאַר אַ חולה־ילד.

רייך מאַכט נישט דער פויער, לחם לאכול גיט ער.

גייען אַוועק די פּאָר חדשים, הייבט אָן לאָזן דער פראָסט, אַ וואַרעמער ווינטל בלאָזט, יאָגט אָפּ די ענגים, די זון הייבט אָן אַרויסצוקריכן פון פוטערפאַס; זומער־לעב זאָגט אָן זיין קומען; פאַקט זיך דער היימישער שיפער, קומען מיט די רענצלעך שיפער פון די ארומיקע שטעטלעך. לייזט דער גאַסט־הייזער; גרייט מען זיך אין וועג אַריין, קומט מען ווייטער אָן צום סוחר, קויפט מען איין כשר געררייכערטס, פעטס, זאַלץ, גרויפּן, אַ פעסעלע יי״ש — צדה לדרך פאַר די פליסן, וואָס אַרבעטן אויף די מעסער... הייבט באַלד אָן צו רודערן ביים ברעג. פויערלעך קומען פון די דערפער, יעדערער מיט זיין נעץ, אַ פישל צו כאַפּן, און מיט זיין פענדל, אַ פישל צו בראָטן, און שטעלן זיך, איבער דער גאַנצער לענג פון ברעג, יעדערער זיין שטרויען ביידל אויף. —

שטייט אין ראַכיוועך מאַרק, פון כעלות ביז מנחה, אין דער לופט אַ געקלאַפּעריי פון העק און האַמער. דאָס שלאָגט מען אויפן ברעג דאָס געהילץ צוזאַמען...

אַמאָל, אין מיטן דער נאַכט — עס הייבט אָן פּלוצלונג צו דונערן: די ווייסל רירט, דאָס אייז פּלאַצט. דער ווינט טרייבט טאָוולען אויף טאָוולען, גאָרן אויף גאָרן. נאָך עטלעכע טעג: דער ווינט האָט זיינס געטאָן, די זון — אירס, דער פויער האָט געהאָלפן מיט קילאָף און לאָפּאַטע, — אָפּגעשווומען דאָס אייז, באַפרייט געוואָרן דער טייך, מען לאָזט אַראָפּ די מעסערס, עס שווימען אַנדערע פאַרביי...

עס לעבט דער ברעג און קאָכט; די אָרעמע יידענע פון שטעטל ציט חיונה פון דער שטעל ביים ברעג; פאַרקויפט אויבס, געווערץ, זאַלץ; בגנבה — דעם ביטערן טראָפּן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איר מיינט אוודאי, איך האָב אינעם פאַרטער פאַרגעסן! הייבט זיך נישט אָן. איך האָב אייך פריער געוואָלט אויסמאָלן ראַכיוו, ווו די מעשה איז געשען.

אָט אין דעם ראַכיוו איז אַמאָל נפטר געוואָרן אַ דיין. איבערגעלאָזט האָט ער דווקא נישט קיין סך: אַן אלמנה און אינגאַנצן איין יתומה... קהל האָט באַלד אויפגענומען אַן אַנדערן דיין, און דער האָט זיך מתחייב גע־ווען, אַוועקצוגעבן דער אלמנה מיט דער יתומה אַ פערטל שכירות. האָט ער נישט מקיים געווען. קיין שרפ״ט האָט דאָס שכירות נישט באַטראָפן, אַ מטופל אַ גרויסער איז ער געווען. שרייט די אלמנה צו קהל, לאָזט נישט אויסגעמען... בלייבט, מען זאָל איר געבן עטלעכע גילדן, זי זאָל זיך מאַכן אַ שטעל ביים ברעג. גראַד אַ יידענע געשטאָרבן, באַפרייט געוואָרן אַ שטעל. וכך הוה, די אלמנה מאַכט זיך אַ שטעל, דאָס מיידל טראָגט איר נאָך די קיישלעך אַהין און צוריק. און גיט איבערן טאָג אַכטונג אויף קונימס הענט. און — קיין מעשה נישט. אַז דער דיין האָט געלעבט, האָט זיך אויך נישט איבערגעגאָסן. ביים הערינג פלעגט מען זיך די פינגער אָפּשניידן... און פאַר הונגער, זאָגט מען, איז נאָך קיינער פון דער וועלט נישט געגאַנגען... נאָר דאָס מיידל! דאָס מיידל וואַקסט ווי אויף הייוון, קיין עין־הרע; שפּאַרט פון קליידל אַרויס... עס רייסלען זיך די אָנגעפּילטע בעקלעך, גלייך מען וואָלט זיי געצויגן אויף מילך מיט האָניק, אויף מאַרציפּאַנעס. און אוי־גאַנעם האָט זי... די פּויערים גאַפן; ציטערט די אלמנה פאַר אַן עין־הרע; מאַכט זיך אַמאָל אַ גוייש גלייכוועלטל, שטעכט עס זי אין אַלע גלידער, רירט זיך צו אַ פּויער מיט דער יד, שפּרינגט זי אויף, אַן אָפּגעבריטע, וואַרפט זיך מיט די נעגל צו די אויגן...

און וואָס וועט זיין דער סוף?

ווייטער שרייען צו קהל, נישט לאָזן אויסגעמען? מען וועט זי הערן?

זיפצט זי, די אלמנה, קוקט זי אין הימל און זיפצט...

זיפצט זי נישט אומזיסט. פאַראַן אַן אויער, וואָס הערט! און איינ־מאָל, מוצאי־שבת, געהערט ביי׳ן א שכן הבדלה, מען קלערט אַרויסצוגיין צום ברעג צי נישט? עפנט זיך די טיר. „גוט־וואָך״ — פיניע דער שכן איז אַריינגעקומען. „גוט־וואָך, גוט־יאָר״, שטאַמלט די אלמנה. זי גלייבט אירע אייגענע אויגן נישט. „זעצט אייך, ר׳ פיניע... שרהלע, וויש אָפּ דאָס בענקל...״

די טאָכטער שרהלע מאַכט זיך נישט הערנדיק, קערט זיך אָפּ אין

אַ זייט, וואַרפט אפילו אַ בייזן בליק אויף ר׳ פיניען. ר׳ פיניע שמייכלט: אַלע טוען אַזוי! דאָס בענקל ווישט אָפּ די אלמנה אַליין.

— וואָס ברענגט איר פאַר אַ גוטס, ר׳ פיניע?

אין האַרץ קלאַפּט איר, ווי ביי׳ן אַ גזלן. ר׳ פיניע זעצט זיך, צעטיילט די באָרד אויף רעכטס און לינקס, צעשמייכלט זיך נאָכאַמאָל און זאָגט:

— זייער פיל גוטס!

— דהיינו?

—דהיינו... מאַלט אייך, אַז ר׳ מענדל דער אלמן איז אַהיימגעקומען פון וואַלד... איך יאָג אים שוין לאַנג נאָך: אַ ייד דאַרף נישט זיצן אַזוי לאַנג אָן אַ ווייב... טאַקע אַ צנועה געווען, טאַקע געבענטשטע הענט, טאַקע, טאַקע, אָבער אַזוי לאַנג אָן אַ ווייב זיצט מען נישט... און די קינדערלעך... ממש אַ רציחה... איבערגעגעבן אַ פינף קינדערלעך אַ שכנה, זי אַליין האָט אירע זעקס... אַ ייד קומט אַהיים אויף שבת — די קינדערלעך צעדראַפּעט, אויסגעהונגערט...

א י ך יאָג, איך שטעל אונטער ב אַ ל ע ב אַ ט י ם... ער לייגט אַלץ אָפּ. ס׳טייטש, כאַפּ איך אים אָן ביי׳ן לאַץ, איר זייט דאָך שוין קיין יונגערמאַן נישט... אם לא עכשיו, אימתי? בע, מע... ער האָט קיין צייט נישט... ענדיקן אין וואַלד, פאַרטיק ווערן ביים ברעג... אַ געכטיקער טאָג! איך זאָג אים אַ שידוך, פאַרצייכנט ער אין ביכל, ער וועט נאָכפרעגן, — הייבט זיך נישט אָן! דער שידוך ווערט פאַרלוירן אין ביכל צווישן די קו־ביקן...

דעם פרייטיק איז ער אַהיימגעקומען פריער פון וואַלד. באַקוקט דאָס געהילץ אויפן ברעג... האָט ער עמעצן דערזען!

— וועמען?

ר׳ פיניע נעמט אַ שמעק טאַבעק:

— אייער בת־יחידה...

שרהלע, וואָס איז געשטאַנען ביים בעט, וואַרפט זיך אַרויף אויפן געלעגער מיטן פנים צו דער וואַנט.

— אַלע אַזוי, אַלע אַזוי! — שמייכלט פיניע.

— איז וואָס? — פרעגט די אלמנה כמעט פאַרציטערט.

— איז וואָס? איז גאָרנישט... שבת איז שבת... נאָך הבדלה, שיקט ער מיך רופן. „גיי, זאָגט ער, צו דער ריינטע און רעד אַ שידוך. איך פאַר זאָגט ער, צוריק אין וואַלד אַריין (דאָס פירל איז געשטאַנען פאַר דער

טיר). און אז איך וועל, אם ירצה השם, צוריק קומען, וועל איך אהינגייץ מיט אַ מגין, מיט כיבוד.

ר' פיניע נעמט נאָך אַ שמעק טאַבעק... די אלמנה וואַרט מיט אַן אָפן מויל ביז ער ענדיקט:

— און שרייבן תנאים, אם ירצה השם!

שרהלע גיט פלוצלינג אַ הארציק געשריי.

פאַלט צון איר די מוטער צו, האַלדזט זי און קושט זי איבערגע־וואַלט:

— מאַכמערשי, אזא מזל, אזא שמאַלץ־גרוב...

מ'זע'מיר דאָך גאָר דעם חסד נישט ווערט... גייערט, דיין מאַמע האָט זיך געמיט...

שרהלע רייסט זיך אויס פון דער מוטערס אָרעם, שפרינגט אויף פון בעט און לויפט אַרויס מיט אַ געוויין פון שטוב...

די אלמנה בלייבט צעשראָקן. צעשמייכלט זיך אָבער באַלד. דער־מאָנט זיך: זי האָט אויך אזוי געטאָן... אלע מיידלעך שרעקן זיך אזוי...

— אַלע אזוי, אַלע אזוי! — ברומט אונטער ר' פיניע, זאָגט „אַ גו־טע וואָך"! קושט די מזוזה און גייט אַרויס...

די אלמנה בלייבט שטיין פאַרטראַכט. קוקט דורכן פענצטער, מיט גרויס דאַנק, צום הימל אַרויף און מורמלט אַלץ אין איינעם:

— אַ גאָט־זאַך! אַ גאָט־זאַך!

און עס וואָלט אפשר געווען אַ „גאָט־זאַך", ווען נישט דאָס פאַרטער...

— — — — — — — — — — — — —

און — ווען נישט דער ברעג...

וואָרן גייט אונטער די זון, ווערט „ששון ושמחה" ביים ברעג.

די אַרבעט ווערט אַוועקגעלייגט. יעדער פויער לייגט זיך אַן פון די געהילץ־שפענער, פאַר זיין שטרויען ביידל, אַ פייערל. נעמט זיך פון ביידל זיין פענדל אַרויס און בראָט זיך אָפּ זיין פיש. עסט אָפּ, אַ שיינע נאַכט איז, „עין־יעקב" לערנט ער נישט... הייבט מען אָן זינגען. געפינט זיך שוין ביי איינעם, ביים צווייטן — אַ פידל, הייבט מען אָן שפּילן, נעמט מען אַ קאָפּ, מאַכט מען אַ טענצל... ווערט — הו־האַ!

גייען יונגעלייט און בחורים שפּאַצירן אַביסל אָדער באָדן זיך, שטעלן זיי זיך אָפּ, הערן זיך איין, קוקן זיך צו... אַמאָל מיידלעך אויך... קיין

גוטס קומט פון אַזוינע זאַכן נישט אַרויס. אַ מיידל, אַז קיינער זעט נישט, קומט אמאָל נעבעך... דערזעט מען זי פון ברעג, מאַכט זיך אַ פויערל אַ שפּאַס... אַמאָל שלעפּט מען זי אין רעדל אַריין... מאַלע, וואָס עס מאַכט זיך, רחמנא=ליצלן...

און אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, איידער אונדזער מעשה איז געשען, האָט זיך פאַרלאָפן אַ מ י א ו ס ע מעשה, גאָר אַ מיאוסע... און דווקא מיט אַ באַלעבאַטיש טעכטערל, אַ כלה=מיידל...

מען האָט אויף איר געמורמלט, געזען מחזקות מאַכן ביים ברעג. מען האָט גערעדט און גערעדט, ביז עס איז אָנגעקומען צום פאָטער און מוטער. גלייבט מען נישט, נאָר מען פּאַסט אויף. מען זיצט שוין פאַרנאַכט אין דער היים; דער פאָטער דאַוונט אין דער היים מנחה=ומעריב. איין טאָג — גאָרנישט, דעם צווייטן טאָג — גאָרנישט... דעם דריטן אָבער, זי קאָן זיך, אפּנים, נישט איינהאַלטן, זי נעמט די שאַל.

— וווהין גייסטו?

זאָגט זי, צון אַ חברטאָרן...

נעמט מען צו די שאַל:

— דו גייסט צום ברעג!

— זאָל זיין צום ברעג. וואָס איז אייער דאגה?

אַ וואָרט צון אַ וואָרט, די בחורטע איז מודה: זי טאַנצט דאָרט, זי זינגט... זי האָט אַ פויער אַ געליבטן, ער וועט מיט איר חתונה האָבן, זי וועט זיך שמדן...

נעמט מען די בחורטע און מען בינדט זי צו מיט אַ שטריק פון דער וועש אַרום אויבן צום בעט. נישט אַנדערש אַ דיבוק! כעלות, וועט מען זי פירן צום אַפּטער...

ביים ברעג דערווייל: ווו איז מלכה? (מלכה האָט זי געהייסן) עס איז אָן איר אומעטיק. זי טאַנצט אַזוי שיין און זינגט, און אַז זי צעלאָזט די האָר איז — איי=איי!

שיקט מען געוואָר ווערן... לויפט טאַקע איר „קאָכאַנעק“!

קומט ער צוריק מיט אַ געוואַלט: ער איז ביים הייזל געווען, דורכן פענצטערל אַריינגעקוקט... און דערציילט כהויה, ווי זיין „קאָכאַנאַ מאַלקאַ“ איז געבונדן. דאָס מויל מיט אַ שמאַטע פאַרשטופּט... און מען שלאָגט... שפּרינגט דער עולם אויף, ווי איין מענטש, לויפט מען ראַטעווען די „קאָכאַנאַ מאַלקאַ“. לויפט מען דורך דעם מאַרק, ווערט אַ מהומה

גוים באַפּאַלן! רויִמט מען אָפּ פון די שטעלן, פאַרקלאַפּט מען די קלייטן, פאַרהאַמערט און פאַרריגלט מען זיך אין די שטובן...

מען שטייט אויף איינדערפרי: מלכה — צוגענומען, די מוטער — אַ חולה מסוכן, דער פאָטער — איבערגעאַכט גראָ געוואָרן...

זיפצן די אַלטע: גלות...

די יונגע אָבער שרייען: „הכזונה"...? און ווי ווייטער שטייט... נעמט מען זיך צוזאַמען אַ מחנה בחורים, כאַפּט מען שטעקנס און שטיינער און מען לויפט צום ברעג, אָפּשלאָגן די יידישע טאָכטער...

ווערט אַ מלחמה ביים ברעג. און יד־ישראל תקיפה. קנאת השם צבאות: טוען אָבער די פּויערים צו וויסן אין פאַרשטאַט אַריין. קומט מען זיי צו הילף מיט ווידלעס, מיט כלבים... גיבורי־ישראל האָבן געוועגדט דעם נאַקן... קוים מיטן לעבן אַרויס... מלכהס מוטער איז דעם טאָג געשטאָרבן... דער פאָטער האָט פאַרהאַמערט דאָס הייזל און איז אַוועק אין דער וועלט אַריין... און ערשט צום ווינטער־צו, אַז די פּויערים האָבן פאַרלאָזט דעם ברעג און אַהיימגעגאַנגען יעדער אין זיין דאָרף אַריין, צו זיין פּויערטע און זיינע ילדים... ווייסט מען נישט, וואָס עס איז געשען: צי איז זי, איבער דער צייט, די פּויערים נמאס געוואָרן, אָדער זיי האָבן מורא געהאַט, זי זאָל נישט מיטלויפן מיט זיי אין דאָרף אַריין, און זיי האָבן זי אין טייך אַריינגעוואָרפן, אָדער אַ פאַרלאָזטע האָט זי זיך אַליין אַ מעשה אָנגעטאָן — וגענוג פאַר ימים־נוראים האָבן זי די פישער אַרויסגעצויגן פון טייך אין אַ נעץ — מיט אַ שטיין אויף אַ שטריק אַרום האַלדז, און אָנגעלאָפענע, איז צו דערקענען...

דעם גוף האָט מען באַהאַלטן אונטערן פּלויט; פון דער זינדיקער נשמה איז אַ דיבוק געוואָרן!

די ערשטע האָט זי סליחות־צייט דערזען אַן אַלטע גבאיטע, קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן און אין עזרת נשים כהויה פאַרציילט: געזען, פון בית־עלמין איז זי אָנגעקומען פון אונטערן פּלויט. גייט איבערן מאַרק, קומט צום פאָטערס הייזל צו, קלאַפּט אין טיר, וואַרט אַ ווייַלע. מען ענטפערט נישט, גייט זי צום פענצטערל צו, פּויקט אין די שויבן. מע ענטפערט נישט. הייבט זי אָן שרייען: טאַטע! מאַמע! און צעקראַצט זיך דאָס פּנים מיט די נעגל...

באַלד־דערנאָך איז אין שטעטל עמעץ אַוועקגעפאַלן. שיקט מען דאָס דינסטמיידל אין דער אַפּטייק נאָך צענים. קומט זי נישט צוריק.

איינדערפרי געפינט מען זי נעבן הייזל אַ פאַרחלשטע. דערמונטערט מען זי, פאַרציילט זי:

געזען... אויגן ברענענדיקע, ווי די גלאָווניס, שוואַרצע האָר צעפלאָסן איבער ווייסע תכריכים... און גראַבלט מיט די נעגל אין טיר. און קרעכצט: טאַטישי, מאַמישי! און גייט דערנאָך צום פענצטער, און קראַצט די שויבן — טאַטישי, מאַמישי!

דערנאָך האָבן זי שוין אַנדערע אויך געזען...

און נאָך אַנדערע, ביז מען האָט זיך צוגעווינט צום דיבוק... און אָן א פאַרטעך גייט אין ראַכוו קיין אשה פאַר דער טיר נישט ארויס, זאָל דער דיבוק קיין שליטה נישט האָבן. —

— — — — — — — — — — — — —

און אַז אַ זיווג איז קיין רעכטער זיווג נישט, מאַכט זיך אַזאַ מעשה:

איינמאָל פאַרנאַכט, שרהלע טראָגט אין שטוב אַריין די קיישלעך, די מוטער האָט זיך ביי'ן א קראָם פאַרהאַלטן, קלערט שרהלע דערווייל פייער צו מאַכן, נאָר איידער וואָס, איידער ווען, פאַלט אַריין די מוטער מיט אַ שמחה, מיט אַ גדולה:

— וועסט שוין מער, טאָכטערשי, קיין קיישלעך נישט טראָגן. צום ברעג נישט גיין.

שרהלע ווערט בלאַס:

— וואָס איז מאַמישי?

— וואָס איז? דיין חתן איז געקומען פון וואַלד! געשיקט אָנזאָגן די בשורה. ר' פיניע האָט מיך פאַר דער טיר געטראָפן... באַלד קומט ער, מיט מנין, מיט כיבוד, ווי ער האָט צוגעזאָגט...

גיט זיך שרהלע אַ וואָרף צום בעט מיט גרויס געוויין...

— וויין, טאָכטערשי, וויין, אַ גוט מזל בעט זיך אוים! דיין מזל וועט אויפשיינען, ווי די זון, און איך וועל נעבן דיר אויך אויפגעריכט ווערן...

— און הערסט, טאָכטערשי, ער ברענגט טאַקע כיבוד, אָבער פטור בלא כלום וויל איך נישט! איך וועל אויך עפּעס געבן. האָב איך אַ פּאָר הערינג געברענגט, וועל איך קוילען, און קאַרטאָפל אין די מונדירן וועל איך אָפּקאָכן...

פאַרגראָבט שרהלע איר פּנים אין קישן אַריין...

— ליג, ליג, טאָכטערשי... איך אין דיינע יאָרן האָב אויך געוויינט,

אויך געמיינט, גאָט ווייסט וואָס, און געשראָקן זיך אויף וואָס די וועלט שטייט...

און זי נעמט זיך צו דער אַרבעט, לייגט אָן אַ פייער, שטעלט צו די קאַרטאָפל... דאָס פּייערל קנאַקט אַזוי לוסטיק, דאָס טעפּל הייבט אָן זידן, מען דאַרף שוין זייערן, דערמאָנט זיך פּלוצלינג די אלמנה: זאַלץ! פאַרגעסן...

— מאַכטערשי, שרהשי, קרוין מיינע, טו אַ טובה דער מאַמען, לויף אַרויס נאָך אַ ביסל זאַלץ...

און זי פאַלט צון איר צו, אַז יענע ענטפערט נישט. און בעט, און גלעט, און קושט, און איז גוזר בכיבוד אם.

— אַ'גישט, זייער דו די קאַרטאָפל, וועל איך לויפן נאָך זאַלץ...

הייבט זיך שרהלע אויף און גייט נאָך זאַלץ...

גייט אַוועק אַ מינוט, צוויי, דריי, די קאַרטאָפל שוין אָפּגעזייערט, זי קומט נישט צוריק. און די קראָם איז פאַרן הויז! לויפט די אלמנה צו דער טיר צו, קוקט אויפן הויף אַרויס, מען זעט נישט שרהלען... רופט זי: שרהלע, שרהלע! קיינער ענטפערט נישט. דערשרעקט זי זיך, כאַפּט זי די שאַל און לויפט אַרויס. דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז עס איז, חס־ושלום, אַן אומגליק געשען...

און אַ מאַמעס האַרץ איז אַ שטיק נביא...

עס איז טאַקע אַן אומגליק געשען:

אין בעט ליגנדיק, האָט זי זיך, אפנים, געוואָרפן, איז מער לויז געוואָרן און אויפגעבונדן זיך דאָס פאַרטעך, האָט זי עס, גייענדיק, אין הויף פאַרלוירן און נישט געפילט, און נישט אויפגעהויבן, און איז אַזוי אַרויס פאַר דער הויז־טיר צו דער קראָם...

און אין מאַרק האָט זיך, ווייזט אויס, אַרומגעדרייט דער דיבוק... געוואָלט אין עמעצן אַריין, געזוכט אַן אשה אָן אַ פאַרטעך... און שרהלע איז פּונקט אַרויס אָנעם פאַרטעך... און אַזוי ווי זי איז צוגעקומען צו דער קראָם, און אַזוי ווי זי האָט געעפנט דאָס מויל צו זאָגן: זאַלץ, האָט זי גאָר אַ געשריי געטאָן, ווי די ערלים ביים ברעג:

— הו־האָ!

דער דיבוק איז איר אַריין דורכן אָפענעם מויל!

און זי גיט אַ ריס אַראָפּ דאָס טיכל פון קאָפּ, צעשיטן זיך די האָר איבערן האַלדז־און־נאַקן, און עס פלאַמען איר, ווי די שוואַרצע קוילן, די אויגן אויף. —

און גיט אַ שפּרונג אַרויס פון קראַם... און צעלאָזט זיך מיט אַ קול און זינגט אַן אויסגעלאַסן לידל פון ברעג, און אַ לאָז אַ מענגל איבערן מאַרק... און נאָך אַ מאָל:

— הו!הא!

און — אַ פייל פון בויגן צום ברעג. —

אַז די מומע איז אַרויסגעקומען, איז שוין דער מאַרק געווען ווי פאַרשטאַרט. נאָר די קרעמערין האָט איר קוים, מיט אַ פאַרשטאַרטן פינגער, געוויזן צום ברעג. —

— — — — — — — — — — — — —

זי וועלן שוין קיין גיבורי ישראל נישט ראַטעווען... מען געדענקט יענע מלחמה... עס דרייען זיך נאָך אַרום אַלטע יידן, דער אָן אַן אויער, יענער מיט אַ האַלבער נאָז... און מען קרעכצט...

איז דאָך אָבער די אלמנה אַ מאַמע, לויפט זי אַליין!

קומט זי, טרעפט זי די מאַכטער אין אַ מיט רעדל. מיט איין נאָ־קעטער האַנט אַרום האַלדז, מיט דער צווייטער אַ יונג פויערל אַרומגע־כאַפּט... זי טאַנצט מיט אים! דאָס פויערל פייפט, די פידל שפּילט, דאָס רעדל אַרום פּאַטשט צו מיט די הענט, טופּעט מיט די פיס...

אַ מאַמע איז אַ מאַמע, רייסט זי זיך אין רעדל אַריין:

— מענטשן, שרייט זי, מענטשן־רוצחים, מענטשן־גזלנים! זעט איר דען נישט, אַז עס איז אַ באַזעסענע, אַ דיבוק...

„אָפּענטאַנאַ“ — שרייט זי אויף פּויליש...

פאַר דער מאַמען רוקט מען זי אָפּ; פאַר איר קול דערשרעקט מען זיך. „דיבוק“ מאַכט אַ רושם. דאָס פייפערל בלייבט שטיל, די פידל פאַר־שווייגט. און זי לויפט צו צו דער מאַכטער צו, רייסט זי אָפּ פון פויער, אים שטויסט זי אָפּ אין אַ זייט.

און שרייט צום עולם:

— זעט, — שרייט זי — די אויגן אירע... די האָר די צעפּלאָסענע זעט... דעם גאַנצן גוף, ווי ער טרייסלט זיך... אַ משוגעת, אַ דיבוק... מיט וועמען טאַנצט איר? ווו זענען אייערע אויגן געווען?

— נאָך קיין האַלבע שעה נישט, קלאָגט זי, אַז דער דיבוק איז אין איר אַריין...

— תנאים געזאָלט זיין — צעוויינט זי זיך — צודריקנדיק די מאַכ־

טער צום האָרץ — אַ שמאָלץ־גרוב... האָב איך זי נאָך זאַלץ געשיקט...
אין מאַרק איז אין איר דער דיבוק אַריין, אפשר מלכהם דיבוק...
דאָס מאַכט נאָך מער רושם...
די פויערים טראָגן זיך אָפּ אין די הייזלעך... די מוטער דריקט פּעס־טער די טאָכטער צו האָרץ:
— שרעק דיך נישט, טאָכטערשי, צאַפּל נישט אַזוי, מאָרגן טרייבט מען דיר, מיט זיין ליבן נאָמענס הילף, דעם דיבוק אַרויס...
און פירט זי אַ האַלב־טויטע, אַהיים...

דער אַפּטער, זכר צדיק לברכה, האָט צוטאָרגנס זיין שטעקן דעם אַלטן ראַכיוער חב צוגעשיקט און אָנגעזאָגט, ווי אַזוי אַרויסצוטרייבן דעם דיבוק...
און באַלד איינדערפרי האָט מען זיך גענומען דערצו.
מען האָט אין שול־אַריין געקלאַפּט, פול איז שוין די שיל, און ווייבער אין עזרת־נשים פול.
און מען האָט אַ טהרה־ברעט געברענגט, אויפן שולחן פון בעלעמער געשטעלט, און שרהלען אויפן ברעט אַרויפגעלייגט, אין מיט אַ שוואַרץ טוך באַדעקט.
און מיטן אַפּטער, זכרונו לברכהם, שטעקן איז באַלד דערנאָך דער אַל־טער רב אויף די טרעפּלעך צום ארון־קודש אַרויף, מיטן פּנים צום באַ־לעמער געשטעלט... און ער קוקט, און מורמלט וואָס מען דאַרף, און גיט פּלוצלינג דריי מאָל מיטן שטעקן אין טרעפּל אַ קלאַפּ, און אַ געשריי:
— דיבוק אַרויס!
אויפן עולם פאַלט אַן אימה. דער דיבוק אָבער שווייגט.
רופט ער נאָך אַמאָל:
— דיבוק אַרויס... איך בין גוזר; דיבוק אַרויס!
דער עולם ציטערט, אין עזרת־נשים חלשט מען; דער דיבוק שווייגט.
אָבער צום דריטן מאָל, אַז דער אַלטער רב האָט דערמאָנט די פמליא של מעלה און געזאָגט, אַז ער וועט אים לייגן אין חרם אריין, און אַז דער אַפּטער וועט זיין מסכים, —
ערשט דעמלט האָט דער דיבוק אַ קרעכץ געטאָן פון אונטערן שוואַרצן טוך:

— כ'קען נישט, רבי!

— פאַרוואָס?

— ווי אַרום, רבי, זאָל איך אַרויס? דורך דער טיר? שטייט דאָרט
די בעל=הגם=פושקע און דער נר=תמיד ברענט!

— דורכן פענצטער!

— אַלע שויבן זענען גאַנץ...

פונקט האָט אַ גלעזער פאַר עטלעכע טעג אויף דער לאָטעריע געווו=
נען און נייע שויבן אַריינגעשטעלט...

כאַפט דער רב דעם שטעקן, וואַרפט אין פענצטער אַריין, אויף פיצ=
פיצלעך האָט די שויב געפּלאַצט — — —

און דער דיבוק איז אַרויס...

נאָר אַז מען האָט דאָס שוואַרצע טוך אויפגעדעקט, איז שרהלע גע=
לעגן — אַ טויטע...

ר׳ יוחנן גבאי

מיד, אָנגעהאָרעוועט פון קהלשער אַרבעט, איז ר׳ יוחנן גבאי געקומען אהיים. אין דער קיך איז אים שוין אקעגנגעקומען דער ריח פון עסן, פונעם פלייש און די געקאָכטע עפּל. און ער איז שנעל געגאַנגען ווייטער אין דעם צווייטן צימער אַריין, דאָרט האָט אים אָבער דאָס ווייב זיינס, סאָשע, נישט פריינדלעך אויפגענומען.

— בטלן! — האָט זי געשריגן מיט געבייזער ווי דער גבאי האָט זיך נאָר געוויזן אויף דער שוועל.

— וואָס בייזערסטו זיך אַזוי? — האָט זי דער גבאי געפרעגט, ווערנד ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקל אָפּרוען.

— ער פרעגט נאָך וואָס איך בייזער מיך! תמיד ביסטו פאַרנומען מיט קהל־זאַכן און ווען וועסטו, בטלן, עפּעס טאָן פאַר דיר?

— פאַר מיר? — האָט זיך דער גבאי געוואונדערט — וואָס האָב איך דען פאַר מיר צו טאָן? אונדזערע קינדער זענען שוין, ברוך השם, זעלבסטשטענדיקע מענטשן און אונדז אַליין, דאַכט זיך, פעלט אויך גאָרנישט... און וואָס האָב איך צו טאָן? — אַרומקוקנדיק זיך אין שטוב, גיט ער נאָך צו: דאָס בעט זע איך איז צוגעבעט אָן מיר, די כלים זענען אויסגעפוצט אָן מיין הילף; די ווענט האָב איך אפילו נישט אָנגערירט און איך זע דאָך נישט אויף זיי קיין פּיצל שפּינוועבס. דער טיש איז שוין צוגעגרייט. דאָס טישטעך איז ווייס ווי שניי, די גאָפּל־מעסער און די לעפל בלישטשען ווי גאָלד. איך זע אויך אַ געמאַכטן רעטעך, אַ ביסל געריבענעם כריין, אַ פלעשל בראָנפן...

— הער שוין אויף מיט דיינע גריימען און גיי דיך בעסער וואַשן!

— ניין, סאשע, איך וועל מיך נישט פריער גיין וואַשן, ביז דו וועסט נישט אַליין מודה זיין, אַז איך בין גערעכט. דאָ אין דער היים האָב איך גאָרנישט וואָס צו טאָן, אָבער דאָרט אין דעם בית־המדרש האָב איך אַ סך צו טאָן, ווייל ווער וועט זיך דערמיט אָפּגעבן, אַז נישט איך? אפשר

יאָסקע קרעמער, וואָס האָט קיינמאָל קיין צייט אפילו צו עסן? צי אפשר יחיאל דער דאָרפגייער, וואָס גייט אוועק פון דער היים שבת=צונאַכטס תיכף נאָך הבדלה און קומט אַהיים ערשט פרייטיק אין דער שפּעט? צי אפשר ראובן פּראָצענטניק, וואָס לויפט זיך אָן אַ גאַנצן טאָג צווישן די אָרעמעלייט, צוזאַמענצונעמען די עטלעכע זעקסערלעך פּראָצענט? אָדער אפשר איינער פון די אָרעמע בעלי=מלאכות, וואָס מוזן שווער און ביטער אַרבעטן אויף פּרנסה?

— לאָמיר שוין געמאַך! איך בין שוין נישט בייז...

— שאַדט נישט. איך ווייס, אַז דו ביסט שוין נישט בייז. איך וויל דיר אָבער נאָר באַווייזן, אַז איך טו פּאַר מיינעטוועגן אויך. אָט קוק, סאָשע, קוק אָן מיין ווייסע באָרד און פּאות! מיין נישט, אַז איך בין נאָך אַ יונגער מענטש. מען מוז זיך שוין טאַקע אָנגרייטן אין וועג אַריין...

— אין וועג אַריין? וואָס פאַר אַ וועג? — פרעגט סאָשע פאַרוווּנדערט. זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, וואָס ער מיינט און האָט אויסגערופן מיט שרעק: חס=ושלום! רעד נישט, רעד נישט! אל תפתח פה לשטן!

— האָב נישט קיין מורא, סאָשע. דו ביסט שוין אויך עלטער פון 20 יאָר... און וואָס וועלן מיר טאָן, אַז מען וועט אונדז דאָרט פרעגן, וואָס מיר האָבן אַזוינס געטאָן אויף דער וועלט? וואָס וועלן מיר אויף דעם ענטפערן? אפשר וועלן מיר זאָגן, אַז מיר האָבן דאָ געגעסן און געטרונקען? און וואָס וועט דער אייבערשטער זאָגן? דו, למשל, וועסט דיך נאָך קאָנען באַרימען, אַז דו האָסט עוסק געווען מיט הכנסת=כלה...

— זיי שטיל! — בעט זיך סאָשע. זי האָט מורא, עס וועט איר שאַטן צום שכר אויף יענער וועלט.

— איבער דעם וויל איך אויך טאָן עפּעס גוטס...

— זייער גוט, זייער גוט. טו ווי דו ווילסט. גיי דיך נאָר וואַשן...

— נאָך עפּעס — זאָגט דער גבאי ווייטער — געדענקסט נאָך, סאָשע, דאָס זיידענע חופּה=קלייד דיינס מיט די זילבערנע פּאַסן?

— צי איך געדענק!

— אפשר וואָלסטו עס געגעבן אויף אַ פּרוכת?

— זייער גוט. איך גיי שוין...

— וואַרט סאָשע=לעבן, איך האָב עס שוין אַליין גענומען. עס הענגט שוין אויפן ארון=קודש!

— גנב! שמייכלט סאָשע.

אַצינד ערשט גייט זיך ר' יוחנן וואַשן און עסן מיט אַפּעטיט. בענטשט און גייט שלאָפֿן.

ר'יוחנן גבאי איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, און זיין נשמה איז געפֿלויגן אין הימל אַריין, און האָט דאָרט איינגעשריבן אינעם בוך צווישן די מצוות:

„איך, יוחנן בן־שרה, האָב געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אַ הייליקע אַרבעט, איך האָב מיר אין זין געהאַט: איך און מיין ווייב סאָשע זיצן אין אַ שיין הויז, בשעת גאָטס הויז, דאָס הייליקע בית־המדרש, איז בוי־פֿעליק און באַדאַרף אַ רעפּאַראַציע. איך האָב איבער דעם גערעדט מיט בעלי־מלאכות, דאָס הויז צו רעפּאַרירן. הייַנט האָט מען אויך געבראַכט צוויי נייע בענק און אַ נייעם טיש. איך האָב אויך געהייסן ריי̈ניקן די פּאָדלאָגע, די ווענט און אַלע כלי־קודש. איך האָב אויך אַנידערגעשטעלט אַ נייעם לייכטער פֿאַרן עמוד ביי דער מזרח־וואַנט. אויף דעם איז געווען אין דער קאַסע בסך־הכל 300 גילדן, דאָס איבעריקע האָב איך געמוזט דערלייגן פֿון מיין קעשענע — 45 גילדן מיט 18 גראָשן. אויפֿן חשבון פֿון מיין ווייב סאָשע האָב איך געלאָזט מאַכן דאָס זיידענע פּרוכת, חוץ הכנסת־כלה, וואָס זי באַשעפֿטיקט זיך דערמיט. גאָט זאָל עס איר געדענקען צום גוטן!

אין בית־המדרש איז אַלצדינג געענדיקט געוואָרן גאַנץ גוט. און איך האָב אָנגעזאָגט דעם שמש. ער זאָל, חלילה, וחלילה נישט מער אַריינלאָזן קיינעם נעכטיקן אין בית־המדרש, גאָטס הויז זאָל נישט מער זיין קיין שלאָף־שטוב פֿאַר „אורחי־פּרחי". ער זאָל געדענקען צו פֿאַרשליסן ביינאַכט דאָס בית־המדרש..."

ר' יוחנן גבאים נשמה האָט נאָך אַלץ געשריבן, איז געקומען צו פֿליען אַן אַנדערע נשמה און האָט אַריינגעשריבן אין בוך די דאָזיקע ווערטער:

„איך, בערל בן־יהודית, בין שוין אַ זיבעציקער. אַזוי לאַנג ווי איך האָב נאָך געהאַט כוח, האָב איך געאַרבעט אויף פּרנסה. ווי איך בין אָבער אַלט געוואָרן און האָב פֿאַרלוירן דעם כוח, האָב איך שוין מער נישט געקאָנט פֿאַרדינען, און האָב געמוזט אָנהייבן גיין אין די הייזער. תחילת איז מיר אפֿילו נישט שלעכט געווען. איך האָב שטענדיק געהאַט צו עסן. די באַלעבאַטים האָבן מיך גוט געקענט און האָבן מיך געשטיצט.

לאַנגזאַם בין איך זיי אָבער נמאס געוואָרן און מען האָט מיר שוין זעלטענער דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט! מאַנכעס מאָל — אַ טרוקנס, וואָס איך האָב עס אַפילו נישט געקאָנט צעקייען, ווייל איך האָב נישט מער קיין ציין... איך האָב איינגעזען, אַז איך וועל מוזן אין מיין שטאָט שטאַרבן פאַר הונגער, האָב איך מיך אַוועקגעלאָזט פון מיין שטאָט און בין דאָ אַהערגעקומען. די קעלט איז געווען זייער גרויס, און איך האָב געוואָלט גיין אין בית־המדרש אַריין נעכטיקן, אַזוי ווי מען איז זיך געווינטלעך נוהג ביי יידן. דער שמש האָט אָבער פאַרשלאָסן די טיר, און האָט מיך נישט אַריינגעלאָזט. דער גבאי האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט לאָזן קיינעם נעכטיקן אין בית־המדרש, גאָטס הויז זאָל נישט ווערן קיין אכסניא... אַציינד שלאָף איך אויף דער גאַס און די קעלט פרעסט מיר אַרויס דעם מאַרך פון די אַלטע פאַרדאַרטע ביינער מיינע. איך בין הונגעריק און עס איז מיר שרעקלעך קאַלט... פרעג איך דיך, רבונו של עולם, ווער באַדאַרף גיכער האָבן דאָס בית־המדרש, דו אָדער איך?"

און עס איז אַרויס אַ בת־קול פון הימל: „רופט ביידע צום בית־דין של מעלה!"

און צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען געפונען טויט: דעם גבאי ר' יוחנן ביי זיך אינדערהיים אויפן בעט; און אַז אַלטן אָרעמאַן — דערפרוירן, אויף דער גאַס נעבן דעם בית־המדרש...

דער אַרענדאַר

קאַפּיטל 1

אַן אַרענדאַר אַ קמצן
און תפילות פון אַן אשה.

אין פּוילן דער מדינה, הינטער צויזמיר, וואָס ביי דער ווייסל, האָט געלעבט אַ ייד אַן אַרענדאַר.

איז דער אַרענדאַר געווען אַ גרויסער חשוב ביים פּריץ, און דער פּריץ איז אַ גרויסער מאַגנאַט געווען, איז ער, דער אַרענדאַר, געקומען צו גרויס עשירות.

האָט ער געהאַט פּאַלוואַרקעס מיט וואַלד און פעלד, און הערט־שאַפטן פון שאָף און רינדער, און הייזער, און ברוי־הייזער, און מילן אויף וואַסער און ווינט; און מזומנים גאָר פיל, אַחוץ חובות ביי לייט...

מילא, אַז זיין ליבער נאָמען שיקט מזל, איז אַוודאי גוט.

איז אָבער דער ייד אַ גראָב נפש געווען, און אַ קמצן אַ גרויסער, און נישט געוווסט פון קיין צדקה: נישט מיד־ליד, נישט מאיר־בעל־הנס, נישט מעות־חיטין, גאָרנישט, — און לאָזט נישט קיין אורח איבער דער שוועל.

אַ ווייב האָט ער געהאַט דווקא אַן אשה צנועה וחשובה, פלעגט ער איר אָנטאָן געברענטע לייד, פאַר אַ גראָשן צדקה, וואָס זי פלעגט טאָן אונטער זיין וויסן; פייניקן פלעגט ער זי דערפאַר.

ווילע קינדער האָט ער געהאַט — אפנים, אין דער מוטער אַריין געראָטן — האָט ער די יינגלעך אין חדרים אַריין, אין שטאָט אַריין נישט געשיקט; עס זענען אים די פערד אַ שאָד געווען. און ביי זיך קיין רעכטן מלמד נישט געהאַלטן, נאָר אַ בעלפער בחצי־חינם, וואָס האָט זיי קוים עברי אויסגעלערנט.

האָט פון דעם די אשה נאָך מער צער געהאַט.

פלעגט זי גאַנצענע טעג וועגן זיך מיט די טרערן אין האַלדז. ביי־נאַכט מיט די טרערן די שטילע אויסגעצן די קישנס. און ערשט ימים־נוראים, אַז מע פלעגט קומען אין שטאָט אַריין, האָט זי אין עזרת־נשים זיך רעכט אויסגעוויינט דאָס האַרץ; די וועלט איינגעריסן.

און אַ תפילה אַן איינאיינציקע האָט זי געהאַט אויף די ליפּן און אינעם צעווייטיקטן האַרץ:

„זאָל זיין ליבער נאָמען זיך מרחם זיין אויף איר מאַן און איבער־בייטן זיין האַרץ צום גוטן. זאָל ער נישט זיין אַזוי אַריינגעטאָן אין דער תאווה פון עשירות און אין עולם־הזה פון אכילה־ושתיה... זאָל ער די נשמה אויך נישט פאַרגעסן. זי זאָל, חס ושלום, אַז עס וועט קומען די צייט, נישט פאַרפאַלן ווערן אויף כף־הקלע...“

און אַזוי האָט זי געבעטן:

„זע, רבונו של עולם, גוטער גאָט, האַרציקער גאָט, ער זאָל באַ־צייטנס נאָך תשובה טאָן...“

„זאָל ער מיט אַ ברייטער און פולער האַנט צדקה געבן, זאָל ער אַ מכניס אורח ווערן, און זאָל מהנך זיין די קינדער אין גאָטס וועג, און מגדל זיין לתורה ולחופה, ולמעשים־טובים...“

וואָס קאָן מער טאָן אַ צעבראָכן האַרץ פון אַ יידענע?

קאַפּיטל 2

אַן אָרעמער גייער לאַכט
און דער אַרענדאַר גייט זיך באָדן

איינמאָל, פרייטיק ביינאַכט.

זומער־לעב געווען, אַ טאָג — אַ גאָלדענער.

זיצט דער אַרענדאַר מיט דער גאַנצער משפחה, אונטערן פרייען הימל, אין גערטל פאַרן הויז, ביים אָנבייסן.

אַ דעמב אַ ריז, מיט צעלאָזטע צווייגן איז אין גערטל געשטאַנען; האָט מען אין שאָטן פון דעמב דעם טיש געדעקט, מיט כל־טוב: פיש, פלייש און צימעס. און אַ שטראָדל; ביים פריין אויסגעלערנט. און אַ פלעשל אַלטן מעד ביים טיש; כיד־הגביר.

זיצט ער אויבנאָן דער אַרענדאַר, שעפּט נחת פון דער אכילה, פאַר־טרינקט מיט אַלטן מעד, און איז מקבל־תענוג פונעם עולם־הזה, סמאָטש־קעט מיט די פעטע ליפּן, —

קומט, פון צווישן די ביימלעך אין גערטל, פלוצלינג ארויס אַן אָרעמער גייער, מיטן פּעקל אויף די אַקסל...

וואָס טראָגט אַרום אַ גייער? בענדער און בענדלעך, קעמלעך, נאָד־לען און האָר־נאָדלען, און שפּילצייג פאַר קינדער... וכדומה קלייניקייטן...

דערזעט ער די משפּחה ביים טיש, שטעלט ער זיך שטיל אָפּ, לאָזט אַראָפּ דאָס פּעקל פון די פּלייצעס, גלייכט זיך אַ ביסל אויס — אַן אַלטער גראָער ייד, און אַ שוואַכער, נעבעך.

בעט ער זיך, דער אָרעמער גייער:

— קויפט עפּעס, יידן, לאָמיך פאַרדינען אויף שבת...

וויל זיך צון אים די אשה אויפהייבן; וואַרפט אויף איר דער אַרענ־דאַר אַ בייזן בליק, בלייבט זי, נעבעך, זיצן...

— זעט — מאַכט דער גייער — די זון איז שוין אַזוי הויך, און איך האָב נאָך אויף שבת קיין סימן און קיין צייכן נישט. —

— אַוועק! — טרייבט דער אַרענדאַר, טרינקענדיק...

— שענקט מיר כאָטש — רופט זיך אָן דער גייער — אַ ביסן אין מויל אַריין. די נשמה צו דער כאַפּן... כאָטש וואַסער אַ טראָפּן; ס'ברענט אַזוי די היץ...

שלינגט די אשה די געזאַלצענע טרערן און שווייגט. קאָנען די קינדער נישט צווזען דער מוטערס צרות און דעם גייערס נויט, און הייבן זיך אויף, און גייען אַוועק פון טיש, טיפער אין גערטל אַריין, און דער אַרענדאַר שפּרינגט אויף מיט גרויס גרימצאָרן:

— בעטלער־קבצנים, האָב איך פיינט, הערסט?! כ'רוף דעם משרת, ברעכט ער דיר אַ ביין!

הייבט דער גייער צוריק אויף דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס, קרעכצט אָפּ און, האַלטנדיק אין גיין, פרעגט ער:

— און פאַר גאָט, אַרענדאַר, האָט איר גאָר קיין מורא נישט?

— ניין!

און ער צעפּראַלט זיך, דער עם־הארץ:

וואָס קאָן אים גאָט טאָן?

„וועט ער שיקן אַ פייער פון הימל און אַוועקלאָזן די הייזער, ברוי־

הייזער און די מילן, מיט די שפּייכלערס מיט תבואות — מיטן רויך, בלייבן אים נאָך אַלץ די פּאָלוואַרקעס מיט וואַלד און פעלד...“

און דער אַלטער מעד שטייגט אַלץ מער און מער אין קאָפּ אַריין. און ער באַרימט זיך ווייטער:

„און זאָל ער יאָרן־לאַנג נישט לאָזן וואַקסן אין פעלד, בלייבט אים נאָך אַלץ די והותר: מזומנים אין קאַסע, וועקסלען אין טייכטער...“

„און זאָל ער שיקן גנבים, זיי זאָלן אויפֿברעכן די קאַסע און צונעמען אַלץ... מאָנט ער אַלץ די חובות אָפּ... זיין פּריץ איז דער שופט, און וועט אים גלייבן אויפן וואָרט.

צעוויינט זיך די אָרעמע אשה, די ווערטער הערנדיק, אויף אַ קול, און גייט אויך אַוועק פון טיש... צעלאַכט זיך פלוצלינג דער גייער און נעמט זיין וועג, און פאַרשווינדט צווישן די ביימער. און דעם אַרענדאַר ווערט עפּעס אין אַלע אברים היים.

נעמט ער אַ האַנטעך פון שטוב אַרויס און גייט זיך באָדן צו דער ווייסל.

קאַפּיטל 3

אַ פויגל לאַכט
און דער אַרענדאַר בלייבט א נאַקעטער.

באָדט ער זיך אַזוי און קילט זיך, און שעפּט נחת פון קאַלטן וואַסער, און שווימט — אַ יונג מיט ביינער געווען! — מיטן וואַסער, קעגן וואַסער, און אַרום און אַרום דער קעמפּע, וואָס אין דער מיט פון דער ווייסל הינ־טער צווזמער, און מאַכט קונצן אַלערליי: אויפן רוקן און טריט־וואַסער, און לייגט „שטילע הענט“ — —

דערהערט ער פלוצלינג פון דער קעמפּע, פון צווישן די נידעריקע ביימלעך, וואָס וואַקסן דאָרט, אַ פויגל־קול, פאַרנעמט אים דאָס קול; ער האָט נאָך אַזאַ שפּילן פון אַ פויגל נישט געהערט...

האָט ער דאָך תאווה צו אַלעם; מוז ער דעם שפּיל־פויגל האָבן, אין שטוב אין אַ שטייגל האַלטן, אַזאַ שפּיל־פויגל האָט דער פּריץ נישט!

שפּרינגט ער אויף דער קעמפּע אַרויף — דערזעט ער דעם פויגל...

אויף אַ צווייגל פון אַ נידעריק ביימל איז ער, דער פויגל, געשטאַנען, און, אַחוץ דעם זיסן קול, אַ פויגל — אַ פאַרנעמעניש; אַ גאָלדענער פויגל,

און רואיק שטייט ער זיך, דער פויגל, און זינגט זיך זיין ליד, גלייך ער זעט זיין שונא נישט.

שלייכט ער זיך, דער אַרענדאַר, צוםביימל צו, און שפּרינגט אונטער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און כאַפּט — לופט אין דער פויסט אַריין. דער פויגל האָט זיך איבערגעהיפּט אין דער שטיל, אויף אַ צווייג — אַן אַנדערן, אויפן ביימל פון דער צווייטער זייט...

גייט ער נאָך, דער אַרענדאַר, אויף די נעגל, שפּרינגט ער ווייטער אונטער, היפּט דער פויגל ווייטער שטיל אַוועק, און שטייט שוין אויף אַן אַנדער ביימל. שלייכט ער זיך ווידער צו, היפּט דער פויגל, ביי זיין שפּרונג, צון אַ דריטס אַוועק, און שטייט שוין ווייטער, און שפּילט! שלייכט ער זיך אים אַלץ נאָך און נאָך, פון צווייג צו צווייג, פון ביימל צו ביימל... ער שפּרינגט, דער פויגל היפּט... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער אַרענ־דאַר פאַלט אין כעס אַריין און רופט צום פויגל אַזוי:

— וואַרט, וואַרט! כאַפּן וועל איך דיך שוין, מיך וועט נישט מיד מאַכן קיין פייגעלע, נאָר שוין נישט דיין זינגען וויל איך אַצינד, איך האָב דיך שוין פיינט! וואַרגן וועל איך דיך, פייגעלע, און וואַרפן פאַר מיין הונט.

צעלאַכט זיך פלוצלינג דער פויגל ווי אַ מענטש, און גיט אַ שאָס אַרויף אין דער הייך, און פאַרשווינדט אונטערן הימל.

בלייבט דער אַרענדאַר שטיין פאַרטומלט. עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז דאָס זעלבע קול, מיט וועלכן דער אָרעמער גייער האָט געלאַכט. לאָזט ער זיך מרה־שחורהדיק, צוריק אין וואַסער אַריין און שווימט, שוין אָן גבורות און קונצן, צוריק איבער דער ווייסל, צום אָרט, וווּ ער האָט זיך אויסגעטאָן, און געפינט די זאַכן נישט!

קאַפּיטל 4

דער אַרענדאַר נעמט ביי זיין אייגן הויז קצבה
און אַנטלויפט צום פּריץ.

דער אַרענדאַר האָט דערזען, אַז די זאַכן זענען נישטאָ, האָט ער, ווי דער שטייגער איז פון אַ גראָב נפש, אָנגעהויבן צו פלוכן אויף אַ קול.

שעלט ער דעם גנב, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט אין אַזאַ הייט.

דערנאָך לויפט ער אויף און אָפּ ביים ברעג פון דער ווייסל און שרייט, און רופט — ענטפערט אים אַ צעריסן און דעמפּיק ווידער־קול פון נאָענטסטן שיטערן וועלדל.

די זון האַלט אין איין זינקען; קיין לעבעדיקע נשמה אויף וויזע און פעלד — לאַנג שוין אָפּגעשטעלט די אַרבעט — —

אַ מעסער *) קומט אָן צו שווימען איבער דער ווייסל; פון דאָרט וועט ער קיין הילף נישט באַקומען. און ער וועט דאָך נישט גיין אַ נאַקעטער איבער דער פאַרשטאָט. מען וואָלט געלאָפן אויף זיין בייז וווּנדער; געמיינט: משוגע געוואָרן דער אַרענדאַר...

דערווייל דערשפּירט ער הונגער: נאָכן באָדן מיטן שווימען, און אַזוי לאַנג אין מויל נישט געהאַט.

און קעלט דערצו: צוגעפאַלן אַ קילער אָוונט; עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן...

דערמאָנט ער זיך, אַז הונגער און קעלט זענען צוויי קבצנישע זאַכן; ווערט ער הונגעריק, באַפאַלט אים נאָך אַ גרימצאָרן אויף זיך אַליין: ווי לאָזט זיך אַ מענטש אַזוי אַראָפּפירן פון וועג דורך אַ נאַרישן פויגל; וואַרפט ער זיך אויף דער ערד מיט אַ שטומען כעס. —

און די אַראָפּגעלאָזטע זון קוקט אַרויס פון דער ווייסל מיט אַ ברענענדיקער ראַנד, גלייך זי שפּעט אים אויס.

די יידישע הייזלעך אויפן רוקן פון בערגל הייבן אָן דערווייל אויפצושיינען, אין די פענצטערלעך בליצן שבתדיק, נהתדיק.

אין פאַרשטאָט צינדן זיך פּאַמעלעך אָן די קליינע פּויערישע פענצטערלעך און פרייַלעך טאַנצן די פייערלעך; פייערלעך וויזן זיך אויך אויף די שווימענדיקע פּאַסן איבער דער ווייסל.

קומט אים אויס, אַז דאָס אַלץ איז אים להכעיס...

איז ווייניק, שווימען נאָך אין דער שטילקייט קלאַנגען פון אַלע זייטן: פון שטאָט — „קבלת שבת"; פון פאַרשטאָט — דאָס געזאַנג פון פויערישן יונגוואַרג אין גאַס; אויף אַ פּאַס שפּילט עמעץ מאַנדאָלינע; אַ פייפערל העלפט אונטער...

און ער מוז דאָ ליגן אין געהאַקטע ווּנדן...

צערייצט עס אים נאָך מער.

---

*) פּאַס, טראַטווע.

ליגט ער אויף דער ערד, און בייסט די נעגל פֿאַר כּעס, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז אַלץ איז שטיל און אויסגעלאָשן געוואָרן. און הייבט זיך אויף, און לויפֿט אַהיים אויף אונטערוועגן, איבער די וויזן; נעץ אַרויס, נעץ אַריין...

קומט ער, אָן אָטעם און קוים אַ לעבעדיקער צו צום הויז, איז עס שוין איינגעהילט אין חושך: טיר און טויער פֿאַרהאַמערט. די פֿענצטער — פֿאַרמאַכט און פֿון אינעווייניק פֿאַרלאָדנט...

פֿאַלט ער ערשט רעכט אין כּעס אַריין:

— כאַליעז שוין; נישט געוואַרט אויפֿן באַלעבאָס!

ער וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט אַלע; מיט דער פּלוניתטע דער עיקר... דעם משרת וועט ער אַרויסטרייבן ווי אַ הונט...

און גיט אַ לויף צו צום טויער, און הייבט אָן קלאַפּן מיט די פֿויסטן.

לויפֿט פֿון קיך, אויפֿן הויף אַרויס, דער משרת מיט אַ געשריי:

— איי, דו, שלעפּער איינער! דאָ איז נישט קיין אורחים־הויז! דער באַלעבאָס וועט דערהערן, הייסט ער דיר ברעכן אַ ביין!

פֿאַלט עס דעם אַרענדאַר, ווי אַ בליי אויפֿן האַרץ; די ווערטער האָט ער דעם אָרעמען גייער געזאָגט: „ער וועט אים הייסן ברעכן אַ ביין!“

דערווייל איז דער משרת צוגעקומען און אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַרע פֿון טויער. דערזעט ער אַ נאַקעטן, כאַפּט ער זיך אָן ביי די זייטן פֿאַר געלעכטער:

— אַ נאַקעט משוגעת, כאַ־כאַ־כאַ!

לאַכן דעם אַרענדאַר אין די אויערן: דער משרת, דער גייער און דער פֿויגל צוזאַמען. לויפֿט ער אַוועק צום פֿענצטער פֿון זיין שלאָף־שטוב.

דערהערט ער, ווי אַ קול פֿון אַ מאַנספּאַרשוין, נאָר עפּעס אַזוי ענלעך צו זיין אייגן קול, פֿרעגט אין שטוב מיט גרויס וווּנדער:

— גיטעלע, ווער קאָן דיך עס רופֿן ביינאַכט, און אירצט דיך אַפֿילו נישט?!...

— כ'ווייס נישט, מיין מאַן — הערט ער גיטעלעס ענטפֿער — עפֿן אויף לאָדן און פֿענצטער, און גיב אַ קוק — אפֿשר האָט זיין ליבער נאָמען, וואָס האָט דיך איבערגעביטן, דיר אַ מצווה צוגעשיקט...

„איבערגעביטן? ווען? ווי אַזוי פֿאַרביטן?“ אַרבעט אומזיסט דעם אַרענדאַרס מוח. עפֿנט זיך דערווייל, פֿון אינעווייניק, דער לאָדן, דער־נאָך דאָס פֿענצטער, און עמעץ קוקט אַרויס — —

ווערט דער אַרענדאַר שוין גאָר צעטומלט: זיין פּנים, זיין העמד, רויט אויסגעגייט — אויך נאָכגעמאַכט דעם פּריץ! — און זיין שלאָף־מיצל מיטן זילבערנעם קווייטל —

און יענער — הערט ער — זאָגט:

— גיי נישט צו, גיטעלע, עפּעס אַ גאַקעט משוגעת... אַ רחמנות! דערלאַנג מיר פאַר אים עפּעס, די חרפּה צוצודעקן; נאָר אַלמוואָרג, גיטע־לע, ער וועט אין זיין משוגעת סיי ווי סיי אַלץ פון זיך אַראָפּרייסן...

— גיב, גיטעלע, אַ העמד, אַ פּאָר פּלודערן... און אַ היטל — מיטן בלויזן קאָפּ איז ער אויך! — און אַ חלה, גיטעלע — ער איז אַוודאי אויס־געהונגערט, נעבעך!

בלייבט דער אַרענדאַר פאַרשטיינערט. און אין אַ ווייַלע אַרום זעט ער מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי „יענער" וואַרפט אים דאָס אַלץ אַרויס! און דאָס פענצטער ווערט באַלד פון אינעווייניק פאַרמאַכט און פאַרלאָדנט...

— אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן — ברעכט זיך דער אַרענדאַר די הענט — עפּעס אַ שווינדלער געקומען, פאַרשטעלט זיך און צוגענומען מיין האָב און גוטס...

לויפט ער צו צום לאָדן פון דער קינדער־שטוב, קלאַפּט אָן און רופט:

— יענקעלע, משהלע, שיינדעלע! אייער טאַטע קלאַפּט! עפנט אויף! ס'האָט אים אַן אומגליק געטראָפן...

זענען, אַפּנים, די קינדער נאָך נישט געשלאָפן.

ענטפערט יענקעלע פון בעט אַרויס:

— מאַכט נישט קיין חוזק, ייד... מיין טאַטע איז ערשט די רגע דאָ געווען... די קישנס מיר פאַרריכט...

משהלע באַרימט זיך:

— מיט מיר קריאת־שמע געלייענט...

שיינדעלע מיטן קלינגענדיקן קולכל באַשטעטיקט:

— יאָ, יאָ! און אונדז אַלע דריי, צום ערשטן מאָל, געקושט... אַ „גוטע נאַכט" געזאָגט...

— מיט מיר וועט ער אַלע אָוונט קריאת־שמע לייענען! — באַרימט זיך משהלע ווייטער.

און יענקעלע שיט צו זאַלץ אויף די ווונדן!

— און היינט אין שטאָט געווען, דער טאַטע! פאַר אונדז אַ מלמד באַשטעלט; ר'וועט קומען מוצאי־שבת, באַלד נאָך הבדלה וועט ער קומען, יאָ, יאָ!

גיט נאָך שיינדעלע, נאָך אַ ישוב, צו:

הערט, ר' ייד! גאָרן דאַרף מען נישט... נאָר אויב עס פעלט אייך עפּעס, האָט קיין מורא נישט, קלאַפּט אָן ביים טאַטעשעס פענצטער... וואָרום, די מאַמע זאָגט, אַז גאָט, ברוך הוא, האָט אויסגעהערט איר געבעט, און דעם טאַטן א י ב ע ר ג ב י ט ן, אַ גוטן ווילן טאַטן האָבן מיר אַצינד! —

„שלעכט, דאָ איז אַ שרעקלעכער שווינדל געשען! — פּלאַמט אויף אין אַרענדאַרס מוח — אָפּגענאַרט דאָס ווייב, די קינדער; מען מוז, כאָטש האַלבער נאַכט, לויפן צום פּריץ! אין קייטן וועט ער אים פאַרשיקן!"

קאַפּיטל 5

דער אַרענדאַר באַקומט שמיץ
און שלאָפט איין אין דאָוו ביים וועג.

וועט ער דאָך נישט לויפן נאַקעט, און די גערדערים ליגן אים נישט אויף איין אָרט; לויפט ער צוריק צום ערשטן פענצטער, כאַפּט און מאַכט צוויי־דריי בים פון קוילעטש, ציט אויף זיך אַרויף די בגדים, טראַכטנדיק דערביי מיט כעס:

„אהא! דאָס האָט די פּלוניתטע, אונטער מיין ווייסן, פאַר די שנאָרערס אָנגעגרייט! באַצאָלט וועט וועט ווערן מיטן פּריצס הילף — מיט פּראָצענט!"

און ער לויפט.

לויפט ער איבערן געסל און שלאָגט זיך, אין איילעניש, אָן אין אַ בוים; פונקט אָן דעם בוים, אונטער וועלכן דער אָרעמער גייער איז געשטאַנען.

— תלין מיינער! — שרייט ער אוים — גלייך יענער וואָלט נאָך דאָרט געשטאַנען, און לויפט אַרוים, מיט שוויים באַדעקט.

צום פּריץ איז אַ מהלך. זומער איז די נאַכט נישט קיין גרויסע, קומט ער צו צום הויף, הייבט שוין אָן גרויען דער טאָג.

זעט ער דורך די אייזערנע שטאַכעטן, אַז דער פּאַלאַץ איז באַלייכט; עס רודערט זיך אין פּאַלאַץ. אין גרויסן, ברייטן הויף שטייט געשפּאַנט דעם פּריצס קאַטש, די פערד הירזשען און קלאַפּן מיט די פּאָדקאָוועס אָן

די שטיינער. — דער פּריץ קומט אַרויס, זעצט זיך אין קאַטש אַריין, מען עפנט דעם טויער... אַ קנאַק מיט דער בייטש, די קאַטש רירט זיך פון אָרט — אַרום דער קאַטש רייטן פיר פון פּריצס קאָזאַקלעך, מיט שטורקאַצן אין די הענט; נאָך דער קאַטש די רעשט...

מען פאַרט אַרויס פון טויער.

מיין אַרענדאַר קלערט נישט לאַנג, גיט זיך אַ וואָרף פאַר די פערד אין דער בריט, דער שמייסער האָט קוים צייט געהאַט איינצוהאַלטן די פערד.

— וואָס איז? — פרעגט דער פּריץ פון קאַטש אַרויס.

לויפט צו צום אַרענדאַר אַ קאָזאַקל און בייגט צו אים אַראָפּ דעם שטורקאַץ, קוקט און ענטפערט צו דער קאַטש צו:

— עפּעס אַן אָרעמער ייד!

שפּרינגט אויף דער אַרענדאַר:

— פריין־לעב, חלילה, נישט קיין אָרעמער ייד... איך דיין אַרענדאַר, מיט אַ גייטיק משפּט... סכנת נפשות! אַ גנב, אַ שווינדלער —

— ווער עס איז — האַקט אים דער פּריץ איבער, ביז — איך פאָר צום סיים, —

און אַז דער אַרענדאַר וויל נישט אָפּטרעטן:

— זאָל ער גיין צום רבֿ! טרייבט אים פון וועג!

קאַרגן די קאָזאַקלעך פאַר אַ ייד קיין נאַהייקעס נישט; קאָלערט זיך דער אַרענדאַר, אונטער די שמיין, פון וועג אַראָפּ, אין ראָוו אַריין...

די קאַטש איז פאַרשוווּנדן.

שטיל איז געוואָרן. און דער געשמיסענער, צעווייטיקטער אַרענדאַר שלאָפט איין אין ראָוו ביים וועג...

קאַפּיטל 6

פון ראָוו צום רבֿ, — פון רבֿ אין הקדש אַריין.

נישט לאַנג איז דער אַרענדאַר געשלאָפן אין ראָוו...

קוים האָט זיך רעכט געריטלט דער מאָרגן, און פון די פענצטער אין פּאַלאַץ, די געביידן אַרום פּאַלאַץ, און פון די ווערבעס אין ביידע זייטן טראַקט האָבן זיך אויפגעהויבן פייגל, גאַנצע שאַרן מיטאַמאָל, און געלאָזט זיך מיט געוויש און געפּילדער אַרויף, אַרויף צום ליכטיקן הימל...

האָט עס אים אויפגעוועקט. פארשטייט ער נישט, וואָס ער טוט דאָ? וואָס עס ברעכן אים אזוי אלע ביינער? ווי קומט ער צו ליגן און שלאָפן אין ראָוו? וואָס פאר אַ קליידער טראָגט ער עס? וואָס פאר אַ בייזער חלום חלומט זיך אים?

פליט גראָד א פייגעלע נידעריק פארביי, מאכט א ראָד ארום זיין קאָפּ, קוקט אים מיט די לוסטיק־לאכנדיקע אייגעלעך אין פנים אריין; דערמאָנט ער זיך פלוצלינג אלץ מיטאמאָל, און כאפט זיך אָן ביים קאָפּ...

מען האָט אים באגנבעט און באשווינדלט, און דער פריץ, דער שופט, איז אוועק קיין ווארשע צום סיים! איבערגעלאָזט אים, ווי אַ יתום...

פאַלט אים איין: אַז מען מוז דערווייל אָפּראַטעווען די חובות ביי לייט.

לויפט ער צו דער פאָרשטאָט, קלאפט אָן ביים ערשטן בעסטן פויע־רישן בעל־חוב —

— איי, וואסיל, כ'דארף גראָד נויטיק געלט, גיב מיר אָפּ דעם חוב, אָדער אַ ראַטע אויפן חוב —

קוקט וואסיל דורכן פענצטערל ארויס און פרעגט:

— ווער ביסטו, ייד? וואָס פאַראַ חוב האָסטו ביי מיר?

— דערקענסט מיך נישט? איך בין דאָך דער ארענדאר!

צעלאכט זיך וואסיל אויף אַ קול און קומט ארויס מיט דער גאנצער משפחה פאר דער טיר.

— געפעלט אייך — פרעגט ער — אַזאַ משוגעת? טראָג דיך אָפּ, איך רייץ אויף דיר אָן די הינט...

לויפט דער ארענדאר צום צווייטן בעל־חוב, און טרעפט אים שוין פאר דער טיר.

מיט גראבלעס צום היי גייט ער. דערזעט אים דער פויער, לויפט ער צו צום פענצטערל, פויקט מיט די פינגער דורך דער שויב אין שטוב אריין און רופט:

— איי, קינדער! קומט ארויס, וועט איר זען א משוגענעם ייד...

און אזוי איבער דער גאנצער פאָרשטאָט. מען לויפט אויף זיין בייז ווונדער; מען ווארפט אים נאָך שטיינער און שטעקנס; די הינט רייסן אים די פאָלעס.

קוים א לעבעדיקער איז ער פון פאָרשטאָט ארויס, אין שטאָט אריין געקומען, און לויפט צו די יידישע בעלי־חובות...

און ער האָט שוין די עזה נישט צו זאָגן, אַז ער איז דער ארענדאר. זאָגט ער, דער ארענדאַר האָט אים געשיקט נאָך געלט! און גיט סימנים, און ווייסט און קאָן געבן אמתע סימנים... טרייבט מען אים פון טיר צו טיר ווי א סוטה: א ייד — משוגעת, קומט שבת נאָך געלט!

זעט ער, אַז ער איז אין גאנצן פארלוירן, זעצט ער זיך אנידער אין מיטן מארק אויף א שטיין און וויינט אין הארץ אין דער שטיל, מיט טרוקענע אויגן —

דער עולם גייט פארביי דאוונען, ווייזט אויף אים איינעם דעם צווייטן:

— נעבעך, א משוגענער ייד... ווער ווייסט פון וואנען...

יינגלעך שטעלן זיך אָפּ... מען ווארט נאָר, די עלטערן זאָלן אוועקגיין אין שיל אריין, וועט מען זיך נעמען צום משוגעת... מען זאמלט שוין שטיינדלעך אין די טאשן אריין.

כאפּט ער זיך אויף און אנטלויפט באצייטנס בארג־אראָפּ, צום וואַסער־צו, דערזעט ער זיך איינעם וואסער, דערקענט ער זיך נישט! גאָט, ווי ער זעט אויס: צעוואָרפן די האָר, צעקנייטשט און צעקנוידערט דאָס פנים, איינגעפאלענע ברענענדיקע אויגן... און עפּעס גרויער איז ער געוואָרן אי־בער נאכט! כאפּט אים אָן א גרויל: עפּעס איז ער אזוי ענלעך געוואָרן צום אָרעמען גייער, וואָס ער האָט ערשט געכטן פארטריבן...

לויפט ער, ווי משוגע, ביים ברעג פון דער ווייסל, א גאנצן שבת, אויף און אָפּ, ביז די זון איז אונטערגעגאנגען — דערמאָנט ער זיך פּלוצלינג, אַז דער פריץ האָט אים געהייסן גיין צום רב. ער וועט דעם פריץ פאָלגן, ער האָט קיין אנדערע עצה נישט — לויפט ער צוריק דורך הינטערגעסלעך אין שטאָט אריין צום רב, גייט שוין דער רב ארום איבער דער שטוב נאָך הבדלה.

פאלט ער אריין מיט א געשריי:

— רבי, איר מוזט מיך ראטעווען!

דערלאַנגט אים דער רב קודם כל — „שלום" און פרעגט, ווער עס איז. בלייבט ער שטיין:

— רבי, איך בין דאָך... דער ארענדאר בין איך דאָך... — שטאַמלט ער שוין מיט א נישט זיכער קול. צווייפלט ער שוין אליין, צי ער איז ווירקלעך דער ארענדאר.

קוקט אויף אים דער אלטער רב א לאַנגע ווײַלע מיט גרויס רחמנות, און זאָגט דערנאָך אזוי:

— דעם ארענדאַר, זאָגט ער — קען ער זייער גוט... זיצט דערוויילר' ייד...

זעצט ער זיך, דער ארענדאר, דער רב קעגנאיבער.

— פארשטייט איר מיך — זאָגט דער רב, נישט אראָפּלאָזנדיק פון ארענדאַר דאָס רחמנותדיקע אויג — ער איז ביי מיר פריטיק נאָכן אָנבייסן געווען, דער ארענדאר...

הערט ער אין געהאַקטע ווונדן, און דער רב פארציילט:

— ער האָט זיך, הערט איר, שטארק געענדערט, דער ארענדאר; גאָר איבערגעביטן...

— ווי הייסט? — וויל אויפשפרינגען דער ארענדאר.

לייגט אים דער רב אַ האַנט אויפן אקסל און זעצט אים צוריק, און דערציילט ווייטער:

— געווען, גערעדט אין פשטות אריין, אָן גאווה... א סך גערעדט... מענטשלעך... יידישלעך...

— און איבערגעלאָזט דערנאָך, א היפּש ביסל געלט פאר אָרעמע־לייט... און אויף הלבשה פאר תלמוד־תורה־קינדער...

— איר הערט? אפילו צוגעזאָגט צו געבן האָלץ פון וואלד, צו פאר־ריכטן די שיל...

— און געבעטן, איך זאָל אים, מוצאי שבת נאָך הבדלה, ארויסשיקן אַ גוטן מלמד פאר די קינדער...

דערמאָנט זיך דער ארענדאר אָן די קינדערס רייד און עס כאפּט אים אָן אַ ספּאזם אין האלדז, און ער קאָן שוין קיין וואָרט נישט ארויסברענגען.

און דער אלטער רב גיסט צונויף אין איין האנט אריין ביידע שפּיצן פון דער גרויער באָרד, און ער קוקט אויף אים א לאנגע ווײַלע מיט באַרעמהארציקע אויגן, און ענדלעך זאָגט ער:

— מילא, דער ארענדאר זענט איר נישט...

„אלא מאי, איר האָט אן איינרעדעניש... איז גם א שטראָף פון זיין ליבן נאָמען, מוז מען אָננעמען פאַר ליב...

„און דעריבער ראָט איך אייך, מיין ליבער ייד, גייט אין הקדש אריין... עס האלטן זיך דאָרטן אויף אַ חברה ארעמע לייט, נעבעכיקע מיט זיי איבער אין הקדש — און איבערפרי וועט איר באקומען קצבה גלייך מיט אלע אָרעמע יידן, און וועט אייך לאָזן מיט זיי צוזאַמען איבער דער וועלט...

„צו דער פּרנסה וועט איר גראָד טויגן...“

— רביצין! — רופט דער רב, זיך אויפהייבנדיק, אין דער צווייטער שטוב אריין — גיב דעם ייד א גלעזל ווארעמס... און אַז ער וועט עס אויס־ טרינקען, זאָג דעם שמש, ער זאָל אים אַפּפירן אין הקדש אריין. און זאָל ער, למען השם, זען, ער זאָל האָבן אַ שטיקל געלעגער אויף איבער נאַכט. ער וועט נעכטיקן, דער ייד... זאָל ער האָבן גוט צו שלאָפן... איך מוז גיין וועגן אַ מלמד פאַרן ארענדאר...

און שפּעטער, אַז דער שמש איז צו אים צוגעקומען, נעמען אין הקדש אריין, האָט זיך שוין דער אַרענדאר שטיל אונטערגעגעבן און געלאָזט זיך פירן...

קאַפּיטל 7

ביין א חברה קבצנים — א חתונה
אַריין אין אייגענעם בעט.

דער ארענדאר האָט זיך אונטערגעגעבן.

ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט אים זיין ליבער נאָמען גע־ שטראָפט פאַר די רייד...

ער האָט טאַקע נישט צוגענומען דאָס פארמעגן ביי אים, נאָר — אים פון פאַרמעגן...

— פאַרפאַלן!

און שוין יאָרן־לאַנג, אַז ער גייט ארום מיט די קבצנים איבער דער מדינה, פון ישוב צו ישוב, פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר. מיט אַ ביי־ טעלע אויף „גדולים“ * און „פרוטות“, און אַ טאָרבע אויף שטיקלעך ברויט און חלה איבערן האלדז.

אין דער התחלה האָט ער די גוטע צייטן געטריבן פון זיך מיט גע־ וואלד... דערנאָך זענען די זכרונות מטושטש געוואָרן...

ער פלעגט זיך נאָכאמאָל אויפכאַפּן ערגעץ אין אַן אורחים־הויז און אַ שריי טאָן:

— משרת! שפּאַן איין צום פריץ!

אָדער:

— גיטל, היינט מאך א שטרודל!

---

* גראָשנס.

אָדער אַראָפּשפּרינגען פון געלעגער:

— סאָקאָל! (אזוי האָט זיין הונט אמאָל געהייסן) עמעץ דרייט זיך ארום הויז!

און לייזן אַ פּסק פון חברים:

— האלט ס'מויל, משוגענער!

משוגענער האָט מען אים גערופן...

מיט דער צייט אָבער זענען די חלומות פון די גוטע יאָרן אויך פאַר־שוואונדן...

נאָך אַ יאָר און נאָך א יאָר, האָבן די אלטע צייטן אים אליין אויס־געזען, ווי אַ חלום...

און ער האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין חלום, מאלע וואָס...

ווער ווייס, ווער ער איז, פון וועמען ער שטאַמט, פון וואַנען ער קומט... ער האָט מיט דער צייט זיין נאָמען פאַרגעסן; צייט ער האָט אויפ־געהערט צו שרייען ביינאכט, רופט מען אים „שטיל משוגעת“, איז דאָס זיין נאָמען... ווען איז אזוינער עולה־תורה?

נאָך א צייט מיט יאָרן איז ארוים אין דער סביבה, ווו די חברה קבצ־נים האָט זיך געדרייט, א קלאנג, אַז ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָט וועט זיין זייער א רייכע חתונה, מיט אַ גרויסער אָרעמער סעודה.

קלויבט זיך די חברה קבצנים אהין צו דער חתונה; גייט „שטיל משו־געת“ אויך מיט דער חברה צוזאַמען.

איז אין שטאָט אריין א מהלך געווען... און אין יעדער קהילה שטייט מען אַ ביסל. נעכטיקט מען אין אורחים־הויז, מען נעמט „קצבה“ און עפּעס אָנצובייסן אויפן וועג...

קומט מען אַ ביסל שפּעטלער.

קוים געהאט צייט צו לויפן אין מרחץ אריין, זיך אויסצוואשן, בערד אויסצוקעמען און אָפּרייניקן די מלבושים. די אָרעמע סעודה איז גרייט, אין אַ סאלע די טישן געדעקט, מיט אלעם גוטן — צוויי פעסער ביר געעפנט, אַ פאַס מעד, אַחוץ פלעשער מיט יי״ש...

זעצט מען זיך ארום די טישן.

דער מחותן מיט דער מחותנתטע, און די כלה אין דערמיט — אויבנ־אָן; די סעודה איז געווען פון כלה־צד...

זיצט „שטיל־משוגעת“ און ווארפט אַן אויג אויפן טיש: באקאנטע טעלער, באקאנטע מעסער און גאָפּל, און לעפל... ער קוקט זיך בעסער צו: זייגע אותיות ביי דער פריוו...

הערט ער, ווי די מחותנתטע זאָגט:

— עסט, יידן, און טרינקט געזונטערהייט, און בענטשט מיר די כלה מיינע, און ווינטשט גוטע יאָרן דעם זיווג.

דערקענט ער דאָס קול; גיטעלעס קול.

הייבט ער די אויגן אויף: זיין טאָכטער שיינדעלע איז די כלה —

הייבט דער מחותן אויף אַ כוס און רופט:

— לחיים, יידן, לחיים!

איז עס זיין אייגן קול פון אמאָל...

דערשרעקט ער זיך, ווערט אים נישט גוט, פאַלט ער ארונטער אויפן אָנלען פון בענקל. —

זאָגט דער מחותן צו צוויי פון די סאַרווערס, וואָס דרייען זיך ארום טיש:

— נעמט דעם ייד, וואָס עס איז אים, לא עליכם, נישט גוט געוואָרן, אין דער שטוב אריין, וו עס ברענט אין אויוון, און טוט אים אויס, און לייגט אים אין בעט אריין... און איך וועל נאָכקומען זען, צי מען וועט, חס־ושלום, נישט דאַרפן אַ מומחה — אַ רופא, צי אַ דאָקטער...

קרימען זיך די סאַרווערס אַ ביסל — נאָר אַז דער מחותן הייסט, פאָלגט מען...

אין אַ מינוט ארום, ליגט שוין אונדזער ארענדאר אין זיין שטוב, אין זיין בעט, אויף זיין קישן, אונטער זיין איבערבעט, און קוקט פארהדולט אין פייער פון אויוון אריין... איז עס אַ בייזער ווייסטער חלום געווען?...

די סאַרווערס גייען, דער מחותן קומט אריין און פרעגט:

— נו, פעלט אייך עפּעס, אורח־לעב?

— ניין... און פאַרמאַכט די אויגן...

און אין אַ ווײַלע ארום עפנט ער זיי ווידער:

— איך וויל אייך עפּעס בעטן, באַלעבאָס! איר זאָלט אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן...

— חס־ושלום! — ענטפערט דער מחותן מיט אַ וואונדערלעכן שמייכל, — זאָגט נאָר בפירוש, וואָס איר ווילט... דאָס גרעסטע נחת פון אַ מענטש איז, אויב ער קאָן עפּעס צוליב טאָן אַ צווייטן...

קרעכצט דער בעל־עגלה אָפּ און זאָגט:

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך: ווער איז דער חתן אייערער און וואָס?

ענטפערט דער מחותן, מיט דעם זעלבן שמייכל און גאָרנישט פאַר־

וואַנדערט אויף דער שאלה — אַ רבֿס אַ זון, אַליין אַ למדן אַ גרויסער, און אַ מזג־טובֿ — מיט אַלע מעלות...

ציט זיך דער בעטלער אויס איבערן בעט:

— מעג איך שוין שטאַרבן! — זאָגט ער און הייבט אָן צו ציטערן אויפֿן גאַנצן לייב

— ניין, אורח־לעבן — זאָגט דער מחותן לאַכנדיק... מען שטערט נישט קיין יידישע שמחה! מען שטאַרבט נאָך נישט... אייך איז נאָר קאַלט, זעט, וואָס איך טו...

און ער כאַפּט דעם אורחס אַנטון פֿון בענקל אַראָפּ און וואַרפֿט עס אין פֿייער אַריין...

דאָס פֿעטע אַנטון צעפֿלאַקערט זיך אויפֿן פֿייער.

— איר — זאָגט דער מחותן — וועט נעמען אויף זיך מ יי נ ע, דאָס הייסט, אַ יי ע ר ע מלבושים — געננג שוין געליטן...

און כהרף עין וואַרפֿט ער פֿון זיך די מלבושים אַראָפּ און ער אַליין פֿאַרשווינדט...

דאָס אַכטע און לעצטע קאַפּיטל

ענדע גוט — אַלעם גוט.

איז מיטאַמאָל דעם אָרעמען אַרענדאַר אויפֿגעגאַנגען אַ ליכט אין די אויגן...

האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין אָפּגעקומען, אַז עס האָט זיך געענדיקט די שטראָף...

לויבט ער מיט גרויס פֿרייד גאָט אין האַרצן...

און עס באַנייען זיך אים פּלוצלינג די כוחות, און ער שפּרינגט אַרויס פֿון בעט, כאַפּט אויף זיך די איבערגעלאָזטע קליידער, און לויפֿט אַרויס — אַ מחותן צו די אָרעמע געסט...

זאָגט גיטעלע מיט אַ ליבן שמייכל:

— נו, מיין מאַן, נישט גלייבער אַזוי?

און שיינדעלע פֿאַלט אים אויפֿן האַלדז:

— טאַטעשי! אוי, אַ גוטער־דו ביסט, טאַטעשי!

אָן קראַנקן אָרעמאַן האָבן עפּעס אַלע גאָר פֿאַרגעסן...

נעילה אין גיהנום

(הומאָרעסקע)

איינמאָל, אין א גאַנץ געוויינלעכן טאָג, אָן א יאריד, אָן א טאַרג, האָבן די מאַרקלייט דערהערט א געקלאַפּעריי פון רעדער און אַ געשפריצעריי פון בלאָטע הינטער דער שטאָט. אינטערעסאַנט, ווער עס פאָרט אָן. אַ פערד זון בודקע קומט! באַלד אָבער, ווי די פערד און בודקע איז אין מאַרק אריין, האָבן זיך אלע אָפּגעווענדט אָן אַ זייט מיט אַ געמיש פון אָפּשיי, שרעק און צאָרן. מען האָט די פערד און בודקע דערקענט. דאָס פאָרט דורך פון דערבייאיקן שטעטל אין גובערניע אריין — דער מסור פון דאָרט! איין גאָט ווייסט, וועמען ער וועט צורעכט מאַכן.

פלוצלינג ווערט עפעס שטיל. נישט ווילנדיק קוקט מען זיך אום: די בודקע שטייט, דאָס פערד מיטן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיפט פויל פון בלאָטע וואַסער, און דער מסור איז ארונטערגעפאַלן אויפן געזעס און ליגט אויסגעצויגן.

פאָרט אַ נפש, לויפט מען צו — טויט, ווי אלע טויטע. דער אָנגעקומענער מומחה זאָגט: פאַרטיק! חברה=לייט נעמען זיך צום מת מצווה...

גייט פערד און בודקע אויף קבורה=געלט, מען באַהאַלט דעם מסור, ווי עס איז אים געקומען, און לאַפּיטוטן, וואָס ווו מען זייט זיי נישט, גייען זיי אויף, כאַפּן די נשמה צום גיהנום און געבן זיי איבער צו די טויערלייט.

פאַרהאַלט מען דעם מסור אַ ווייל אין טויער, און דער טויער=לאַפּיטוט, וואָס פירט די ביכער פון אריין און ארויס אין גיהנום, פרעגט אויס, געלאַנגווייל און גענעצנדיק, און פאַרשרייבט מיט א פוילער פען אין בודריין: ווער, ווען און וואָס.

דער מסור — אין גיהנום אויס בריה! — ענטפערט:

דאָרט און דאָרט געבוירן, דאָ און דאָ אַן אײדעם געוואָרן, קעסט געגעסן, נאָך קעסט געלאָזט דאָס ווייב אַן עגונה און אַריבערגעכאַפּט זיך אַהין און אַהין און האָט זיך גענומען צו דער פּרנסה, וואָס ער האָט געפּירט, ביז עס איז נישט פול געוואָרן די מאָס.

פּונקט איז ער העמלט דורכגעפאָרן אויף זיין פערד און בודקע איבערן מזרח פון לאַ-האַ-דאַ-ם — — —

דאָ איז פּלוצלינג דער לאַפּיטוט, וואָס פירט אין גיהנום-טויער די מעטריקל-ביכער, אינמיטן פון אַ גאַנצער פאַראינטערעסירט געוואָרן:

— ווי זאָגסטו? לאַ-הא — — —

— לאַהאַדאַם! — חזרט איבער דער מסור.

דער טויער-לאַפּיטוט רויטלט זיך אויפן פּנים, און די אייגעלעך באַווייזן זיך ליכטלעך פון פאַרוואונדערונג:

— געהערט פון אַזאַ שטעטל? — ווענדט ער זיך צו זיינע געהילפן.

יענע דריקן די אַקסל, שאָקלען מיט די קעפּ אין דער ברייט מיט אויסגעשטרעקטע צינגער.

— נישט געהערט.

— פאַראַן אַזאַ שטעטל?

אין גיהנום האָט יעדע קהילה איר בוך, אויסגעשטעלט זענען די ביכער לויטן אַלף-בית. יעדעס אות האָט איר שאַנק. מען קוקט דורך אַלע ביכער פון דער למ"ד: לובלין, לעמבערג, לייפּציק — וואָס איר ווילט, קיין לאַהאַדאַם!

— דאָך פאַראַן! — זאָגט דער מסור — אַ שטעטל אין פּוילן!

— פון נעכטן, פון אייערנעכטן?

— ניין, שוין פון אַ יאָר צוואַנציק. דער פּריץ האָט אויפגעבויט, צוויי יארידים געגעבן. פאַראַן אַ שול, אַ בית-המדרש, אַ באָד, און אַ מקווה.. צוויי טריפהנע שענקען...

— איז שוין אַמאָל עמעץ געווען פון להד"ם? — פרעגט איבער דער טויער-מאַן זיינע געהילפן.

— קיינמאָל נישט! — ענטפערט מען.

— וואָס, דאָרט שטאַרבט מען נישט? — פרעגט מען דעם מסור.

— פאַרוואָס זאָל מען נישט שטאַרבן? — פרעגט ער גאַנץ יידישלעך צוריק. — ענגע און דושנע חדרים, אַ מקווה, וו מען קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן. דאָס גאַנצע שטעטל, ווי אַ זומפּ!

ער איז אַרויף אויף מסור-לשון...

— א בית-החיים פאראן! חברה קדישא שינדט די הויט. ערשט נישט לאנג אפילו (דערמאָנט ער זיך) אן אונטערגאנג געווען...

דעם מסור באשטימט מען, ווו מען דאַרף, און וועגן דעם שטעטל לאַהאַדום גיט מען צו וויסן, ווו מען דאַרף, עס מוז דאָך עפּעס זיין. אַ צוואַנציק-יאָריק שטעטל, און מיט אן אונטערגאנג — און קיין איין מת פון דאָרט.

שיקט מען אַרויף שליחים געווויר ווערן, וואָס דאָס באַטייט.

פליען די שליחים אַרויף און קומען נאָך אַ צייט צוריק...

— אמת!

און די זאך איז די: אַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך, מיט א ביסל מצוות און מעשים-טובים און א סך זינד. פּרנסה; דער יצר-הרע גייט אויך נישט ליידיק. אלא וואָס דען? אַ בעל תפילה האָבן זיי שוין אזוינעם! ער אליין — גאָרנישט! נאָר אַ קול נגינה האָט ער, אַזאַ ווייגעדיק האַרציק קול, וואָס זאַפּט זיך אַרויין אין די הערצער פון אייזן און מאַכט זיי צעגיין, ווי אַ וואקס. און קוים שטעלט ער זיך צום עמוד — טוט דער עולם מיטאמאָל תשובה, און מיטן גאנצן הארץ, אַלע ווי איין מענטש און אליץ ווערט אויבן אָפּגעמעקט און פארגעסן, און די טויערן פון גן-עדן שטייען אָפן פאר גאנץ לאהאדאם. קומט איינער און זאָגט פון לאהאדאם: פרעגט מען שוין נישט איבער!

פארשטייט זיך, אז פארן גיהנום איז עס קיין עסק נישט, און דאָס געשעפט נעמט אויף זיך דער בעל דבר אליין. ער וועט שוין מיט אים פארטיק ווערן.

וואָס טוט ער, דער בעל דבר?

לאָזט ער זיך ברענגען פון ד ע ר וועלט אראָפּ אַ לעבעדיקן קאַלקוטער האָן מיט א קאם רויט שברויט און שטעלן פאר זיך אויפן טיש.

דער האָן, אַ צעשראָקענער און אָפּהענטיקער אין אַזאַ נייער סביבה, האָט זיך סיי-ווי-סיי קיין ריר נישט געטאָן, און דער בעל-דבר נעמט נאָך, ימח שמו, און דרייט אים אַרום, און זיצט פאַר אים, און לאָזט פון אים און זיין רויטן קאם קיין אויג נישט אראָפּ, אזוי לאנג און אזוי ברייט, ביז עס איז אָנגעקומען די „רגע-באפו“, אין דער רויטער קאַם איז ווייס געוואָרן ווי א קאלך. זעט ער, אז אויבן דער כביכול איז אריין אין רעכטן גרימצאָרן, גיט ער, ימח שמו, אן אויסגעשריי:

— זאָל ער זיין קול נגינה פארלירן! ביזן טויט אריין!

ווען ער האָט געמיינט, ווייסט איר דאָך, און איידער דער קאָם פון קאָלקוטער האָט איז צוריק רויט געוואָרן, האָט שוין דער בעל־תפילה פון להד״ם זיין קול נגינה פארלוירן. געשלאָגן געוואָרן דער האלדז, קוים וואָס ער ברענגט ארויס א וואָרט.

געוואוסט, פון וואנען די מעשה שטאמט, האָט מען, דאָס הייסט: גוטע יידן האָבן געוואוסט, אויך אפשר נישט אַלע. נאָר ווער וועט אים אזוינס אויסזאָגן, אַז מען ווייסט? — עס איז פארפאלן. וואָלט דער בעל־תפילה אליין עפּעס געווען, וואָלט מען געקאָנט פועל־יוצא זיין, אָבער אַז ער אליין איז אַ קל, א גאָרנישט...

פאָרט ער ארויס פון איין גוטן ייד צום צווייטן — און גאָרנישט. איינמאָל האָט ער זיך אָבער צוגעשטעלט צום אַפּטער צדיק, נישט אָפּצו־רייסן. ער וועט נישט ארויסגיין פון שטוב. און אַ צער צוצוזען איז. וויל אים דער אַפּטער טרייסטן:

— זיי ווייסן, זאָגט ער, אַז דיין הייזעריקייט וועט נאָר זיין ביז פּטירה, ווידוי וועסטו זאָגן מיט א לויטער קול, אַז מען וועט הערן אין אלע הימלען.

— און ביז אהין?

— איז פארפאלן!

שטייט ער נאָכאמאָל צו:

— פארוואָס, רבי? פאר ווען?...

און מאַטערט אזוי לאַנג, ביז דער אַפּטער צדיק האָט אים אַלץ אויס־געזאָגט.

— אויב אזוי — שרייט אויס דער הייזעריקער בעל־תפילה — וועל איך מיך גוקם זיין — און לויפט ארויס...

— ווי אזוי און אָן ווענען?

רופט אים דער צדיק; זיין געביין איז שוין אָבער נישטאָ.

דאָס איז געווען דינסטיק, אנדערע זאָגן: מיטוואָך, און דאָנערשטיק פארן אָוונט, די פישער פון אַפּט גייען צום וואסער פיש כאַפּן לכבוד שבת. די נעץ ווערט שווער, מען ציט ארויס: דער בעל־תפילה, א דערטרונקענער!

ער האָט זיך פון בריקל אראָפּ אין וואסער אריינגעוואָרפן. פאר ווידוי זאָגן, האָט ער זיין קול נגינה, ווי דער אַפּטער צדיק האָט׳ם מבטיח געווען, צוריק באקומען, ווייל דער בעל־דבר האָט געזאָגט: ביזן טויט אריין! נאָר ער האָט אינעם פאלן און טרינקען קיין ווידוי נישט געזאָגט און דאָס קול אין זיך באַהאַלטן, און דאָס איז זיין נקמה געווען, ווי איר וועט ווייטער זען...

דעם בעל־תפילה טוט מען זיין רעכט, ווי א מאבד עצמו לדעת, און די לאפּיטוטן כאפּן די נשמה אין גיהנום אריין. אין טויער, מען פרעגט, ער ענטפערט נישט. מען דערלאנגט אים מיט א שפּיז, מיט א ברענענדיקער קויל — ער שווייגט.

— נעמט אים אזוי!

מען ווייסט דאָך, ווער, און וואָס; מען האָט דאָך אויף אים געלאקערט. פירט מען אים אריין, ווו מען דארף, שטעלט מען אים ביי א קעסל, וואָס מען הייצט אונטער פון זיינעטוועגן, ער וועט אויפקאָכן, וועט מען אים ארייַנוואַרפן! און ער דערוויל גיט זיך כאפּ דעם גראָבן פינגער צום גאָרגל און א לאָז אריין:

— יתגדל!

דעם קדיש פון נעילה...

ער זאָגט — און דאָס קול שטארקט זיך און צעגייט זיך אויף אלע זייטן, ווי אמאָל, נאָך בעסער, נאָך זיסער, נאָך הארציקער ווי אמאָל... און אין די קעסלען, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט ביז אהער גערויש, גע־שריי און געיאמער, ווערט פלוצלינג שטיל, דערנאָך הייבט מען אָן אונטער־צוהאַלטן. די רעקן הייבן זיך אויף, קעפּ שטופּן זיך אַרויס, אָפּגעברענטע מיילער האַלטן אונטער...

די לאַפּיטוטן ביי די קעסלען זאָגן נישט נאָך, אָבער פארטומלט און דערשראָקן האָבן זיי זיך אינגאנצן פארלוירן, און בלייבן שטיין, ווער מיט א שייט האָלץ, צום אונטערוואַרפן, ווער מיט אַן אייזן צים אונטערשאַרן דאָס פייער, ווער מיט אַן אייזערנעם גאָפּל צום אויסמישן — אין די הענט, די מיילער אָפּן, די צונגען ארויסגעלאָזן, די פּנימער אויסגעקרומט, די אויגאנעם קיילעכדיקע, אנדערע פאלן אריין אין א מין נכפּה און פאלן, און וואַרפן זיך אויף דער ערד... און דער זאָגט נעילה און זאָגט... און דאָס פייער אונטער די קעסלען גייט אויס, לעשט זיך... די מתים הייבן אָן ארויסצוקריכן...

ער זאָגט, דער עולם נאָך, מיט הארץ, מיטן גאַנצן הארץ. און די לייַ־בער, וואָס וויַיטער אין דער תפילה, היילן זיך, ווערן גאַנץ, פלייִשן זיך באַ־העפטן זיך, הויטן וואַקסן צוזאַמען און אויסגעלייַמערט ווערן זיי...

און ווען ער קומט אין דער הויכער שמונה־עשרה צו „מחיה־מתים“, ווערן פלוצלינג ממש ווי לעבעדיקע, ווי ערשט געקומענע. און זיי זאָגן מיט איין קול נאָך: אמן. און ביים אמן, יהאי שמיה רבא... ווערט אזוי געפּיל־דערט, אַז די הימלען אין דער הייך עפענען זיך, און די תשובה פון רשעים

דערגרייכט צום זיבעטן הימל, צום כסא הכבוד צו, אז א שעת־רצון איז געווען, אפנים, און אלע רשעים, שוין אייגנטלעך צדיקים, האָבן פלוצלינג פליגל באקומען און איינס נאָכן אנדערן פון גיהנום ארויסגעפלויגן און די טויערן פון גן־עדן פאַר זיך אָפן געפונען...

געבליבן אין גיהנום זײַנען נאָר די לאפיטוטן, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין דער נכפּה און געקוילערט זיך אויף דער ערד, און דער בעל־תפילה אליין, וואָס ווי ער איז געשטאנען, איז ער שטיין געבליבן...

אלע, ווי ביים לעבן, האָט ער צו תשובה געבראַנגט, ער אליין האָט קיין רעכטע תשובה געקאָנט טאָן. און א מאבד עצמו לדעת:

— — — — — — — — — — — — —

מיט דער צייט איז דאָך דאָס גיהנום צוריק פיל געוואָרן.
מען האָט צוגעבויט, און עס איז ווידער ענג. —

דער בעל־שם פירט אוים א שידוך

אַ נייע מעשה פון בעל־שם

גערוידמעט אנסקי, דעם זאַמלער.

האָט אין אַ שטעטל ביים ברעג פון בוג געלעבט אַ פּאָרפאָלק, וואָס זיין ליבער נאָמען האָט מיט קינדער נישט געבענטשט. און דאָס פּאָר־פאָלק — שמואל וזוגתו טריינע־מירל — האָבן אפילו קיין קלער נישט געטאָן וועגן אַ גט, און אַלץ ווייטער און ווייטער געלעבט, ווי אונטער דער זון.

און די שטאָט האָט נישט געמורמלט און דאָס בית־דין־צדק — נישט געוווערט. מען האָט געוווסט, אַז נפשו קשורה בנפשה אין אַזוי פאַרקערט, און זיי זענען איינס מיט אַן אַנדער אַזוי פאַרבונדן און פאַרקניפּט, אַז רעדן פון א גט וואָלט געהייסן צוגיין מיט אַ חלף. —

פאַר דאָס איז דער שמואל — אַ דאַנציקער ס ו ח ר — אַ גרויסער מוצלח געווען אין זיינע עסקים. און מען ווייסט אפילו, פון ווען אָן די הצלחה האָט זיך אָנגעהויבן, פון וואַנען זי שטאַמט און אָן וואָס זי האַלט זיך.

איינמאָל, שמואל איז נאָך אין די פעדערן נישט געווען, טריינע־מירל איז נאָך אין עזרת נשים ביי דער קראַטע נישט געשטאַנען, קיין בריליאַנ־טענע הענגלאווירינג נישט געטראָגן — געהאַנדלט מיט אַ קליין ביסל גע־הילץ, צוגעבונדן צוויי דריי טראַטוועס צון אַ גרעסערן סוחרס טראַנספּאָרט און אַ קליין הייזל געהאַט, אויף הילצערנע פיסלעך, אונטער אַ שטרויען דעכל — טרעפט זיך אַ מעשה, ערב שבת, דער בעל־שם פאָרט איבערן שטעטל אהיים, און פונקט — ווי עמעצן איז באַשערט! — פונקט פאַר שמואלס טיר צעברעכט זיך אַן אַקס. שמואל און טריינע־מירל זענען אַרוים פאַר דער טיר, אַריינגענומען דעם בעל־שם — נישט וויסנדיק אפילו, ווער ער איז, נאָר גלאַט אַ ייד! — צו זיך, געשיקט נאָך אַ סטעלמאַך, צו

פאַרריכטן די אָקס; איידער וואָס, איידער ווען — נאָך צוועלף, דער בעל=שם בלייבט שוין אויף שבת. און אַ מכניס אורח איז שמואל פון אייביק אָן, און טריינע=מירל האָט אויך אַ גוט אויג און אַן אָפן האַרץ פאַרן אורח — האָט זיי טאַקע פון דעמלט אָן אָנגעהויבן צו שיינען דאָס מזל. און אַזוי ווי עס איז שוין געוואָרן אַ מנהג, אַז ווען דער בעל=שם פאָרט דורכן שטעטל, שטעלט ער זיך אָפּ ביים פּאָרפּאָלק, האָט טאַקע דאָס מזל געשיינט. וואָס אַמאָל שענער... וואַקסט די צאָל טראַטוועס, וואָס שמואל שיקט קיין דאַנציק, פון יאָר צו יאָר, און אַזוי די צאָל פערל אויף טריינע=מירלס האַלדז, און עס וואַקסט דאָס הויז, צוגעבויט אַ שטוב נאָך אַ שטוב, און צוויי שטיבער פאַרן גרויסן אורח — פאַרן בעל=שם אָפּגעשטעלט, און דאָס שטרוי פון דאַך אויף שינדלען פאַרביטן, און אַ הויז געוואָרן — אַ פולער בעכער. און עס ווימלט דאָס הויז פון סוחרים. און גייט אָפּ דער שניי, קומט זיך צוזאַמען פון די שטעטלעך אַ מנין שיפערם, און פון די דערפער כהנה וכהנה, להבדיל, פליסאַקעס, און פול די קאַמערן צידה לדרך, און פון הויף שלעפּט מען און מען שלעפּט באַלקן און שוועלער צום ברעג און דער טייסטער ביי שמואלן אין בוזעם=טאַש וואַקסט אין דער ברייט; אַז אויף זיין געהיליץ האָט דאָס וואַסער ביי דער גרעסטער פאַרפלייצונג קיין שליטה נישט, דער גרעסטער ווינט צערייסט די טראַטוועס נישט; און שיקט מען שפּעט אַרויס, און עס האָט זיך אַ פריער ווינטער געשטעלט, קערעוועט זיך עס עפּעס אַליין דורך צווישן אייז און עס קומט אָן בשלום... און אונדזער שמואל קויפט אַלץ גרעסערע וועלדער, און האָט שוין געלט ביי לייט, ביי דער מזרח=וואַנט — אַ שטאָט, טריינע=מירל אין עזרת=נשים — ביי דער קראַטע... און קומט דער בעל=שם, זיצט ער אָפּ מיט דעם שמואל גאַנצע שעהן אין חדר און מען שמועסט פה אל פה...

הייבט שוין אָן צו נעמען אַ וואונדער?

— פון וואָס רעדט דער שמואל מיטן בעל=שם? מן הסתם פון זיינע עסקים... קיין גרויסער למדן און קיין מקובל איז ער נישט... ווי בעט עס נישט אַ ייד וועגן בנים?...

און זיכער איז מען, אַז ווען ער ברענגט נאָך די פראַגע פון מויל אַרויס, וואָלט אים דער בעל=שם נישט אָפּגעזאָגט. אַ גרויסע זאַך ביי אים אַ ברכה צו געבן... אלא וואָס? — טראַכט מען — דער ייד איז אַזוי פאַרטאָן אין זיינע עסקים, אַז ער פאַרגעסט גאָר, ווו ער האַלט... הייבט אָן צו פאַרדריסן. וואָס איז? ער איז דאָך שוין קיין יונגערמאַן נישט, און ווען מען גיט אַ רוף, קאָן קיינער נישט וויסן. גיט מען אים אָנצוהערעניש.

אין בית=המדרש, צווישן מנחה ומעריב, כאַפּט אים אַמאָל אָן אַ גוטער פריינד אין מאַרק ביים עק לאַץ, היתכן? און אַז שמואל פאַרשווייגט און דרייט זיך אויס מיט עפּעס אַ מאָדנע אומעטיק שמייכעלע אָדער פאַררעדט מיט עפּעס אַנדערש, קומט מען אַהיים און מען דערמאָנט דערפון אין שטוב: מנע, וואָס אַ ייד קען... הערן די ווייבער, „מאַקע נישט גלייך“, גענומען זיך די ווייבער צו טריינע=מירלען. מען טרעפט זיך אין דער ווייבערישער שול ביים דאַווענען, אויף אַ רומפלען, בשעת גוט=יום=טוב ביטן, — שוין אַ ווייבערישער „היתכן“... מילא, אַ מאַנספאַרשוין איז אַ מאַנספאַרשוין, פאַרגומען און פאַרגעסט, ווו ער איז אויף דער וועלט, אָבער זי, טריינע! און מען גיט איר צו פאַרשטיין, אַז אייביק לעבט מען נישט, און נישט אייביק איז אַן אשה יונג. און חן ביי אַ מאַן איז אויך נישט קיין אייביקע זאַך. און וואָס שפּעטער ער וועט צום אמתן שכל קומען, איז אַלץ פאַר איר ערגער. האָט טריינע=מירל איר מאַנס טבע: שמייכלט און שווייגט, אָדער פאַררעדט מיט עפּעס אַנדערש...

און נישט אומזיסט שווייגט זי און שמייכלט. זי ווייסט, וואָס זי איז פאַר איר מאַן שמואל — „אַ טעפּל מיט אַ שטערצל“... אין האַרץ דאָך, פאַרט אַן אשה, הייבט אָן צו פּיקן: אַ קינד, אַ ייִנגעלע, אַ קדישל... און עס פּיקט זיך אויס אַ בענקעניש און אַ שטיל האַרץ=ווייטיק נאָך אַ קינד, און ס'הייבט זי אָן אַלץ מער און מער גלייך מיט אַלע צו וווּנדערן, ווי איז עס איר שמואל אַזאַ עולם=הזהניק געוואָרן און רעדט אַלץ מיטן בעל=שם וועגן עסקים און עסקים, וועגן „קיי=און=שפּיי“ און קלערט נישט וועגן אַ תכלית?

זי, פון איר זייט, וואָלט אים אוודאי מוחל געווען די פערל מיט די אויריינגלעך מיטן שטערן=טיכל און ברוסט=טיכל און דאָס גאַנצע צירונג, וואָס ער קויפט איר, וואָס אַ יאָר מער און טייערער... זי האָט טאַקע ליב איר מאַן שמואל, ער איז איר בעסער, ווי צען זיין, אָבער אַוועקגיין פון דער וועלט, ווי אַן אָפּגעגאַנגענער שאָטן, ווילט זיך פאָרט נישט, אַ מאַמע זיין גלוסט זיך...

זי וועט שוין אַמאָל מיט אים אַ שמועס טאָן, מיט גוטן, ווי זי קען... האָט זיך אָבער קיין געלעגנהייט נישט געמאַכט. זי וועט דאָך נישט אַרויס דערמיט פון דער העלער הויט.

טרעפט זיך אַמאָל, שמואל דאַרף קומען פון בית=המדרש, פון שחרית, זי גרייט צום טיש אויף אָנבייסן. וואַרפט פאַרבייגייענדיק אַ בליק אין שפּיגל אַריין און דערזעט זיך עפּעס נישט ווי געכטן און אייערנעכטן. זי

גייט צו נעענטער, קוקט זיך בעסער צו: יאָרן שטייען נישט; דאָס פּנימל שוין נישט אַזוי פריש. די אייגעלעך נישט אַזוי גלאַנצנדיק און אונטער די אויגן קנייטשט זיך עפּעס... זיפצט זי אָפּ, גייט אַוועק פון שפּיגל פאַר־מרהשחורהט און זעצט זיך ביים טיש און פאַרטראַכט זיך.

שמואל קומט מיטן טלית־ותפילין־זאַק; ווי זיין שטייגער איז:

— גוט־מאָרגן!

טריינע־מירל שטייט אים נישט אויף אַנטקעגן, ענטפערט שלאַבעריק „גוט־מאָרגן — גוט יאָר", גיט אפילו נישט אַ שמייכל.

— וואָש דיך! — און עפּעס נישט איר קול.

פרעגט ער עפּעס אומרואיק:

— ס'איז דיר עפּעס, טריינע־מירל?

זי ענטפערט נישט און לאָזט די אויגן אַראָפּ.

טראַכט ער: מאַלע וואָס! וואַשט זיך, זעצט זיך צום טיש; טריינע־מירל נעמט כמעט נישט אין מויל אַריין...

— טריינע־מירל?

זי קוקט נישט אויף'ן. די ברעמען אַראָפּגעלאָזט, פון אונטער די ברע־מען קייקלען זיך טרערן איבער די באַקן... איז דאָך עס נישט פּראָסט. שטייט ער אויף, גייט צו צו איר שטול, הייבט אויף די האַנט און וויל זי גלעטן איבער דער האָר־באַנד; מיין טריינע־מירל גליטשט זיך אַרויס פון אונטער דער האַנט:

— לאָז מיך געמאַך...

און הייבט זיך אויף און לויפט צו דער קאַנאַפּע, און גיט זיך אַ וואָרף אויף דער קאַנאַפּע און — מיטן פּנים צו דער וואַנט.

בלייבט שמואל שטיין צעמישט אינמיטן שטוב; צוגיין האָט ער מורא. ער איז גאָרנישט געוווינט צון אַזאַ אויפפירן און ווייסט נישט, וואָס דאָס באַדייט:

— טריינע־מירל, דו ביסט נישט בקו־הבריאות? שיקן נאָכן רופא? זאָג... דיר פעלט דאָך עפּעס...

דרייט זיך טריינע־מירל איבער כמעט מיט אַ כעס:

— און דו ווייסט נישט, וואָס מיר פעלט? און דיר פעלט נישט, וואָס מיר פעלט?

און צעוויינט זיך:

— ווי איז עס אַ ייד אַזוי פאַרפלאָנטערט אין עסקים, ווי האָט מען עס אַזאַ תאווה צו געלט?!

שטוינט שמואל:

— איך?

— ווער דען, איך?

און קערט זיך ווידער אָפּ און טענהט שוין מכלומרשט צו דער וואַנט:

— אַ ייד זאָל האָבן אַזאַ תאווה צו געלט. אויף אַ ייד זאָל דער יצר־הרע צו געלט אַזאַ שליטה האָבן...

— עס קומט אַ בעל־שם... אַז מען האָט שוין די זכיה... און מען זיצט מיט אַ בעל־שם שעהן לאַנג אין חדר פאַרשלאָסן... און ער לאָזט זיך בעטן, אוודאי לאָזט ער זיך... רעדט אַ ייד נישט אַ וואָרט וועגן תכלית... יאָרן שטייען דאָך נישט... אַ לײדיקע, אַ שטומע שטוב. קיין זכר פון אַ קינד... און ער וואָס בעט? נאָר געלט און געלט, רעדט נאָר פון זיינע עסקים... פון זיין געהילץ, פון זיינע טראַטוועס...

גיט זיך שמואל אַ רייב ביים שטערן, קוים פאַרשטאַנען.

גייט ער נעענטער צו, זעצט זיך נעבן טריינע־מירלען, נעמט איר האַנט אין זיינע און זאָגט:

— זיי ווייסן, זוגתי טריינע־מירל, אַז איך האָב נאָך מיטן בעל־שם הקדוש וועגן מיינע עסקים קיין וואָרט נישט גערעדט!

זעצט זיך טריינע־מירל אויף מיט אַן אָפן מויל.

— גלייבסט מיר, טריינע־מירל? בהן שלי זאָג איך דיר!

איר מאַן גלייבט זי... מויערן צו שטעלן אויף שמואלס וואָרט...

פון וואָס דען רעדסטו?

— איך מוז דאָך דיר שוין זאָגן — ענטפערט שמואל — פון פרעמדע עסקים... איך בעט טאַקע, אָבער נישט פאַר מיר, פאַר אַנדערע! ווייסט דאָך, אַז אָרעמע שטאָט, אָן פרנסה, און עס פעלן נישט קיין אונטערגענג, קיין חולאתן, רחמנא־ליצלן... און דער ייד האָט אַ מיידל חתונה צו מאַכן, און יענער דאָס און נאָך איינער יענץ...

לייכטן אויף טריינע־מירלס אויגן מיט שטאָלץ אויף איר שמואלן...

„אַזוינער, שטאַמלט זי, ביסטו גאָר!“... און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף זיין האַרץ, און רוקט זיך באַלד צוריק אָפּ:

— אָבער אַ קינד, זאָגט זי, וויל איך!

— אַ גאָטס זאַך, טריינע־מירל...

— איז דערויף דאָ אַ בעל־שם...

— איך וויל אים נישט דולן קיין קאָפּ מיט אַזוינע זאַכן...

— דו מוזט!

— איך מוז?

— ווייל איך וויל... דיין טריינע־מירל וויל...

און אַזוי ווייטער און ווייטער... און דאָס פּאָרפּאָלק איז אַזוי פאַר־נומען און פאַרטיפט מיט זיך, און מיטן עניין, פון וואָס מען רעדט, אַז עס הערט נישט, ווי מען פאַרפאָרט פאַר דער טיר, ווי עמעץ גייט אין פּעדער־שטיבל... און אומגעריכט גיט זיך אַן עפן די טיר, דער בעל־שם בכבודו ובעצמו באַווייזט זיך... מוז מען דאָך אָיס שוין זאָגן, וועגן וואָס דאָ איז געגאַנגען...

ווענדט זיך דער בעל־שם מיט זיין זיס־אומעטיק קול צו טריינע־מיר־לען:

— ווילסט דווקא, אשה?

קוקט אויף איר שמואל צעטראָגן, און זי:

— איך וויל, רבי, איך וויל!

— און ער אויך! — טייטלט זי אויף שמואלן, וואָס שטייט שוין צע־מישט.

— אַזוי? דו, שמואל, אויך? — צעשמייכלט זיך דער בעל־שם — גו, קום זשע מיט מיר אין חדר אַריין... גייען זיי, שמואל גייט נאָך דעם בעל־שם און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. טריינע־מירל מיט האַרץ־קלאַפּעניש פאַר שרעק און פרייד שטעלט זיך שטיל אויף די נעגל צו צו דער טיר, און קאָן זיך נישט איינהאַלטן און עפנט שטיל אויף אַ שמאָלע שפּאַרע אין דער טיר, זי קאָן זיך בשום אופן נישט איינהאַלטן! און לייגט צו אַן אויער און הערט אונטער. הערט זי, ווי דער בעל־שם, אַז ער האָט זיך געזעצט און געהייסן שמואלן זיצן, זאָגט צון איר מאַן מיט די ווערטער:

— זיי וויסן, שמואל — זאָגט דער בעל־שם — אַז פון הימל פאַר דיר האָב איך נאָר איין ברכה באַקומען. מיטן כוח פון דער ברכה האָב איך דיר געגעבן עשירות... ווילסטו גאָר בנים... און אויב בנים, איז אויס עשירות...

— איך האָב, רבי, קיינמאָל גאָרנישט געוואָלט קיין עשירות... זייט מיר מוחל, רבי...

„מיין טייערער שמואל“, קלאַפּט מיט פרייד אין טריינע־מירלס האַרץ...

מאַכט דער בעל־שם:

— אויב גישט עשירות, איז אָרעמקייט...

— איז אָרעמקייט! — באַשטייט שמואל, און טרייגע־מירלס האַרץ הינטער דער טיר וואַקסט...

— אָרעמקייט איז דלות...

— איז וואָס, רבי?

— קאָנסט ווערן, לא עליכם, אַ מחוסר לחם... אויסשטעלן די האַנט...

— כ'נעם אָן פֿאַר ליב...

טוט שוין טרייגע־מירל אַ ציפּ ביים האַרץ: איר שמואל וועט, חלילה, אויסשטעלן אַ האַנט נאָך מתנת בשר־ודם...

— עס קאָן, לא עליכם, פֿעלן ברויט אין מויל אַריין... דיר, דיין ווייב...

שמואל כאַפּט אַ ציטער...... „זיין טרייגע־מירל!“

— ווילסטו?

פֿאַרגעסט זיך טרייגע־מירל און פֿאַלט אַריין:

— ער וויל, רבי, ער וויל!

— יאָ? — ווענדט זיך דער בעל־שם צו שמואלן — אפילו ווערן נע־ונד, לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין?....

— ווי טרייגע מירל באַשטייט!

— איך באַשטיי, איך באַשטיי!

— וועט אַזוי זיין! שטייט אויף דער בעל־שם, און טרייסט זי באַלד: ביז גאָט וועט זיך מרחם זיין...

— — — — — — —

און אַזוי איז געווען.

נישט אויסגעגאַנגען אַ יאָר — אַ קינד אין וויג, אַ ייִנגעלע. און שיי־נען שיינט עס, זאָגט טרייגע־מירל און אַלע זאָגן, ווי די זון... מען זאָל נאָר דערהיטן, רבונו־של־עולם, פֿאַר אַן עין־הרע...

און עס האָדעוועט זיך דאָס קינד און וואַקסט... עס האָט אָפּגעפּאָקט און אָפּגעמאָזלט און וואַקסט ווידער... פֿון וויג צום דרדקי־מלמד, פֿון דרדקי צום גמרא־מלמד, פֿון חדר אין בית־המדרש אַריין... און אַן עילוי וואַקסט, אַ צירונג און אַ שיינדל פֿאַר טאַטע־מאַמע, פֿאַר דער קהילה און פֿאַר דער וועלט... אָבער מיט דודלס וואַקסן — אַזאַ נאָמען האָט מען דעם קינד געגעבן — אי שמואלס אי טרייגע־מירלס פֿאָטער האָבן געהייסן דוד! — צוזאַמען מיט דודלס וואַקסן פֿאַלט דער מסחר... אינגאַנצן דאָס רעדל זיך איבערגעדרייט!

אָנגעהויבן האָט זיך עס באַלד ביים ברית...

דאָס געהילץ שוין אויף דער וויסל, אין שטוב — גכבדים, אַ שמחה, אַ גדולה. מזל־טוב! דער קוואַטער גיט שוין צוריק איבער דאָס קינד, אַריינצוטראָגן צו דער יולדת. קלאַפּט מען אָן אין איר פענצטער. קומט מען אַריין צום טיר. —

אַ בשורה רעה פון וואַסער:

— אַ ווינט די טראַטוועס צעריסן, דאָס וואַסער דאָס געהילץ צע־יאָגט... קיין שריד ופליט געבליבן.

— הייבט אויף שמואל די אויגן צום הימל:

— גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען.

— געלויבט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען! — ענטפערט אָפּ די יולדת, פון איר שטוב.

און צו וועקן דעם פאַרשטיינערטן עולם, מאַכט שמואל:

— נאָך דאָ אַ ביסל געהילץ אין וואַלד, נאָך אַ ביסל געלט ביי לייטן... מאַכט ברכה, יידן...

די לייט זענען במשך פון אַ קורצער צייט אויך יורדים געוואָרן; אַ גראָשן נישט אָפּגענומען; געבליבן נאָר דאָס ביסל געהילץ...

קומט די צייט, וויקלט שמואל איין זיין דודלען אין טלית און טראָגט אים דאָס ערשטע מאָל אין חדר אַריין צום דרדקי־מלמד. טריינע־מירל שטייט אין פענצטער און קוקט נאָך, מיט אַ נחת־שטראַלנדיק פנים צו דער שויב צוגעקלעפּט. שוין נישט די גאַנצע טריינע־מירל, אָבער די אויגן לייכטן!

באַגעגנט שמואל, דודלען איבערן מאַרק טראָגנדיק, אַ ייד פון וואַלד, אַ באַקאַנטן ייד, אַ שרייבער אין וואַלד, גיט ער אים אין פאַרבייגיין „שלום"; פאַרהאַלט אים אָבער דער ייד...

— אוי, שלעכט, שמואל, שלעכט... גאָר ביטער...

— וואָס איז? — שמואל מיינט, דעם ייד אַליין איז עפּעס.

— גערעגנט — זאָגט דער ייד — און גערעגנט! ווענן — גריבער און לעבער; ווו אַ שטיקל שאָסיי — איבערגעקערט... אויף די שליאַכן צע־וואָרפן געהילץ, צעבראָכענע רעדער און אָקסן... און וואַלד פוילט... דיין געהילץ אויך, שמואל...

שמואל קומט אהיים נישט פריילעך. טריינע־מירל פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ:

— ווייסט וואָס, שמואל? נעם און פאַרקויף מיין צירונג און דאָס ביסל זילבער פון שטוב אַרויס, מאַך אַלץ צו געלט און האַנדל...

פאָלגט ער. האַנדלט מיט אַ ביסל ווייץ, מיט אַ ביסל קאָרן, לאַנגזאַם, באַהיטזאַם, ער זעט, דאָס מזל האָט זיך אָפּגעטאָן... שפּילן מיט וואַסער וועט ער זיך אוודאי נישט אונטערשטיין...

הייבט אָן דערוויילדוד'ל חומש...

פאַרגעסט מען אַלץ. אַ שמחה, אַ גדולה! אַ סעודת־מצווה... אַ קניפּ אין באַק, און עס שטייט די פאַרב: טרייגע דעקט אַ טיש מיט כל־טוב — איבערן שטאַנד... אַרום טיש — דער פאַר פון דער קהילה. שטייט שוין דוד און זיין חבר — דער אויספרעגער אינדערמיט אויפן טיש... לייגט אים שוין דער חבר דער אויספרעגער דאָס הענטל איבערן קעפּעלע:

— וואָס לערנסטו, דוד?

און ווי דוד'ל וויל ענטפערן, ווערט פּלוצלינג טונקל אין שטוב, חושך אינדרויסן, אַ שוואַרצע כמאַרע אָנגעפלויגן, און אַ ווינט האָט זיך ווי פון אַ קייט אָפּגעריסן... און אַ האָגל שלאָגט, שלאָגט די שויבן אויס...

פון שמואלס ביסל תבואה, וואָס ער האָט ביי פּריצים אויפן פעלד, אויף אייגן אחריות געקויפט, איז — קיין שריד ופליט געבליבן... קוים דאָס ביסל שטרוי פאַרן פּריץ...

נאָך אַלץ אָבער קיין סכנת־נפשות. פאַראַן נאָך אַ הויז, און דער שכן דער אינגו־ישראל האָט אָן אויג דערויף. פאַרקויפט מען אים דאָס הויז, מען דינגט ביי אים צוריק אַ דירה מיט אַ געוועלב און מען פאַרלייגט אַ שניט־קראָם. מאַטערט מען זיך נאָך עטלעכע יאָר... קומט ווידער אַ שמחה — דוד'ל הייבט אָן תפילין צו לייגן... ער וועט אַ דרשה זאָגן... אָט שטייט ער אין בית־המדרש אויפן בעלעמער. די עדה יידן קאָן פון אים קיין אויג נישט אָפּרייסן, טרייגע־מירל, הינטערן פאַרהענגל אין עזרת־נשים, ציטערט פאַר אַן עין־הרע... אָבער דודלס קול פאַרשיכורט זי מיט פרייד... ווי עס קלינגט זיין קולכל!...

פאַלט אַריין אַ ייד:

— עס ברענט, ר' שמואל, אייער געוועלב ברענט...

באַלד קלינגט דער גלאָק פון קלויסטער, גויים מיט עמערס און העק לויפן ראַטעווען דאָס הויז. — שמואל פון דירה און געוועלב איז אַרויס מיט גאָרנישט...

נעמט מען אַלץ אָן פאַר ליב. אַ דירה קריגט מען. שמואל נעמט זיך

צו לופטשנאפן אין גאס, שטופט זיך אמאל צו צון א מעקלעריי. גייט אפילו אמאל אין שליחות... טריינע-מירל לאזט זיך אויך אראפ און כאפט א כשרע מציאה אין מארק... אייער, א הון א פעטע און בארקויפט שכנות... לאזט זיך נאך טיפער אראפ — קויפט איין אויף באשטעלונג פאר באלע-באסטעס און צעטראגט אין די הייזער... ארעם, קרוע-בלוא, פארשווארצט דאס פנים, נעבעך, אבער נחת אין די אויגן שטראלט... אזוי ביי איר, אזוי ביים אפגעמאטערטן שמואל.

דודל, קיין עין-הרע, וואקסט, שוין איבערגעגאנגען אין בית-המדרש אריין און ער שמט — א מתמיד, אן עילוי שבעילויים... און א זיידן קינד, א פרום קינד... מאמעס בענטשן זיך מיט אים... שדכנים ווייזן זיך, שדכנים האקן שוין אפ די שוועל... א לאנד-שדכן געקומען, מיטן בארדיטשעווער פרנס א שידוך גערעדט. דער בארדיטשעווער פרנס, א ייד א למדן, א מיו-חס און א גביר, שיקט אראפ א דיין פון שטאט, דעם חתן צו פארהערן. און אט — געקומען דער דיין, א ייד מיט ברילן גרויסע, א ווייסער בארד א לאנגער, א חשובער ייד, א ביסל א צעטראגענער... און עס איז ערב ראש-חודש, וועט עסן סעודת ראש-חודש. טריינע-מירל קאשפערט ערגעץ אויס א הערינג און קוילעט... די מענער — דער אורח, דער מאן שמואל און דודל — געוואשן זיך, זעצן זיך צום טיש... טריינע-מירל שטייט ביים אויוון און וואַרט אויף נחת... זי זעצט זיך שוין נישט צום טיש מיט אזא ייד... און אט ווישט זיך אפ דער דיין דאס מויל, שמואל דערלאנגט א גמ-רא, דער דיין עפנט, רוקט צו דודלען:

— דאס קענסטו?

— כ'קען — קלינגט דודלס קול...

— קוק נאכאמאל דורך.

— כ'דארף נישט...

שמואל ווארפט א בליק צו טריינע-מירל, טריינע-מירל רויטלט זיך און ענטפערט מיט א פארבארגענעם שמייכל. נעמט דער דיין צוריק די גמרא צו זיך און פרעגט א קשיא, אפנים זייער א הארבע קשיא... טריינע-מירל האט בטחון אין איר קדישל... און אט פירט ער מיטן הענטעלע איבערן גלאטן שטערנדל, דאס פנימל רויטלט זיך, אין די אייגעלעך ציגדן זיך ליכטלעך אן, ארום די ליפלעך שפילט א זיס שמייכעלע און אט עפנט ער דאס כשרע מיילעכל אויף, באלד וועט א זילבערן תורה-גלעקעלע קלינ-גען...

אָבער פון דודלס מיילעכל איז נאָר אַ פּאַרע אַרויס!
דודל האָט פּלוצלינג דאָס לשון פאַרלוירן!

— — — — — — — — — — — —

מילא דלות — אויסגערעדט; די צרה איז אין די תנאים נישט געשטאַנען, דער בעל־שם קומט נישט, נעמט שמואל טריינע־מירלען זיין ווייב און דודל זיין קינד און לאָזט זיך צום בעל־שם; ער וועט זיך מיט׳ן אויסטענהן. וואָס איז עס פאַר אַ פינצטערער צולאָג?

שמייכלט ער, דער בעל־שם.

— אַזוי — זאָגט ער — דאַרף זיין... ביז עס וועט — אונטערקומען די צייט. און הייסן הייסט ער אַזוי טאָן:

טריינע־מירל, ביי וועלכער ער איז שוין אַזוי פיל מאָל געווען אַ גאַסט, זאָל בלייבן ביי אים אין שטאָט — זיין טאָכטערס גאַסט; עס וועט איר, ברוך־השם, גאָרנישט פעלן. דודל זאָל אויך בלייבן און זעצן זיך ביי אים אין בית־המדרש לערנען.

— זאָל ער דערווייל לערנען אָן לשון...

הערט מען: „דערוויל", אָטעמט מען שוין אָפּ.

— און דו — ווענדט זיך דער בעל־שם צו שמואלן — מוזט זיין אַ צייט נע־ונד. האָסט פאַרלוירן דיין מזל אויפן וואַסער, מוזטו דיר עס צוריקברענגען פון וואַסער. מיטן ברעג פון וואַסער, נאָכן שטראָם זאָלסטו גיין. פון קהילה צו קהילה... און הער, שמואל, קומסטו אין אַ קהילה אַריין און דו זעסט, מען קען מיך, מען האָט מיין נאָמען געהערט, אַז דו זאָגסט „בעל־שם", ווייסט מען, וואָס טייטש, גיי ווייטער... וועסטו אָבער קומען צו אַן אָרט, וו מען וועט עפּענען מויל און אויערן, נישט אָנהייבנדיק צו ווּיסן ווער און וואָס איך בין — דאָרט, שמואל, וועסטו אויפגעריכט ווערן...

און ער איילט אים צו:

— שטיי נישט, שמואל! איך האָב דאָך דיר געזאָגט: „וועסט אויסשטעלן אַ האַנט". ניי דיר אַ טאָרבע, נעם אַ שטעקן און גיי!

— מיטן בוג גיי, דערנאָך מיט דער ווייסל... — גיט ער צו, אָפּגייענדיק אין זיין חדר אַריין.

— — — — — — — — — — — —

אַז דער בעל־שם הייסט, פֿאָלגט מען; געזעגנט מען זיך.

בלייבט טרייגע־מירל ביים בעל־שם אין הויז; זיין טאָכטערס גאַסט. זעצט זיך דודל לערנען אין בעל־שמס בית־המדרש, „דערווייל“ אָן לשון. און שמואל גייט זיך און הענגט זיך אַ טאָרבע איבער די אַקסל און לאָזט זיך ביים ברעג מיטן וואַסער...

גייט ער. ווו ער קומט אין אַ קהילה אַריין — עס קלינגט מיטן בעל־שם. חולאים אויסגעהיילט, מיט קינדער געבענטשט, געפֿאַלענע אויף די פֿיס אויפֿגעשטעלט... עס רעדן דערפֿון אַלע מיילער, עס לויבן און ווערן נישט מיד לויבנדיק אַלע צונגען...

איבערגעקומען דעם ברעג פֿון בוג, גייט ער מיטן ברעג פֿון דער ווייסל... ווידער דאָס זעלבע... נישט לייכט צו געפֿינען אַן אָרט, ווו מען ווייסט נישט פֿון דעם בעל־שם; אין פּאַרוואָרפֿנסטע העק! גייט ער און גייט, ביז ער קומט צון אַ גרענעץ. קיין פּאַס האָט ער נישט; דער בעל־שם האָט געהייסן גיין, פּעקלט ער זיך דורך און קומט בשלום אַריבער... גייט ער שוין, און די ביינער ברעכן, און פֿאַלט ממש פֿון די געשוואָלענע פֿיס, אויף יענער זייט גרענעץ. עס שרעקט אים נישט אָפּ. ער מוז צוריקברענגען זיין מזל און דודלען זיין לשון. קומט ער אַמאָל, פֿרייטיק, שוין אויפֿן טאָג, אין אַ דייטשער שטאָט אַריין. עפּעס אין אַ שמאָל געסל אַריינגעפֿאַלן; די פֿיס טראָגן נישט ווייטער. שטעלט ער זיך צו צון אַ מויער, שפּאַרט זיך אָן מיטן אַקסל, און הייבט די אויגן צום הימל אויף: רבונו־של־עולם, ווו איז דאָ אַ מרחץ? ווו אַ מקום־קדוש? און ווו וועט ער האַלטן שבת?

עפֿנט זיך אין דער זעלבער רגע פֿון אַ הויז קעגנאיבער אַ פֿענצטער, שטעקט אַ דייטש אַרויס דעם קאָפּ, אַן אַלטער דייטש, אפֿילו נישט קיין גלוח, אפֿילו מיט אַ יאַרמולקע איבערן קאָפּ, אָבער אַ פּנים פֿון אַן אמתן דייטש, דאָס בערדל פֿיין פֿאַרקעמט, און די יאַרמולקע איז גאָרנישט די יאַרמולקע, וואָס שמואל קען, נישט שפּיציק, עפּעס קאַנטיק... אַ דייטשע יאַרמולקע.

כאַפּט שמואל אַ ציטער, ער וועט אוודאי אָנשרייען, וואָס ער שטייט דאָ, וואָס ער שפּאַרט זיך אָן אין מויער. דער דייטש אָבער בייזערט זיך נישט און רופֿט צו אים אַריבער עפּעס גאָר יידישלעך, דייטשמעריש, אָבער מיט אַ יידיש האַרץ:

— זי זינד יודע?

שמואל שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ; „אַ שאלה דאָס איז“, טראַכט ער.

— דאַן קאָמען זי גיטיגסט בעהער...

גייט שמואל קווער אַריבער דער גאַס, עפנט זיך אַ הויז־טיר. קומט אַרויס אַ דינער, זאָגט, דער הער בעט אַרויף... פירט ער אים איבער גע־וועקסטע און מיט דיוואַנעס באַלייגטע טרעפּ, שמואל גייט אויף די שפּיץ קנעכל, וואָס ווייניקער צייכן איבערצולאָזן. קומט מען אויפן שטאָק אַרויף, שטייט שוין דער דייטש, און הינטער אים אַ דייטשקע. אין דער אָפענער טיר. שטרעקט אים דער דייטש אויס די האַנט:

— שלום־עליכם!

אויך אַ ביסל דייטשמעריש. די דייטשקע זאָגט:

— איין גאַסט אים הויזע — גאָט אים הויז...

די שטימען זענען עפּעס נישט קיין פרייליכע, אָבער עס שמעקט מיט אמתער הכנסת־אורחים. מען פירט אים אין שטוב אַריין. מען גיט אים עפּעס לייכטעס טועם צו זיין. דער דינער, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען, קומט באַלד צוריק און מעלדעט:

— פערטיק!

ווייזט זיך אויס, אַז פאַרטיק איז פאַר שמואלן אַ וואַנע, גייט ער אַריין, וואַשט זיך אָפּ לכבוד שבת, גייט אַרויס, ווישט זיך אָפּ מיט האַנטעכער, וויל אַנטאָן די מלבושים — קוקט זיך אום, דער משרת, אפנים אַרויס־גייענדיק, האָט אים זיינע מלבושים צוגענומען... פאַר דאָס ליגן אויף אַ שטול — אַ פריש העמד מיט אַ טלית־קטן מיט אַלע אַנדערע זאַכן... כאַפּט ער אויף זיך דאָס העמד מיטן טלית־קטן, וואָס אנבאלאנגט דער רעשט, בלייבט ער שטיין: אפשר שעטנז?

קלאַפּט אָן דער באַלעבאָס:

— מיין הער, איילען זי גיטיגסט צו... צייט צו גיין צו קבלת־שבת... און ווייטער עפּעס גאָר נישט קיין פרייע שטימע.

אָבער „קבלת־שבת" — אויס פּחד פאַר שעטנז... ער טוט זיך אָן. מען גייט דאַווענען, אַ דייטשע שיל, אָבער אָן אן אָרגל, אַ כאָר, אָבער אָן נשים... און מען דאַוונט, עפּעס דייטשמעריש, אָבער פון סידור אַרויס... מען קומט צוריק אַהיים: שלום־עליכם, קידוש... און אַ געדעקטער טיש, אויף אַלע יידן געזאָגט. עס בליצט פון די זילבערנע לייכטער און כלים און אַלערליי קריסטאַל און גלאָזוואַרג... ביים עסן זינגט מען זמירות... ביים בענטשן — די דייטשקע נעמט אַ סידור און בענטשט אויך; דאָס טעכטערל, ער באַ־מערקט זי ערשט, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פופצן — בענטשט אויך... נאָכן עסן — מען פירט אים אין אַ באַזונדער חדר אַריין, שלאָפן. זינט ער לעבט, האָט ער נאָך אַזאַ בעט נישט געהאַט...

אָבער אין שלאָף טראַכט זיך אים: וואָס קאָן עס זיין? אַזאַ עשירות — און קיין שמייכל אויפן פּנים. שבת, און אַז מען פאַרגעסט זיך אַ ווײַלע — זיפצט מען; אַזוי ער, אַזוי זי, אַזוי דאָס טעכטערל... דער שלאָף איז אָבער גובר. אינדערפרי — אין שיל אַריין, דערנאָך עסן און ווידער אָפּרוען אין באַזונדערן חדר.

— פּילייכט וואָלן זי איין ספר?

— אדרבא!

דערלאַנגט אים דער באַלעבאָס אַ מדרש.

ער עפנט און פאַרגעסט זיך און טראַכט, ווידער, וועגן דעם, וואָס עס קאָן פעלן דעם דייטש, און דרימלט איין. דאָס זעלבע ביים שלוש-סעודות... שפּעטער ביי דער הבדלה... נאָך דער הבדלה ווערן די פּנימער עפּעס גאָר חושך.. מען שווייגט, און אַז מען רעדט אַרויס אַ וואָרט, איז עס, ווי פון אַ קבר אַרויס...

מילא, פרעגן וועט ער דאָך נישט. אַן אורח מישט זיך נישט. און דערביי האָט ער דאָך זיינס אין זין. גיט ער אַ טאַפּ דעם דייטש, נאָך ויתן לך, — דאָס ווייב מיט דער טאָכטער זענען אַרויסגעגאַנגען. —

— קענט איר נישט, באַלעבאָס-לעב דעם בעל-שם?

— ווי?

זאָגט ער שוין דייטלעכער:

— בעל-שם!

— וואָס איזט זיין געשעפט?...

גיט שמואלן אַ פריילעכן קלאַפּ אין האַרץ.

און דער דייטש זאָגט:

— איין אונבעקאַנטע פירמאַ!

און גיט צו:

— גיעמאַלס געהערט!

שפּרינגט שוין שמואל אויף דערפרייט:

— דער מאַן איז קיין פירמאַ, זאָגט ער, ער פירט קיין געשעפטן נישט... חס-ושלום!

זעט ער אָבער, אַז דער דייטש הערט אים שוין נישט, זיצט טיף אַריינגערוקט אין פאָטעל, פאַרטראַכט, די אויגן אין אוויר אַריין...

— נעבעך, עפּעס אַ שרוי בצער! — טראַכט שמואל און שאַרט זיך אַרויס צו זיך אין חדר אַריין אויף די נעגל, און וואַרפט זיך אין בעט אַריין. שלאָפן אָבער קאָן ער נישט. ליגט ער אַזוי און ליגט, ביז עס ווערט גאָר

שפּעט. די גאַס ווערט שטילער און שטילער און גאָר שטיל. מען לעשט אין גאַס די לאָמפּן אויס. אין דער פינצטערער שטילקייט הערט ער, ווי די דייטשקע קומט צום דייטש און רופט זייער שטיל אים שלאָפן. באַלד קומט די מאַכטער:

— אָבער, פאָטער...

דער דייטש רירט זיך, אפּנים, נישט... שטייען זיי אָדער זעצן זיך נעבן אים. עפּעס הייבט מען אָן זייער שטיל צו רעדן, מער שטיל צו זיפצן...

דערנאָך צעווײנט זיך דאָס מיידל אויף אַ קול און גייט אַרויס; צע־ווײנט זיך די מוטער און גייט איר נאָך. און דער דייטש — דער פאָטער — קרעכצט! שטעלט זיך אויף:

— אַך, גאָט, גאָט! אַך, דו ליבער גאָט! — און גייט נאָך.

אינדערפרי, טראַכט שמואל, וועט ער זיך ביים געזעגענען דורכרעדן מיטן דייטש... דאגה בלב איש ישיחנה... און שלאָפט ווייטער איין...

— איך וויל אים נישט דולן אַ קאָפּ מיט אַזוינע זאַכן...

אינדערפרי, ער וויל זיך געזעגענען, מען בעט אים בלייבן אויף פריש־טיק. נאָכן פרישטיק, די דייטשקע מיט דער מאַכטער גייען אַרויס, וויל שמואל רעדן. וועט ער דאָך נישט צוטרעטן מיטאַמאָל צו דער זאַך, הייבט ער אָן פון אַ זייט:

— האָט איר ווירקלעך, דייטש־לעב, נישט געהערט פון בעל־שם?...

— גיע פאַן דער פירמאַ געהערט: גאַנץ היר אומבעקאַנט...

— אַזוי! — מאַכט שמואל מיט אַ נאָך לייכטער האַרץ.

— עס איז אָבער — זאָגט ער ווייטער — דייטש־לעב, באַלעבאָס־לעב, קיין פירמאַ נישט... עס איז אַ ייד...

— אַ יודע? — פרעגט איבער דער דייטש שוין מער פאַראינטערע־סירט, און הייבט, אפשר דאָס ערשטע מאָל, די ברעמען אויף.

— אַ יודע! — זאָגט שמואל נאָך.

— און אַ ייד — זאָגט ער — מיט תורה ועבודה, מיט מצוות און מעשים־טובים, און אַ הימל־מאַן —

— וואָס?

— אַ געטלעכער מאַן!

— זאָ? — ענטפערט דער דייטש עפּעס נישט זייער גלויביק און וויל ווייטער פאַרזינקען אין זיינע מחשבות...

— איך וויל אַוועקגיין, רב דייטש...

— זאָ, זי איילען?

— איך װיל מיך געזעגענען...

— זאָ... און שטרעקט אים אויס אַ האַנט; ער װיל נאָך רופן די פרוי און די טאָכטער.

— אָבער — זאָגט שמואל — יאָגט אייך נישט אַזוי, רב דייטש; עס זאָל אייך נישט פאַרדריסן, איך װיל אייך עפּעס בעטן...

— אַז, זאָ... זייער גערן... פערצייען זי, דאַס איך עס פערגעסן האָב... איך בין, לײדער, זאָ...

און שטרעקט שוין די האַנט אין טאַש אַריין...

— ניין, ניין, דייטש... נישט דאָס האָב איך אצינד געמיינט... עפּעס אַנדערש װיל איך אייך בעטן... איר זייט דאָך אַ ייד!

— מיט לייב און זעל!

— איך אויך... זאָגט מיר, װאָס אייך פעלט?

בלייבט דער דייטש דערשטוינט... באַנוצט זיך דערמיט שמואל:

— עפּעס דריקט דאָך אייך אויף דער נשמה, אייך, אייער װייב, אייער טאָכטער... זאָגט, װאָס... עפּעס דאָס האַרץ פאַר אַ ייד: אַ ייד, אַ ייד העלפט אַמאָל... קוקט נישט אויף מיין אָרעמקייט...

— דאָס ניכט — ענטפערט דער דייטש — אָבער אונדז קאַן ניעמאַנד׳ העלפן...

און ער פאַרציילט אים: ביי די גרעסטע דאָקטוירים געװען... ביי די גרעסטע פּראָפעסאָרן —

— אַ חולאת, לא־עליכם?

— װאָס?

— אַ קרענק?

— אַ קראַנקייט... יאָ... אַ געהיימע... איין אומגליק...

— איז דאָ — פאַלט אים אַריין שמואל אין די רייד — איינער, װאָס העלפט...

— יאָ, דער הער גאָט!

— גיכער איז זיין נאָמען דער בעל־שם...

און דער דייטש לאָזט עפּעס צו זיך רעדן, און שמואל פאַרציילט אים פון בעל־שם־טוב. פון זיינע נסים ונפלאות. און דאָס האַרץ ביים דייטש הייבט זיך, און הייבט זיך, און דאָס פּנים לייטערט זיך צוביסלעך, און די אויגן קלערן זיך ביסלעכווייז, און ער זאַפּט איין שמואלס רייד, אַלע מאָל איבערפריִנגנדיק, אַז ער פאַרשטייט נישט, װי אַ שװאָם; זאַפּט זיי, װי אַ נחת, װי אַ בשורה אַ גוטע...

— פאָלגט מיך — ענדיקט שמואל — איך וויל נישט און דאַרף נישט וויסן, וואָס, ווען, ביין אייך אין הויז עס פעלט, נאָר פאָלגט מיך, הייסט איינשפּאַנען אַ בויד און לאָזט אייך פירן צום בעל־שם...

וואַקלט זיך דער דייטש... און נאָך אַ ווײַלע:

— יאָ... איך מוז אָבער מיט מיינער פרוי און טאָכטער שפּרעכן...

שרייט אויס שמואל מיט פרייד:

— גייט מיטן רעכטן פוס און שפּרעכט, און גאָט וועט העלפן...

האָבן אָבער אַלע ווייבער, זעט אויס, איין טבע: די דייטשקע איז הינטער דער טיר געשטאַנען, צו דער רעכטער מינוט אַרייַנגעקומען, דאָס טעכטערל הינטער איר... זי זאָגט, אַז פּרוּוון דאַרף מען... אין אַ פּאָר שעה אַרום — די בויד געשפּאַנט, מען זיצט אייַן, מען פאָרט גאַלאָפּ. מען פאַר־האַלט זיך נאָר ביי דער גרענעץ... דאָ וועט שוין געדויערן; שמואל האָט דאָך קיין פּאַס נישט...

— — — — — — — — — — — —

איידער זיי וועלן אַריבער די גרענעץ, וועלן מיר זען, וואָס דערווייל ביים בעל־שם טוט זיך.

זיצט ער איינמאָל, דער בעל־שם, און צעשמייכלט זיך און זאָגט צום שמש:

— גיי, רוף מיר יונה דעם שניידער.

גייט ער און ברענגט אים.

— זאָג נאָר, יונה, קענסט נעמען אַ מאָס מיטן אויג, און יענער זאָל גאָרנישט וויסן, ווי דו נעמסט פון אים אַ מאָס?

— אַזוי טו איך דאָך מיט אייך, רבי... אייער טאָכטער, זאָל לעבן, הייסט נייען, קום איך און וואַרף אַן אויג...

— און פּאַר נשים אויך אַזוי?

— אַלציינס, רבי!

— און ווילסט עפּעס טאָן פון מיינעטוועגן?

— עד חצי המלכות, רבי!

— איז גוט. דרייט זיך דאָ ביי מיר אַרום אין שטוב אַ פרעמדע יידענע...

— אהא, טריינע־מירל — מיינט דער רבי.

— יאָ. און איר זון דודל לערנט ביי מיר אין בית־המדרש. גיי און נעם פוןביידע אַראָפּ מיטן אויג אַ מאָס...

אויף וואָס פאַר אַ מלבושים, רבי?

— שטעל דיר פאָר, יונה, ווי עס וועט זיין מיט דודלען תנאים. דאַרף ער מלבושים און די מוטער מלבושים... און — באַלעבאַטישע...

— און סחורה, רבי!

— נעם די בעסטע, אויף מיין חשבון, יונה...

— גוט, רבי!

— נאָר עס זאָל זיין פונקט פון היינט אין אַ חודש אַרום.

— נישט אַ שעה לענגער, רבי...

פאַרנאַכט אין אַ חודש אַרום ברענגט דער שניידער די מלבושים. זיצט דערביי דעם בעל־שמס טאָכטער, זאָגט דער בעל־שם צו איר:

— נעם די מלבושים און גיי אַריין צו דיין גאַסט טרייגע, און זאָל זי זיי אָנטאָן; זאָג, איך האָב געהייסן. און זאָל זי נישט אַרויס פון שטוב און וואַרטן דאָ אין דיין צימער, ביז מען וועט זי רופן...

פרעגט זי נישט איבער קיין וואָרט, נעמט די מלבושים און גייט.

— און דו — זאָגט דער בעל־שם צום שמש — נעם דודלס מלבושים און טראָג אין בית־המדרש אַריין. זאָג, איך האָב געהייסן, ער זאָל זיך אָפּוואַשן און אָנטאָן, און אַריינגיין און זיצן ביי דער מוטער, ביז איך וועל זיי רופן.

וויל שוין דער שמש גיין.

— און דערנאָך — זאָגט נאָך דער בעל־שם — זאָלסטו מיר תיכף־ומיד אַהערערופן אונדזער שכן דעם דיין און דעם סופר און רוף מיר אַריין אַ מנין יידן, נאָר באַלד...

קומען באַלד אַלע געררופענע, בעט זיי דער בעל־שם זיצן, און דעם צוריקגעקומענעם שמש הייסט ער אַריינגיין צו דער טאָכטער און הייסן אָנגרייטן כיבוד.

— וואָס פאַר אַ כיבוד, רבי?

— ווי אויף תנאים... ווי אויף געהויבענע תנאים.

גייט דער שמש, זוימט זיך אַ ווײַלע און קומט צוריק:

— גרייט!

— צינד ברענג אַריין ליכט, מער ליכט.

מוט ער אַזוי, דער שמש. און ווי ער ברענגט אַריין לייכטער מיט ליכט און צעשטעלט אויפן טיש, פאַרפאַרט פאַר דער טיר אַ בויד, קריכט אַראָפּ פון דער בויד שמואל און דער דייטש, און די דייטשקע, און דאָס מיידעלע, און קומען אין שטוב.

שטעלט זיך אויף דער בעל־שם:

— שלום־עליכם, אברהם!

און דערלאַנגט דעם דייטש די האַנט.

— ס'קאַצל קומט, נשים! זעצט אייך.

ווערן זיי גבהל ונשתומם און זעצן זיך; די דייטשקע מיט דער טאָכ־טער, פאַרשטייט זיך, ביין אַ באַזונדערן טיש.

— און אַצינד, דייטש־לעב — שמייכלט דער בעל־שם — אמונה, זע איך אין אייערע אויגן, אין מיר האָט איר שוין... פאַרציילט זשע אונדז פריער פאַר אַלעם — ווי אַזוי איר זייט רייך געוואָרן. און דו, שמואל, עפן אַ ביסל די טיר, שמייכלט צו אים דער בעל־שם — מאַך אַ שפּאַרע, דאָרט זיצט זוגתך טריינע־מירל, און זי האָט ליב צו הערן דורך אַ שפּאַרע.

שמואל פאָלגט גאַנץ גערן, און דער דייטש אברהם פאַרציילט, דייטשמעריש, אָבער מען פאַרשטייט אים.

מיט יאָרן צוריק איז ער געווען אַ גאַנץ אָרעמער דייטש... געהאַט עטלעכע טאָלער און פאָרכט געהאַט געשעפטן צו מאַכן... איינמאָל ביינאַכט, ער קאָן נישט שלאָפן פאַר זאָרג, קלאַפּט עמעץ אָן אין פענצטער... זומער־צייט, שטייט ער שטיל אויף פון בעט, ער זאָל דאָס ווייב נישט וועקן, און עפנט דאָס פענצטער. אַ באַקאַנטער געווען פון הינטער דער שטאָט, ביי דעם אויסגוס פון ים... זאָגט אים יענער אַזוי: אַ פאַרפלייצונג האָט אָנגעבראַכט געהילץ... פוערים האָבן עם אַרויסגעצויגן מיט אייזנס, און מען קאָן עם קויפן כמעט אומזיסט...

— הערסט, שמואל — מאַכט דער בעל־שם צו שמואלן, וואָס האָט שוין נישט אָפּגעטרעטן פון דער טיר מיט דער שפּאַרע — דיין געהילץ!

— איך הער, רבי, איך הער! — ענטפערט שמואל און ווענדט זיך פאָרט פון שפּאַרע נישט אָפּ.

און דער דייטש מיינט, ער דאַרף זיך פאַרענטפערן, און גיט צו פאַרשטיין, אַז על־פּי דין איז אַזאַ געהילץ הפקר... און פאַרציילט, ווי ביליק ער האָט דאָס האָלץ געקויפט... און וויפל ער האָט פאַרדינט דערינען... אַ שפּאָר ביסל געלט.

— און געלט — שלאָגט אים איבער דער בעל־שם — גייט שוין צו געלט... און באַלד איז דיר די בת־יחידה געבוירן געוואָרן... קיין עין־הרע אַ בתולה נאה... אַ מיידל, ווי מען זאָגט ביין אייך, ווי אַ גאָלד... שוין אַ כלה?

— דאָס איז דאָך, געטלעבער מאַן — פאַרברעכט דער דייטש די הענט — מיין אומגליק... זי קאָן ניכט פערלאָבט ווערן!

— פאַרוואָס?

פאַרציילט דער דייטש, אַז מען האָט זיין טאָכטער גערעדט די שענ־סטע און די בעסטע שידוכים, איז זי אָבער אַ קראַנקהייט באַפאַלן. אַזוי ווי מען ווייזט איר אַ חתן, ווערט איר איבל, נישט גוט, און אַז מען פירט זי נישט שנעל אַרויס, פאַלט זי אין אָנמאַכט...

— אַזוי ווי איר זעט, געטלעבער מאַן, געזונט און פריש... און קוים דערזעט זי אַ חתן — חלשט זי...

ער איז שוין געווען מיט איר און גערופן צו איר די בעסטע דאָק־טוירים, די גרעסטע פראָפעסאָרן...

— אַזוי? — שלאָגט אים דער בעל־שם איבער מיט אַ שמייכל — דאָס איז אינגאַנצן דיין צער און דיין צרה? און איך, זעסטו, אברהם־דייטש, וועל איר ווייזן אַ חתן, און נישט נאָר זי וועט נישט חלשן, עס וועט איר נישט איבל ווערן, זי וועט אים אָקעגנלויפן מיט פאַרשפרייטע הענט!

— שמואל, לאָז אַריין דיין ווייב און דיין זון.

לאָזט אויף זיך טריינע־מירל נישט וואַרטן און בלייבט שטיין, ווי געשמידט צום אָרט נעבן מאַן, קומט נאָך איר אַריין — דודל... און דאָס יינגל מיטן מיידל דערזעען זיך, און דערשרעקן זיך, איינס אויפן אַנדערן קוקנדיק, און ווערן בלאַס, און ווערן באַלד רויט... און נישט ווילנדיק מאַכן דאָס יינגל מיטן מיידל עטלעכע שריט אַקעגן, און בלייבן שטיין צע־מישט, פאַרשעמט, און רייסן קוים אָפּ איינס פון אַנדערן די אויגן מיט געוואַלד און לאָזן די קעפּ אַראָפּ צעמישט.

— נו, מיידל — פרעגט דער בעל־שם — נישט איבל? דעם חתן ווילסטו?

ציטערט זי און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ...

— און דו, דודל, ווילסט די כלה?

און געביט אים:

— ענטפער, דודל!

ענטפערט דודל בפירוש:

— יאָ, רבי.

— און ווערסט נאָך — זאָגט דער בעל־שם — אַ דרשה זאָגן. סופר, שרייב תנאים...

— — — — — — — — — — — —

און די תנאים האָט דער בעל־שם געהייסן אַריינשרייבן, אַז אברהמל דייטשס גאַנץ פאַרמעגן גיט ער אָפּ נדן דער טאָכטער... און הן אבות החתן ווי אבות הכלה וועלן עסן א יי ב י ק ע ק ע ס ט ב יי ד י ק י נ ד ע ר.

דער דין תורה מיטן ווינט

(דריי קיכלעך)

בימי המלך שלמה — אין די צייטן פון מלך שלמה, האָט געלעבט אַן אלמנה, אַן אָרעמע, מיטן נאָמען שונמית.

און געלעבט האָט די אלמנה שונמית אין אַ סוכה פון אַלטע ברעטער, באַדעקט מיט אַ סכך פון צווייגן און בלעטער פון פּאַלמען-ביימער, אין אַ פישער-דאָרף, ביים ברעג פון ים-הגדול.

און געשפּייזט האָט זיך די אלמנה מיגיעה כפּיה — מיט שטריקן און פאַרריכטן די נעצן פאַר די פישער אין פישער-דאָרף.

ויהי היום — איז געקומען די צייט פון ווינטן און שטורעם-ווינטן. קיין שיפל גייט נישט אין ים אַריין, קיין נעץ ווערט נישט פאַרשפּרייט, איז די אלמנה געבליבן אָן אַ ביסן ברויט.

ווערט זי דאָך נישט גיין אין די אָרעמע פישער-הייזלעך אריין בעטן ברויט; עס פעלט אומעטום, ווענדט זי זיך ווייטער פון דאָרף.

עטלעכע מייל פון דאָרף, אין אַ גרויס הויז מיט אַ גרויס געהייף, האָט געוווינט אַ רייכער ייד, וואָס איז געבענטשט געוואָרן פון זיין ליבן נאָמען מיט פעלדער פעטע, פרוכטבאַרע גערטנער און גאַנצע וועלדלעך איילבירטן. און מיט הערטן שאָף און רינדער, און מויל-טירן און קעמלען.

הייבט זי זיך אויף, די אלמנה שונמית, איינמאָל אינדערפרי, זעט, אַז דער הימל איז אַ בייזער, די לופט — ווינדיק, פאַרשטייט זי, אַז זי מוז שוין אָנקומען מתנת בשר-ודם, באַדעקט זי זיך מיט אַן אַלטער שאַל, וואָס זי טראָגט ביי טאָג און דעקט זיך מיט איר צו ביי נאַכט, און לאָזט זיך פון דאָרף אַרויס אין וועג אַריין, צום רייכן יידן.

קומט זי קעגן מיטאָג צום געהייף, טרעפט זי דעם רייכן יידן פאַר דער טיר, גייט זי צו, בוקט זיך דריי מאָל, רירט דריי מאָל אָן מיטן שטערן די ערד פאַר זיינע פיס.

פרעגט ער זי:

וואָס בוקסטו זיך פאַר מיר, אשה? שטיי אויף און זאָג, ווער דו ביסט און וואָס איז דיין פאַרלאַנג.

זאָגט זי אים „איך בין די אלמנה שונמית פון פישער־דאָרף ביים ברעג פון ים“ און פאַרציילט אים וועגן איר נויט. שוין לאַנג קיין ביסן ברויט אין מויל נישט געהאַט: און בעט אַ לעבל ברויט,

„די נשמה צו דערהאַלטן!“

ווייזט ער איר, וואָס אין געהייף טוט זיך.

— זע, אשה, אָט שפּאַנט מען ערשט מיינע קעמלען און מיינע מויל־מירן אויס. פון ירושלים קום איך, איך האָב שלמה המלכס פּאַלאַץ געזען! אַ פּאַלאַץ אַ פאַרבלענדעניש! און מען לאָזט יעדן אַריין. און איך בין אַריינגעקומען. אין אַ גאָלדענער קרוין, אויף זיין גאָלדענער שטול איז שלמה געזעסן, אַרומגערינגלט מיט שרים און זקנים, און פאָלק. און ער האָט פאַר זיי תורה און חכמה געזאָגט. פערל האָט זיך געשיט פון מויל.

און הער, וואָס ער האָט געזאָגט, אשה!

„ושונא מתנות יחיה“ — האָט ער געזאָגט.

ווער עס וויל לעבן, נעמט קיין מתנות נישט, ווער עס נעמט אומזיסט, פאַרקירצט זיך זיינע יאָרן, וואָס זיין ליבער נאָמען האָט אים באַשערט. דו ווילסט זינדיקן, אשה, און איך וויל נישט זיין קיין שותף צו דיינע זינד. גאָט איז א דיין אלמנות, ער וועט עס מיר נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב מיטגעהאָלפן צו פאַרקירצן דיינע יאָרן...

אומזיסט גיב איך נישט.

— אויב אַזוי — זאָגט די אשה — גיב נ י ש ט אומזיסט; ב אָ ר ג מיר אַ לעבל ברויט. אָדער ליי מיר אַ ביסל מעל, וועל איך עס מיר אהיימטראָגן און אָפּבאַקן, און דאָס לעבן דערהאַלטן, און דאַנקען דיר און בעטן פאַר דיין לעבן...

— דאָס אויך נישט, אשה! — ענטפערט דער עושר געלאַסן. „עבד לוה לאיש מלוה“, האָט שלמה המלך געזאָגט. ווער עס לייט, קויפט זיך אַ קנעכט. און קנעכט קויף איך מיר פ ר ע מ ד ע, נישט מזרע־אברהם, יצחק ויעקב... איך וויל אייגן פלייש און בלוט, בפרט אַן אַלמנה, פאַר קיין קנעכט נישט האָבן... איך באָרג דיר נישט, איך ליי דיר נישט...

פרעגט די אשה:

— זאָל איך פאַלן פאַר הונגער פאַר דיינע פיס, דאָס וועט בעסער גאָט געפעלן, דעם דיין־אלמנות?

— דו ווערסט, אלמנה שונמית — ענטפערט ער נאָך געלאַסענער — פאַר מיינע פיס פאַר הונגער נישט פאַלן... העלפן וועל איך דיר, ווי גאָט איז מיר ליב! נאָר העלפן וועל איך דיר מיט אַן עצה: גיי און זיי זוכה פון הפקר!

— וואָס מיינט איר דערמיט? הפקר איז אין מדבר, צום מדבר איז דריי טעג, און וואָס געפינט מען דאָרט? גרעזלעך אויסגעטרוקנטע? טרייבט איר שפּאָס פון אַן אָרעמער אלמנה און פאַרגעסט איך נישט פאַר דעם, וואָס אייביק לעבט און וועגדט פון יתומים און אלמנות קיין אויג נישט אָפּ!

— איך שפּאַס נישט, אשה! ענטפערט ער. — גאָטספאַרכטיק בין איך פון געבורט, און נישט צום מדבר נאָך גראָזן שיק איך דיך.

— גייג צו דיין אויער, אשה, און הער! מיין קאַמער איז אַצינד לער. די הונדערט זעק מיט ווייסן ווייצן־מעל ווי שניי האָב איך, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, קיין ירושלים אָפּגעפירט, צום מלך שלמה אין פּאַלאַץ אַריין. און די ברעטער, וואָס האָבן זיך אונטער די זעק געבויגן, זענען פריי. אָבער ווייס, גאַנץ ווייס זענען די ברעטער; באַדעקט מיט שטויב, מיט וועלכן די זעק האָבן געשוויצט. דער שטויב איז הפקר, דער שטויב איז נישט מיין. גיי, על־כן, אין קאַמער אַריין, וויש דיר די ברעטער אָפּ, זאַמל דעם שטויב פון ווייסן ווייצן־מעל ווי שניי, נעם אהיים, לייג אָן אַ פייער — קלייב שפּענדלעך אויפן וועג — און באַק דיר דיינע קיכלעך אָפּ, זאָל זיין ליבער נאָמען אַריינשיקן די ברכה אין דיין שטויב פון מעל, און עס און דערקוויק דיך, און לויב גאָט...

האָט די אלמנה שונמית געטאָן, ווי דער פרומער און רייכער מאַן האָט איר געראָטן. האָט זי אָפּגעשאַרט און אָפּגערייניקט דעם שטויב פון מעל פון די ברעטער אין רייכן פרומענס קאַמער; אויפן וועג צוריק האָט זי פון ווינט פאַריאָגטע צווייגלעך געפונען; אהיימגעקומען, שוין נאַכט געווען. האָט זי פון די צווייגלעך פייער געמאַכט, דאָס מעל מיט וואַסער געמישט און געקנעטן, זענען דריי קליינע ברייטלעך אַרויס, האָט זי די דריי ברייטלעך ביים פייער קוים אָפּגעבאַקן, און גאָט פאַר זיינע חסדים לויבנ־דיק, וויל זי נעמען דאָס ערשטע ברייטל צום מויל — עפנט זיך מיט אַמ־פּעט פּלוצלינג פון דרויסן די טיר, און ביידל פאַלט אַריין אַ מענטש מיט אַ געשריי:

— ראַטעווע אַ מענטש פֿון טויט, שוין דריי טעג און דריי נעכט אין מויל ניט געהאַט...

און ער פֿאַרציילט אין שרעק און אין איילעניש:

אַ שׂרפֿה איז אויסגעבראָכן אין זיין דאָרף. אינמיטן דער נאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפֿן, האָט אויסגעבראָכן די בראַנד. אַ פֿייער איז פֿון הימל געפֿאַלן: און דער שטורעם האָט דאָס פֿייער איבערן גאַנצן דאָרף צעיאָגט... אַלץ איז פֿאַרברענט, ער איינער איז פֿון די פֿלאַמען פֿייער און די זיילן רויך מיטן לעבן אַרויס. אַלץ איז געוואָרן אַ רויב פֿאַר דער בראַנד: מאַן, ווייב און קינד, און שאָף און רינד, און האָב און גוטס. און דריי טעג און דריי נעכט לויפֿט ער אַרום, פֿון פֿייער געיאָגט, פֿון שרעק געטראָגן און אָן אַ ביסן ברויט...

דערלאַנגט אים די אלמנה דאָס ברייטל פֿון מויל אַוועק און זאָגט אים:

— גיי אַרויס, איך בין אייגע אַליין, און יעס... און דערהאַלט דיין נשמה...

גייט דער אָנגעקומענער אַרויס און פֿאַרשווינדט אין פֿינצטערניש פֿון דער צוגעפֿאַלענער נאַכט.

דאַנקט די אַלמנה זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט זי מיט ברויט באַשאָנקען און נאָך אַ מצווה, אַ מענטש ביים לעבן צו דערהאַלטן, באַשערט, און וויל דאָס צווייטע ווייכע ברייטל נעמען צום מויל.

עפֿנט זיך נאָכאַמאָל מיט אַן אימפּעט די טיר, און אַ צווייטער מאַן פֿאַלט אין דער אלמנהסביידל אריין, מיט דעם זעלבן געשריי:

— ראַטעווע אַ מענטש פֿון טויט...

ער איז אַ רייכער מאַן געווען, הערטן שאָף און רינדער אין סטעפּ געפּאַשעט, אין רייכע געצעלטן מיט ווייב און קינד געוווינט, און יונגע געזונטע ביי שאָף און רינד געהאַלטן... פּלוצלינג זענען בעדואינען, ווי אויף די פֿליגל פֿון ווינט, אָנגעפֿלויגן אויף זייערע פֿערד, מיט בויגן געשפּאַנטע אין די הענט; פֿון אַלע זייטן זיי אַרומגערינגלט, מיט אַ האָגל פֿיילן באַשיט, די יונגען מיט ווייב און קינד געטייט, די הערטן אָפּגעפֿירט און מיט זיי אין ווייטן ברייטן סטעפּ פֿאַרשוווּנדן... און ווען דער סטעפּ האָט אויפֿגעהערט אָפּצוקלינגען זייערע טריט, האָט ער זיך, איינער אַ לעבעדיקער פֿון צווישן די טויטע אויפֿגעהויבן, און בלאָנדזשעט שוין דריי טעג און דריי נעכט אַרום, אָן אַ ביסן ברויט, איידער ער איז צו איר ביידל געקומען. —

— דערלאַנג, האָב רחמנות, אַ ביסן צום מויל, אַנישט פאַל איך אַ טויטער צו דיינע פיס...

דערלאַנגט איט די אלמנה שונמית בתשועת־חן דאָס צווייטע ברייטל, גאָט לויבנדיק און דאַנקענדיק פאַר דער צווייטער גרויסער מצווה, וואָס ער האָט איר באַשערט. הייסט אים אויך אַרויסגיין עסן פאַר דער טיר, ווייל זי איז אײנע אַליין אין ביידל. און ער טוט אַזוי, און פאַרשווינדט אויך אין דער פינצטערער נאַכט.

נעמט זיך די אלמנה שונמית צום דריטן ברייטל און וויל עס שוין גענענען צום מויל. רייסט זיך פלוצלינג אויס מיט באַנייטע כוחות פון צפון דער ווינט און רייסט איר ביידל איין. צעפאַלן זיך רעכטס און לינקס די ווענט... פליט ערגעץ אַוועק דער סכך. און דער ווינט רייסט דער אלמנה דאָס דריטע ברייטל פון דער האַנט אַרויס און שליידערט עס אין ים אַריין...

און ערשט דעמלט שטילט דער ווינט. שטייט די אלמנה און טראַכט...

דער ווינט האָט זיך געלייגט, שטיל איז דער ים. איבער זיין וואַסער, ווי איבער א שפיגל, גליטשן זיך די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדער זון. באַלד וועט זיך אויפכאַפּן דאָס דאָרף, אָפּבינדן מיט פרייד די שיפ־לעך ביים ברעג, פאַרשפּרייטן נעצן... קינד און קייט וועט אַרויסלויפן באַ־גלייטן די פישער. און מיט פרייע געשרייען רופן: אויס הונגער, געלויבט זיין ליבער נאָמען! עס וועט זיין ברויט.

אָבער נישט וועגן דעם טראַכט די אלמנה.

אן אנדער געדאַנק עגבערט איר אין מוח.

— וואָס האָט גאָט פון איר געוואָלט? וואָס האָט גאָט מיט איר, דער אלמנה, געטאָן?

— וואָס האָט מיר גאָט געטאָן? — עגבערט איר מוח.

— איין ברייטל האָט ער איר צוגענומען פאַר אַן אַנטלאָפענעם פון פייער. רעכט. זאָל זיין געלויבט זיין נאָמען!

— דאָס צווייטע — פאַר אַ געראַטעוועטן פון גזלנים, אויך געלויבט זיין ליבער נאָמען. ער האָט געגעבן, ער האָט גענומען, פאַר אַ בילכערן פון איר...

— אָבער דאָס דריטע ברייטל? אַרויסצורייסן ביי אַן אַלמנה פון מויל און שליידערן אין ים אַריין! —

דאָס איז איר אוממעגלעך צו פאַרשטיין...

און עס פאַלט איר איין, אַז אפשר ווייסט גאָר גאָט נישט דערפון,

אַז דאָס האָט דער ווינט אַליין, מיט זיין אייגענעם ווילן, אָן גאָטס וויסן און קעגן זיין ווילן, געטאָן, זיין ליבן נאָמען, וואָס שפּייזט אלמנות און יתו־מים, להכעיס!

אַנדערש קאָן נישט זיין!

און זי וועט אים דעם ווינט, דעם גזלן, נישט שענקען. זי וועט דעם ווינט פאַרקלאָגן...

פאַר וועמען?

פאַר דעם מלך שלמה.

פאַר אים וועט זי האָבן אַ דין־תורה מיטן ווינט, קיין ירושלים וועט זי גיין!

אָפּגעקלערט, פאַרדעקט זי דאָס פּנים מיט דער צעריסענער שאַל און לאָזט זיך אין וועג אריין.

פאַרהונגערט איז זי און פאַרשמאַכט, נאָר דער גערעכטער צאָרן טראָגט זי אויפן ווייטן וועג. און זי איז געקומען — קיין ירושלים.

קומט זי, פרעגט זי נאָך, ווייזט מען איר, ווו דער מלך שלמה הויזט. לאָזן זי די שומרים אַריין; שלמה המלכם טירן זענען אָפן פאַר אַלע, בפרט פאַר אַלמנות. קומט זי אין זאַל אַריין און פאַלט פאַרן מלך שלמה, וואָס זיצט אויף זיין שטול, אויפן פּנים!

— אַדוני המלך — זאָגט זי — אַ דין־תורה האָב איך.

— מיט וועמען? איך זע, דו קומסט אַליין.

— מיטן ווינט — ענטפערט די אלמנה, און הייבט צו אים דאָס פּנים אויף, און פאַרציילט אים איר טענה.

— גוט — ענטפערט דער מלך שלמה — דיין פּנים איז דיין עדות: עס איז מיד, און אין דיינע אויגן ברענט דער הונגער. וועסטו דיך צו אַלעם ערשטן דערפרישן. זעץ דיך, דערוויייל, אשה, אין אַ ווינקעלע, מען וועט דיר דערלאַנגען ברויט און וויין. עס, טרינק און דערהאַלט דיין נשמה, דערנאָך וועסטו הערן דיין פּסק.

גייט זי אָפּ אין אַ ווינקעלע. דערלאַנגט מען איר ברויט מיט וויין. עסט זי. קומען דריי פרעמדע מענער אַריין, מיט זעקלעך אויף די אַקסל. צום מלך שלמה דאַרפן זיי.

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג, פרעמדע מענער? און וואָס טראָגט איר אין די זעקלעך אויף אייערע אַקסל?

דערציילן די מענער אַזאַ געשיכטע:

ישמעאלים, סוחרים זענען זיי. האַנדלען מיט צירונג, טייערע און כלים,

און בשמים די טייערסטע, און זענען זאַלבעדריט געפֿאָרן אין א שיפֿל אי־בערן ים... ווינטן זענען געווען. אומרואיק איז געווען דער ים, זענען זיי אָבער שטאַרקע און געניטע לייט, שרעקן זיך פֿאַר קיין ווינטן נישט, שווי־מען זיי וואַל־אַרויף, וואַל־אַראָפּ...

האָט אָבער, איינמאָל פֿאַרנאַכט, אָנגעהויבן דאָס שיפֿל צו נעצן... געלעכערט איז ערגעץ געוואָרן דאָס שיפֿל, און מיט וואָס צו פֿאַרשטאָפּן איז נישטאָ. שרייען זיי, אפשר וועט מען זיי דערהערן פֿון ברעג און קומען צו הילף. הערט קיינער נישט. דער ווינט כאַפּט זייערע געשרייען און צע־וואַרפֿט זיי איבערן ים, די וואַלן מאַכן זויף און אַנטלויפֿן מיט זיי אין דער נאַכט אַריין...

און דאָס שיפֿל נעצט און הייבט אָן זינקען...

שרייען זיי צו גאָט. צו זייער גאָט; ער הערט נישט. רופֿן זיי צו אַנ־דערע געטער. צום גאָט פֿון מואב, צום גאָט פֿון פלישתים, צו אַנדערע געטער. קיינער ענטפֿערט נישט, האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז עס איז דאָ נאָך אַ גאָט, אַ גאָט פֿון ישראל... פּרוּוון זיי און רופֿן.

— גאָט פֿון ישראל, ענטפֿער אונדז אין דער נויט. און אַ נדר טוען זיי: דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט, גיבן מיר דיר אַוועק פֿאַר אונדזערע נפשות, נאָר ראַטעווע אונדז! ראַטעווע, גאָט פֿון ישראל...

און אין דער רגע האָט זיך דער ווינט אַ וואָרף געטאָן און עפּעס פֿון ברעג אין שיפֿל אַריין מיט אַ געוואַלדיקן כוח אַרייננעשליידערט, פּונקט אין לאָך פֿון שיפֿל אַריין, און האָט עס פֿאַרשטאָפּט...

און באַלד האָט זיך געלייגט דער ווינט און מיר זענען בשלום צוגע־שוווּמען צום ברעג...

האָבן מיר ביי לייטן געפֿרעגט: ווו הויזט דער יידישער גאָט, מיר ווילן אונדזער נדר מקיים זיין?

האָט מען אונדז אָנגעוויזן ירושלים...

זענען מיר מיט אונדזערע זעקלעך קיין ירושלים געקומען און אין די גאַסן די מענטשן אויסגעפֿרעגט: ווו איז אייער גאָט, מיר ווילן אים זען! האָבן לייט אונדז געענטפֿערט, אַז דעם גאָט פֿון ישראל זעט מען נישט...

— מיר דאַרפֿן אים דאַנקען, כבוד אָפּגעבן, און אַ מתנה דערלאַנ־גען...

האָבן זיי מיט די אַקסלען געדריקט; אַנדערע האָבן אונדז אויסגע־לאַכט...

און עלטערע לייט, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, זיי זיך פאַרטרויט און אַן עצה געפרעגט: וואָס טוט מען מיט אונדזער נדר, וועמען גיט מען, ער זאָל פאַסן צום יידישן גאָטס ווילן, די זעקלעך מיט זילבער און גאָלד, האָבן זיי קיין באַשייד נישט געוווּסט. נאָר איינער פון זיי, דער עלטסטער, האָט אונדז געראָטן, מיר זאָלן זיך ווענדן, גרויסער האַר און מלך, צו דיר, דו ביסט, האָבן זיי געזאָגט, דער קליגסטער אויף דער גאַנצער וועלט, און דו וועסט וויסן אונדז צו ראָטן, ווי אַזוי אונדזער נדר מקיים צו זיין, צו טאָן מיטן גאָלד און זילבער לויט דעם ווילן פון גאָט פון ישראל.

האָבן זיי געענדיקט און געבוקט זיך, און דער מלך שלמה פרעגט:

— האָט איר פרעמדע לייט, באַטראַכט, וואָס דער ווינט האָט אייך פון ברעג אין שיפל אַריין געשליידערט, מיט וואָס ער האָט דאָס לעבל פארשטאָפּט, איר זאָלט נישט אונטערגיין?

— מיר האָבן געזען, גרויסער מלך, אַרויסגענומען און גוט באַטראַכט, אַ קליין ברייטל איז עס געווען, אַ ווייך, נישט־דערבאַקן ברייטל... מיר האָבן עס געבראַכט, דיר צו ווייזן, מלך...

און דער עלטסטער נעמט דאָס ברייטל פון בוזעם אַרויס און ווייזט עס. —

רופט צו דער מלך שלמה די אלמנה שונמית און פרעגט, צי זי דער־קענט נישט, צי איז עס נישט איר ברייטל?

— דערקענט זי; איר ברייטל.

פסקנט דער מלך שלמה, מען זאָל איר געבן די דריי זעקלעך גאָלד און זילבער. טוען זיי אַזוי די לייט, דאַנקען און גייען.

און צו דער אלמנה ווענדט זיך דער מלך שלמה:

— נעם דאָס גאָלד מיטן זילבער. פאַר דיין דריט ברייטל האָט דיר גאָט באַצאָלט, און זיי וויסן, אַז קיינער טוט נישט גאָט להכעיס; אַז אַלץ געשעט לויט זיין ווילן. און אַז נאָר זיין שליחות טוט דער ווינט. —

פּדיון שבויים

שיינקייט, מיינט איר, האָט איר אויסגעטראַכט, די פריערדיקע דורות האָבן פון שיינקייט גאָרנישט געוווּסט? אַן איינרעדעניש! מען האָט פון אייביק אָן געוווּסט, אַז די וועלט איז אויך אַ וועלט, אָבער נישט יעדער איז זוכה צו ביידע וועלטן, און אַ גרויסער נסיון איז עס; מען גייט אויף אַ גליטש...

אָט איז אַמאָל געווען איינער צמח, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן. האָט ער באַקומען א גרויסע ירושה — האָט ער טאַקע געפירט א הויז, אויף אלע יידן געזאָגט! אַ פּאַלאַץ אויפגעשטעלט, געמאָלטע דירות, פריצישע מעבל, מיט סאַמעט און זייד געבעט. דילן, ווי שפּיגלען רויטע, עס האָט געבלענדט! און קרישטאָלענע הענגלייכטער, און קונציק־געבויגענע העסעס אויף די ווענט, און מזוזות אויף די טירן אין זילבערנע, עכט־זילבערנע שיידלעך מיט גאָלד באַפּוצט... און אַ סוכה האָט ער זיך געשטעלט אַ געשניצטע, מען האָט געזאָגט: אַ פּימסענהאָליץ. אַרום אויף די ווענט — יריעות געהאָפטענע, און אויסגעהאָנגענע מיט אתרוגים, לולבים, גראַנאַטן... און אַלע יאָר, לכבוד יום־טוב, פרישע. אַ הויז — אַ גן־עדן. און אַ ווייב האָט ער געהאַט אַן אמתע יפה־פיה, א יפת־תואר, פאַרמרעטן צו מאָלן... האָט מען אָבער אָן יענער וועלט אויך נישט פאַרגעסן: האָט די יפת־תואר געהאַט איר גרויסע שטוב באַזונדער, האָט זי די שפּיגל־שטוב געהייסן, גרויסע געשליפענע שפּיגלען אַרום אויף אַלע ווענט, און אין שטוב זענען געשטאַנען רעדלעך צום שפּינען, און ראַמען צום שטריקן און העפטן; פאַרזאַמלט זי ביי זיך אין שטוב, אַ פּאָר שעה אין טאָג, אויסער שבתים און ימים־טובים, די יתומות פון שטעטל און לערנט זיי שפּינען פון וואָל און פלאַקס, העפטן און שטריקן מיט זילבער און גאָלד. זי האָט דערצו אַ געבענטשטע האַנט געהאַט, אַ בריה נפלאה געווען, און דערביי אַ חכמה נפלאה און אַן אמתע יצנועה, פלעגט זי זיי ביים לערנען אויך מדריך זיין, גוטע רייד רעדן און קלוגע רייד, ווי אַזוי אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיך

אויפפירן, וכדומה. דאָס איז איר מצווה געווען. און דער צמח האָט זיין מצווה געהאַט: אין קרוין פוילן איז געווען אַ צייט פון תוהו ובוהו, איין מלך האָט מען אַרויסגעטריבן, דעם צווייטן — נאָך נישט אויסגעקליבן, און בין מלכא למלכא איז „איש הישר בעיניו“ — איז יעדער שלאַבאַן געווען אַ גרעגעץ, יעדער „מאַיאָנטעק“ — אַ באַזונדער מלוכה און יעדער פריץ אַ קייזער, וואָס האָט זיך זיין חייל און זיינע תפיסות געהאַט, פעלן דאָך, מן־הסתם, קיין שלעכטע פריצים, ווילדעוועס זיי — און אויסגעלאָזט האָט זיך, ווי דער סדר עולם איז, צו זרע אברהם יצחק ויעקב... האָבן געליטן די ישובניקעס, די פאַכטער מיט ארענדאַרן. פאַר אַ שלעכט וואָרט — שמיץ, פאַר נישט צאָלן אַ ראַטע צו דער צייט — תפיסה, אָנגעטאָן דיבעס און אַריינגעוואָרפן אין אַ נאַסער חייל מיט ווייב און קינד... האָט זיך דער צמח פאַרנומען מיט פדיון שבויים און פלעגט אַרומפאָרן אין די דערפער מיט אַ בייטל מיט רענדלעך און אויסלייזן.

איינמאָל, ווינטער צייט איז עס געווען, אַ גרויסער שניי אָנגעפאַלן, פאַלט אַריין צום גביר צמח אַ מלמד פון אַ דאָרף, וווּ ער האָט ביים אַרענדאַר געקנעלט, אָטעמט קוים פאַר שרעק, די אויגן קריכן אים פון אונטערן שטערן אַרויס, און מיט שוים איבער די ליפּן דערציילט ער, אַז היינט פאַרטאָג איז מען פון פריץ באַפאַלן דעם אַרענדאַר, אָנגעטאָן דיבעס אים מיטן ווייב און דעם גאַנצן בני־בית, פאַרנומען און אַריינגעוואָרפן אין תפיסה אַריין, און ער אַליין, דער מלמד, איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן; מען האָט אים אויך געוואָלט פאַרנעמען, נאָר ער האָט אַ פענצטער אויסגעהאַקט, אַרויסגעשפּרונגען און איבערן פעלד אַנטלאָפן. אַ פויער האָט אים נאָכגעוואָרפן אַ קלאָניצע, אין פוס אַריין געטראָפן, און אָט בלוטיקט נאָך דער פוס... שיקט מען צום מלמד נאָכן רופא, און צמח הייסט איינשפּאַנען דעם שליטן, וואַרפט זיך אַריין אין ביבער־פעלץ, פאַרגעסט נישט מיטצונעמען אַ בייטל מיט רענדלעך, זאָגט אַ תפילה קצרה פאַרן וועג און פאָרט... וואָס רעכנט ער, צמח? דער אַרענדאַר האָט קיין ראַטע נישט באַצאָלט! פאַלט ער אַריין צום פריץ — אַריין לאָזט מען אים, ער איז דאָך צמח, האָט עסקים מיטן פריץ — לאַנג בריען וויל ער נישט, דער אַרענדאַר מיטן בני־בית קאָנען דערווייל געפרוירן ווערן אין תפיסה, דער פראָסט קנאַקט, פאַרשמירטע שויבן! פרעגט ער נאָר: יאַסני פּאַניע, וויפל קומט פון אַרענדאַר?

שמייכלט דער פריץ פון אונטער די וואָנצן און שלעכטע פייערלעך שלענגלען זיך אים אין די אויגאַנעס: עס קומט אים ביים אַרענדאַר גאָר־

נישט... פֿאַר אַ חוב וואָלט ער אים אין תּפֿיסה אַריינגעוואָרפֿן? אַנטפּלעקט ביי צמחן דאָס האַרץ, פֿרעגט ער: יאַסני פּאַניע, ער האָט דיך באַליידיקט, אַ שלעכט וואָרט געזאָגט?

— וואָלט ער שוין לאַנג געהאָנגען!

— וואָס דען יאַסני פּאַניע, וואָס דען? און דאָס האַרץ ביי צמחן קלאַפּט, ווי ביי אַ גזלן.

— גאָרנישט, זאָגט דער פּריץ. נאָר איך ווייס, זאָגט ער, אַז איר האָט אַ גרויסע תּורה מיט תּרי״ג מצוות און אַלע קאָנט איר נישט מקיים זיין, נעמט זיך יעדער ייד צו איין מצווה, צו זיין מצווה, פֿאַר וועלכער ער איז זיך מקריב, און מען האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט אויף דיר גענומען פּדיון שבויים און דו האָסט אַ ווייב אַ יפֿה=פֿיה, אַן אמתע יפֿת=תּואר, שענער ווי אַלע פּריצות, וויל איך דו זאָלסט מקיים זיין פּדיון שבויים... פֿאַר איין שעה יחוד מיט דיין ווייב; — מאַגס זיין וועל איך זי נישט.

כאַפּט צמח און אַנטלויפֿט. און פֿאַרגעסט אָן שליטן און לויפֿט צופֿוס. לויפֿט ער פֿאַרביי פֿאַרן פּריצס תּפֿיסה, גייען גויים מיט קאָסעס אַרום דער תּפֿיסה אויף דער וואַך, און פֿון תּפֿיסה הערט זיך אַ גרויסע יללה, און איין פּויער ליגט איבער די קאָסע פֿון דער רעכטער אין דער לינקער האַנט אוןווישט זיך מיטן רעכטן אַרבל די אויגן אויס. „פּאַניע צמח“, זאָגט ער, „אַ ביטערער רחמנות, איין קינד איז שוין פֿאַרפֿרוירן געוואָרן“...

כאַפּט עס צמחן ביים האַרץ, לויפֿט ער צוריק צום פּריץ: אַז נישט מאַגס זיין, איז ער ביי גאָט אין די הענט — און דער שליטן איז נאָך איינגעשפּאַנט. כאַפּט אויף זיך דער פּריץ אַ בערן=פּעלץ, לויפֿט אַרויס, צמח שטרויכלט נאָך, דער פּריץ זיצט שוין אויבן אָן, כאַפּט אָן צמחן, וואָס וויגערט זיך אין דער העלפֿט, הויבט אים אויף ווי אַ קינד און זעצט אים נעבן זיך, און גיט אַ זעץ דעם שמייסער אין די פּלייצעס אַריין: פֿאָר! און די אָפּגעקילטע פֿערד רייסן זיך אויס מיט אַמאָל און מען פֿאַרשווינדט אין אַ שטויב פֿון שניי גלייך שדים וואָלטן געפֿלויגן...

געקומען, לאָזט צמח דעם פּריץ אַריין אין אַ באַזונדער חדר אַריין, און גייט איבערן קאָרידאָר צום ווייבס חדר, שטייט די טיר אָפֿן, שטייט דאָס ווייב זיינס צווישן יתומות און רעדט מיט זיי האַרציקע דיבורים און לערנט זיי. רופֿט ער זי אַרויס און דערציילט מיט גרויס געוויין און האַרץ=ווייטיק, וואָס עס איז געשען, און ווייזט איר אָן אויפֿן חדר, וווּ דער פּריץ וואַרט אויף איר. און איידער ער הערט איר תּשובה, ווערט אים, נישט פֿאַר אייך

געדאַכט, נישט גוט, פֿאַלט ער אַנידער אויף אַ שטול און בלייבט חלשות... און אַז ער כאַפּט זיך אויף, פֿאַרשטייט ער נישט, וואָס דאָ איז געשען, וואָס ער זיצט אין פֿאָדער=הויז אויף אַ שטול און איז אַזוי מאַט און באַגאָסן מיט שווייס. עפֿנט ער אויגן און אויערן, דערהערט ער דעם פֿריצס קול פֿון אַ שטוב. דערמאַנט ער זיך אַלץ מיט אַמאָל, שפּרינגט אויף, לויפֿט צו צו דער טיר, די טיר איז פֿאַרמאַכט; בויגט ער זיך איין, קוקט דורכן לאָך פֿון שליסל, זעט ער, ווי זי זיצט אויף דער סאָפֿע, ער נעבן איר אויף אַ פֿאָטער=שטול. אויפֿן טיש — כּיבוד, און ער האַלט אירע הענט אָן זיינע הענט, און אָט נעמט ער אירע הענט צו זיין מויל, — כאַפּט צמחן אָן אַ שרעק, הייבט ער אָן לויפֿן איבערן פֿאָדער=הויז, לויפֿט ער פֿאַרביי דער שטוב, ווו די מיידלעך זיצן, די טיר איז אָפֿן, זעט ער גאָר, אַז זיין ווייב זיצט צווישן די מיידלעך און לערנט זיי, און איר פּנים שטראַלט מיט חכמה און צניעות — וואָס איז? אַ פֿאַרבלענדעניש? לויפֿט ער צוריק צום לאָך פֿון שליסל אין יענעם חדר, זיצט זי שוין איבערגעבויגן צום פֿריץ, איר קאָפּ אויף זיין אַקסל, און ער נעמט זי אַרום און בויגט צו די יצר=הרע=פֿאַרכישופֿטע אויגן צו איר בלאַס פּנים, די וואָנצן צו די ליפּן, כאַפּט צמחן ווידער אָן אַ גרויל, לויפֿט ער צו יענער שטוב, זיין ווייב איז פֿאָרט צווישן די מיידלעך, ער זעט זי באַשיינפּערלעך, און ער הערט איר קול און טרינקט מיט דאָרשט אירע קלוגע רייד:

— אַ יידישע טאָכטער — לערנט זי די יתומות — מוז זיין ריין, ווי אַ קרישטאַל, ווי אַ ריינקייט.

דערהערט ער אָבער אַ גערודער פֿון יענעם חדר, כאַפּט עס אים אָן און וואַרפֿט אים אַהין, זי זיצט שוין אינגאַנצן אויף זיין שויס. נעמט אַרום מיט ווייסע נאַקעטע הענט זיין רויטן האַלדז, און מויל נעענט זיך צו מויל, ליפּן — צו ליפּן, אַז עס קלינגט... פּאַקט עס אים, ווי אַ שגעון, לויפֿט ער צוריק, דערהערט ער שוין אויפֿן וועג איר זיס=קלינגנדיק קול פֿון דער שפּיגל=שטוב אַרויס:

— אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיין שטיל, ווי אַ טויב, און ריין, ווי אַ שפּיגל אָן אַ הויך... פֿאַרדרייט זיך שוין דעם אָרעמען צמח אין קאָפּ, פֿאַלט ער אַ שווייס=באַגאָסענער, אויף דער שטול און פֿאַרגעסט זיך אינגאַנצן...

און אַז די שעה פֿון יחוד איז אַריבער, כאַפּט ער זיך פֿון זיך אַליין אויף, דער פֿריץ גייט אַרויס פֿון פֿאָדער=הויז, ער זעט נאָך זיין רויטן קאָרק אין טיר, ווי ער פֿאַרשווינדט, דערמאָנט ער זיך אַלץ, וויל איב=

שפרינגען, קומט אָבער זיין ווייב, זיס און צניעותדיק־שטראַלנדיק, פון שפיגל־שטוב אַרויס, גייט צו אים שטיל צו, לייגט די האַנט אויף זיין שטערן און זאָגט אים:

— אין זכות פון פדיון־שבויים!

ענטפערט ער איר:

— אין זכות, וואָס דו לערנסט די יתומות...

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ סיעתא דשמיא — אויפן יצר־הרעדיקן פריץ אַ פאַרבלענדעניש. —

דער זיווג אָדער שרה בת־טובים

.1

און די מעשה, וואָס איך וועל איצט דערציילן, איז אַן אויסטערליש־וווּנדערלעכע מעשה, און — אַן אמת גמור. זי איז אין קיין שום ספר נישט געדרוקט, אין קיין קהלישן פּנקס נישט פֿאַרשריבן; איך האָב זי בקבלה איש מפּי איש און שטאַמט פֿון אַ גרויס אָרט...

און געשען איז די מעשה פֿאַרצייטנס, ווען עס זענען נאָך אַזוי־פֿיל שטעט און דערפֿער נישט געווען; אַ וועלט מיט „וואַלד־אויס, וואַלד־איין“. און געטראָפֿן האָט זיך עס אין מערן דער מדינה, אַ יידישע קהילה איז זעלטן, משפּחות־ווייז אין דערפֿער פֿאַרזייט, אין וועלדער צעשפּרייט, אָז תּורה, אָן תּפֿילה בציבור, אויסער ימים נוראים, ווען מען ציט מיט קינד און קייט אין די ווייטע שטעט אַריין.

זיצט זיך דעמלט אַ ייד אַ שווייגער ביין אַ גראַף אין אַ דאָרף; פּרנסה רינט איבערן מויל... 500 קי מעלקט ער דעם גראַפֿס; זיינע אייגענע אויך אַ ביסל. האָט ער אַ פֿולן קעלער מיט פּוטער און קעז, אַ בוידעם מיט תּבֿואות, פֿלאַקס און פֿעלעכלעד, און דער טייסטער אין בוזעם וואַקסט אין דער דיק, און דאָס קניפּל ביי דער שווייגערן באַזונדער. און אַ זון וואַקסט אַ געזונטער, אַ ווילער, ווי אַ יונגער בוים אין וואַלד.

און פֿונדעסטוועגן, איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט, זיצט דער שווייגער ביין אַ וועקסן־ליכט ביים טיש איבער די חשבונות, מיט דער שפּיץ ווייסלעכער באָרד צווישן די ציין, דער שטערן גערונצלט, ווי פֿון שווערע זאָרג, און קוקט מיט פֿאַרגעפֿלטע אויגן אין פֿענצטער אַריין...

— דו זינדיקסט, מיין מאַן! — וועקט אים פֿון די געדאַנקען דער שווייגערנס קול. פֿון דער צווייטער שטוב איז זי אַריינגעקומען, צום שלאָפֿנדיקן זון געקוקט, און איר פּנים שטראַלט.

„הערסט, איבערגעבויגן האָב איך זיך איבער אים... די בעקלעך רויט=

לען זיך, ווי אַ פרישער פרימאָרגן און דער אָטעם איז רואיק און שטיל, און שמעקט נאָך פרישע עפּל...״

— דאָס איז טאַקע מיין זאָרג — ענטפערט דער שוויגער. — מען וווינט אין אַ דאָרף, ווייט פון אַ יידישער קהילה, און יאָרן ציען, יאָרן פליען, ווו נעמט מען אַ שידוך פאַר אונדזער זון, ווי אַזוי וועט מען אים פאַר־קנסען?

— גאָט וועט העלפן — טרייסט די שוויגערן — ער האָט ביז אַהער אונדז נישט פאַרלאָזט...

— אָט דאָס איז עס טאַקע — מאַכט דער שוויגער — גאָטס הילף דאַרף מען, און אין וועלכן זכות? קיין יודע ספר בין איך נישט, לערנען לערן איך נישט, צווישן יידן וווינט מען נישט, נאָר איין מצווה קאָנען מיר מקיים זיין — הכנסת־אורחים הייסט די מצווה — און זע! — ער ווייזט איר מיטן בליק צום פענצטער־צו — איז אָנגעפאַלן אַ שניי פון הימל, אַ גרויסער שניי, האָט ער די שטעגן פאַרוואָגט, די וועגן פאַרשיט, און טעג און אפשר וואָכן, וועט קיין אורח איבער דער שוועל נישט קומען...

הייבט ער זיך אויף, און גייט אַרויס, זען, וואָס אין דרויסן טוט זיך. זי נעמט זיך די בעטן צורעכטצומאַכן, זוימט ער זיך אָבער צו לאַנג, ווערט איר אומעטיק, לאָזט זי אָפּ דאָס בעטגעוואַנט, גייט צום פענצטער צו און פויקט מיט די דיקלעכע פינגער אין דער שויב צום מאַן אַרויס.

איז אָבער די שויב געפרוירן, קלינגט זי העל נישט אָפּ; כאַפּט זי די שאַל אויף זיך, און גייט נאָך דעם מאַן פאַר דער טיר, זעט, זי, אַז דער מאַן; וואָס הערט נישט אירע טריט און קערט זיך נישט אום, שטייט פאַר־קוקט אויפן וועג פון וואַלד אַרויס. קוקט זי אים, פאַרחידעשט, נאָך. זעען זיי ביידע צוזאַמען, ווי איבערן פאַרשיטן וועג פון וואַלד גייט אַ געשטאַלט אַ ווייבערישע, אין אַ הויב אַ הויכע, אין אַ טערקישער שאַל. און די שאַל איז איבער די אַקסל נאָר פאַר שיינקייט וועגן פאַרוואָרפן, גלייך אַ לינדע זומער־נאַכט; נישט איינגעוויקלט איז זי אין דער שאַל, פריי פליען רעכטס און לינקס די עקן פון איר, גלייך זיי וואָלטן אירע פליגל געווען... און נישט זי גייט אין שניי, זי שווימט איבערן שניי, קיין פוס פאַלט נישט אַריין, לאָזט קיין צייכן איבער.

קוקן זיי אַזוי ביידע פאַרגאַפט, ביז די געשטאַלט קומט צו צו זיי און פרעגט, צי קאָן זי נישט רוען ביי זיי אין שטוב...

קומט דאָס פאַרפאַלק אַ ביסל צו זיך, קוקן זיך איבער, פירן מיט גרויס פרייד דעם ווייבערישן וווּנדערלעכן גאַסט אין אַ שטוב אַריין, גאָט

האָט זיי אַ גאַסט באַשערט; און ווילן וועקן דעם משרת, הייסן מאַכן וואַרעמס אַ גלעזל; און די שוויגערן לויפט צו צו דער שאַנק און עפנט זי ברייט און וויל אַרויסנעמען פון שענסטן און בעסטן עסן און טרינקען, און איינגעמאַכטס, און זיסן בראָנפן אַ ביסל, דער אויסטערלישער גאַסט זאָגט אָבער: ניין! זי וועט גאָרנישט פאַרזוכן, גאָרנישט טועם זיין, אַז זי דאַרף נישט, נאָר אָפּרוען וויל זי זיך אַ ביסל, זי גייט אין אַ גוטיק שליחות...

גיט זיך די שוויגערן אונטער, צינדט אָן נאָך אַ וועקסן ליכט, פירט דעם גאַסט אין אַ באַזונדער חדר אַריין; ווייזט אָן אויף אַ גרויס בעט, אויף בעטגעוואַנט ווי שניי, קישנס פוכענע, אַ לייכט וואַרעם איבערבעט... און ווילט איר נישט עסן, נישט טרינקען, שלאָפט אייך געזונטערהייט.

שלאָפן אָבער, זאָגט די געשטאַלט, וועט זי נישט, נאָר אָפּרוען אַ ביסל, ווייל זי האָט נאָך אַ ווייט שליחות. און אַז די שוויגערן וויל זי איבערלאָזן אין שטוב, האַלט זי זי איין און פרעגט, וויפל עס קומט פאַרן חדר, וואָרום אַוועקגיין וועט זי שטיל, און וויל קיינעם נישט וועקן, וויל זי איבערלאָזן געלט.

שפּרינגט די שוויגערן אָפּ טיף געקרענקט: קיין געלט נעמט זי נישט, אויף קיין פאַל נישט... דאָס איז דאָך די איינציקע מצווה, וואָס זיי קאָנען מקיים זיין אין דאָרף; אין דעם זכות נאָר העלפט זיי דאָך גאָט, און וועט — גיט זי מיט גרויס בטחון צו — ווייטער העלפן!

צעשמייכלט זיך די געשטאַלט און פרעגט:

— פעלט אייך עפּעס? האָט איר נאָך אַ בקשה צו גאָט?

— חס-ושלום!... מ'זע'מיר, ברוך השם, איך און מיין מאַן געזונט, און אונדזער זון זאָל לעבן אוודאי... און פּרנסה, ברוך השם, איבערן מויל... נאָר וועגן אַ זיווג גייט...

און זי דערציילט וועגן איר זון, וואָס ווערט 17 יאָר אַלט... און מען וווינט אין אַ דאָרף, צון אַ קהילה איז ווייט...

— און וואָס טוט איר דערצו?

— מען האָפט צו גאָט, מען בעט זיין ליבן נאָמען... דער מאַן אויף זיין לשון, זי אויף איר לשון... אַלע געבעטן בעט זי אויס, אַלע תחינות קאָן זי אויסנווייניק כמעט, שרה בת טובימס אַלע זיסע, האַרציקע תחינות... נאָר אייגער, דער עיקר, האָט זי שוין מיט טרערן הורכגעגעצט, די זיווג-תחינה...

— גאָט וועט העלפן, שמייכלט די געשטאַלט... איך בין זיכער, שמיי-

בלט זי... אַ סימן האָט איר, קיין געלט פֿאַרן חדר ווילט איר נישט, גיב איך אייך אַ מתּנה פֿאַר אייער זונס כּלה ווענן...

אַזוי זאָגט זי עס, און נעמט דערבײַ פֿון אונטער דער טערקישער שאַל די מתּנה אַפֿיר: אַ פּאָר גאָלדענע פּאַנטאָפֿעלעך מיט פּערעלעך באַנייט... בליצט עס אין דער שווייגערנס אויגן, שטופּט איר די געשטאַלט די פּאַנ־טאָפֿעלעך אין דער האַנט אַרײַן און זאָגט:

— „אַ מתּנה פֿון שׂרה בת טובֿים“, און פֿאַרשווינדט...

און אַז דער שווייגער האָט זיך נישט געקאָנט אויפֿן ווײַב דערוואַרטן, האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און נישט באַקומענדיק קיין ענטפֿער, דערשראָקן די טיר געעפֿנט, זעט ער, דאָס ווײַב שטייט אַליין אין מיטן שטוב מיט אַן אָפֿן מויל, אויסגעגלאָצטע אויגן און גאָלדענע פּאַנטאָפֿעלעך אין דער האַנט.

2.

אין דער זעלבער צײַט, אין דער זעלבער מדינה מערן, נאָר מײַלן ווײַט פֿון שווייגער, און נישט ווײַסנדיק פֿון שווייגער, האָט אין אַ טיפֿן וואַלד אַ ייִד געוווינט. אַ קוילן־ברענער. האָט אַ שטיבל אין וואַלד און אַן אייזן געדונגען, אויך ביין אַ גראַף. נאָר דער ייִד איז אַן אָרעמער געווען און אַ שווערע פּרנסה געהאַט: זאַמלען דאָס אָפּגעפֿאַלענע פֿון בוימער, זו־מער — אָפּגעדאַרטע צווײַגן, ווינטער — קאָרע געפֿלאַצטע פֿון פֿראָסט און נאָך יעדן געוויטער — דאָס אָפּגעהאַקטע פֿון דונער און אָפּגעריסענע פֿון ווינט, און טראָגן צום אייזן און אויף קוילן פֿאַרברענען — קומט ער פֿאַר־נאַכט אַהיים אַ מידער, אַ שוואַרצער... האָט אים אָבער זײַן ליבער נאָמען אַ זיס טעכטערל באַשערט (דער ייִד איז אַן אַלמן געווען). קומט זי אים אַנטקעגן מיט פֿרייד, און העלפֿט אים וואַשן און איבערטאָן און גיט אים צו עסן און צו טרינקען און מאַכט אים פֿײַן דאָס געלעגער צורעכט...

און קאָן ער נישט אײַנשלאָפֿן — און זייט ער איז אַן אַלמן געוואָרן, טרעפֿט זיך עס אים גאַנץ אָפֿט — ציגדט זי אַ קינדל אָן, ווען קלאָרע נעכט, שטעלט זי זיך קעגן דער לבֿנה צום פֿענצטערל, און לייענט הויך אירע „הייליקע“ ספֿרים אויף „עבֿרי־טײַטש“, די מוטער האָט זי אויסגעע־לערנט, די ספֿרים בירושה געלאָזט: צאינה וראינה, קבֿ־הישר, תּחינות פֿון שׂרה בת טובֿים... לייענט זי אים הויך... ער, אַ פֿראָסטער ייִד, הערט זיך אײַן, ביז די אויגן קלעפּן זיך אים צו, דאַכט זיך אים, אַז י ע נ ע לייענט,

די מוטער לייענט, און ער שלאָפט רואיק איין, איינגעוויגט פון זיסן קול און די ווערטער די הייליקע...

קומט איר אַמאָל אַ זייער האַרץ־ווייכיקע תחינה אין דער האַנט אַריין, וואָס אַ מאַמע זאָגט, ווען זי בעט זיין ליבן נאָמען וועגן אַ זיווג פאַר אַ קינד...

„און זע, ליבער, האַרציקער גאָט, פאַר מיין ליבער, האַרציקער טאָכ־טער וועגן אַ זיווג, אַ זיווג אַ כשרן"... הייבט דאָס מיידל אָן צו פאַרשטיין, וועגן וואָס עס גייט, האַקט זי אָפּ און וויל אָן אַנדער תחינה נעמען, בעט זיך דער פאָטער:

— ניין, טאָכטער לעבן, ניין... ווייטער לייען... גיב מיר די הייליקע ווערטער אין מויל אַריין, לאָמיך בעטן ביי גאָט פאַר דיר... אַ האַרץ האָב איך, טאָכטערשי, אַ פולס, גאָר, אַ ייד אַ פּראָסטער, קיין ווערטער האָב איך נישט...

מוז זי פאָלגן און לייענט ווייטער און ווייטער. ווי שמעקנדיקער בוים־אייל גיסט זיך די תחינה. לאַנג איינגעשלאָפן איז שוין דער פאָטער — זי מערקט עס נישט, ער שנאָרכט — זי הערט נישט און לייענט... און פּלוצ־לינג וועקט זיך אויף אַ נישט פאַרשטאַנען בענקשאַפט אין דעם מיידלס האַרץ, די יתומישע נשמה האָט זיך צו עפּעס פאַרבענקט... עס קלאַפּט דאָס הערצל קליין, פייכט און נעפּלדיק ווערן די אייגעלעך פאַרדעקט, די ריין־קינדעריש־בלויע, און דאָס קולכל ציטערט און ציטערט און ווערט פון באַהאַלטענע טרערן פייכט...

און אינמיטן — עפנט זיך די טיר און אין איר באַווייזט זיך אַ וואַנ־דערלעכע געשטאַלט... אין אַ הויב אַ הויכער און אַ טערקישער שאַל, די אויגן לייכטן אַזוי לייטזעליק זיס, אַז דאָס איינגעשרומפּענע פּנימל שטראַלט.

— טאַטע! וויל זי דעם פאָטער וועקן. לייגט אָבער די אַלטע אַ פינגער איבער די ליפּן, ווערט דאָס מיידל שטיל, בלייבט זי, אין אַ פאַרכישופטן חלום שטיין. און די אַלטע גייט צו צום טיש און זעצט זיך, און שטרעקט אויס די האַנט און ציט דאָס מיידל זיך צום האַרצן צו...

— שרעק דיך נישט, מיידעלע — זאָגט זי — שרה בת טובים בין איך... מיינע תחינות האָסטו געלייענט... און עס איז אַ שטילע נאַכט, האָב איך אין מיין שטילער רו דיין זיס קול געהערט, בין איך געקומען צו דיר און האָב דיר אַ מתנה געבראַכט...

און נעמט פון אונטער דער טערקישער שאַל די מתנה אַפיר:

— זע, ליב קינד... אַט, סאַמעט געשווירענער אַ שטיק... אויף אַ ביי־טעלע צוגעשניטן... און פּערל, אַלערליי קאָלירן זיידענע פול, צום אויס־נייען, דאָס ביימעלע... און פּעדעם נאָך דערצו זילבערנע, און גאָלדענע אויך אַ ביסל, און פלימערלעך דערצו, אויך זילבער און גאָלד... און אַזוי זעסטו גייט מען, מעכטערל, און אַזוי ווערט געשטיקט... האַלט די נאָדל פעסט, לויף מיט די פינגערלעך געשיקט... זעסט אַ מגן־דוד גייט, און אָט בליען בלימעלעך אַרויס... פרישע, ווי אין וואַלד אין זומער־צייט... אַ תפילין־ביימעלע גיי, אַ מתנה מאַך, פאַר דיין באַשערטן אַ מתנה, ווי דיין ליבע מאַמע האָט דיין ליבן טאַטן געשענקט...

און די אַלטע לערנט, און דאָס מיידעלע שטיקט און העפט...

און אַז דער פרימאָרגן בליט, כאַפּט זיך דער פאָטער אויף, די טאָכ־טער זיצט אַליין אין שטוב מיט אַ תפילין־ביימעלע אין די הענט, סאַמעט, זילבער און גאָלד...

3.

און אַז דעם שווייגערס זון איז אַלט געוואָרן 17 יאָר, האָט מען אים אַרויסגעזעצט אויף אַ וועגעלע און געשיקט אין דער וועלט אַריין זיך אַ כלה זוכן צו די שרה־בת־טובים־פּאַנטאָפּעלעך...

פאָרט ער וואַלד אויס, וואַלד איין, איבער דערפער און שטעט, כלה־מיידלעך ווי זאַמד און ערד — קיין איינער פּאַסן די פּאַנטאָפּעלעך נישט...

פאָרט ער אַ יאָר, פאָרט צוויי, נישטאָ און נישטאָ, פאַרלירט ער די אמונה דערין, קערט ער אַהיים; ער וועט טאַטע־מאַמע זאָגן: ס'איז אַ חלום געווען, אַזוינע פיסעלעך קליינע זענען נישט פאַראַן...

פאָרט ער אַהיים, און פאָרט, און פאָרט פון וועג אַראָפּ, און פאַר־בלאָנדזשעט אין אַ וואַלד, דעמבעס מיט דעמבעס, ריזן ביי ריזן שטייען, גישט אויס און נישט איין. בלייבט ער שטיין, פריימיק איז, די זון גייט אונטער און לאָזט זיך, אַ פייערדיקע קויל, אַלץ טיפער און טיפער אַראָפּ, דער אָוונט פאַלט צו — שטעלט ער זיך „שיר־השירים" זאָגן, און גייט, שיר־השירים זאָגנדיק, אין וואַלד אַרום, האַלט זיך נאָר פון וועגעלע נישט ווייט, און פון פערד, וואָס פּאַשעט זיך... און שטיל רוישט, ביים אָוונט־ווינטל, דער וואַלד, גלייך ער וואָלט אים „שיר־השירים" נאָכגעזאָגט... און שטיל ווערט און טונקעלער, און פלוצלינג פלאַמט צווישן די ביימער אַ פענצטערל אויף, לויפט ער צו מיט פרייד און קלאַפּט אָן:

— וווינט דאָ אַ ייד?

— אַ ייד!
אַ ייד קומט פון שטיבעלע אַרויס, באַווייזט זיך אויף דער שוועל!
— שלום עליכם, אַ ייד!
— עליכם שלום — ענטפערט דער יונגערמאַן — קאָן מען האַלטן שבת ביי אייך?
— האַלטן יאָ — ענטפערט מיט אַ טרויעריקן שמייכל דער ייד — נאָר עסן האָב איך נישט וואָס...
— עסן האָב איך — ענטפערט דער יונגערמאַן — און טרינקען אויך — קומט מיט מיר צום וועגעלע צו, פון אַלעם גוטן אָנגעגרייט...
אין אַ שעה אַרום נאָך קבלת שבת זיצן זיי שוין ביידע נאָך קידושביים טיש... און זינגען זמירות, און עסן... זעט דער יונגערמאַן, ווי פון יעדן מאכל נעמט דער אַלטער און איז קוים וואָס טועם אַ ביסל, און טראָגט באַלד די רעשט פאַר דער טיר אַרויס, מיינט ער, פאַר אַ קעלבל צי אַן עוף... איז ער דאָך נישט אַזוי אָרעם דער ייד, פאַרוואָס האָט ער קיין שבת נישט געמאַכט... אַ יונגערמאַן, פרעגט ער אים.
זאָגט דער אַלטער: ניין, אַן אָרעמער קוילן־ברענער בין איך... קיין קאַלב, קיין עופות פאַרמאָג איך נישט... נאָר אַ זיס טעכטערל האָב איך, באַרוועס גייט זי, נעבעך, שעמט זי זיך באַרוועסערהייט אין שטוב אַריינצוקומען... זיצט זי און עסט פאַר דער טיר...
נעמט דער יונגערמאַן מיט האַרץ־קלאַפּניש די גאָלדענע פאַנטאָפּעלעך פון בוזעם אַרויס און גיט זיי דעם אַלטן איבער: גייט, מעסט זיי אייער טאָכטער אָן... צי זיי פּאַסן, זעט...
קומט דער אַלטער צוריק: זיי פּאַסן...

4.

און ביים אַלטן שווייגער איז אַ חתונה געווען... ער האָט מיטן קוילן־ברענער אַ שידוך געטאָן, און די חופה האָט מען אין שטאָט געשטעלט, און אַז מען איז פון דער חופה געגאַנגען, האָט זיך פּלוצלינג אַ געשטאַלט באַוויזן, אין אַ הויב אַ הויכע, אין אַ טערקישער שאַל, אַ פּנים אַן אַלטס, נאָר אויגן לייטזעליקע און יונגע, און האָט קעגן חתן־כלה מיט אַ קוילישש געטאַנצט...
און נישט אַלע האָבן געוווסט, ווער דאָס איז...

דער שפּילער

(אַ פּורימדיקע מעשה, נאָכפאַרציילט אייזיק מאיר דיק)

אַמאָל זענען די דורות נישט אַזוי אָפּגעריסן, נישט אַזוי פאַריתומט געווען. אַ דור איז געווען אַ רינגעלע אין דער קייט, וואָס הייבט זיך אָן מיט אדם וחוה און וועט זיך ענדיקן אין אלף השישי... און האָט, ווען עס איז, איבער וואָס עס איז, אַ רינגעלע אַ צאַפּל געטאָן, האָט אָנגעהויבן ציטערן די גאַנצע קייט, האָבן זיך אַלע רינגען געוועקט: די אבות, די מאַמע רחל און אַנדערע...

אויסער דעם שטענדיק אָפענעם הימל, וואָס מען האָט, אויב מען האָט אים נאָר מיט אַ קופּערנעם דרייער נישט פאַרשטעלט, מיטן בלויזן אויג געזען — אויסער אליהו הנביא, וואָס פלעגט זיין א היימישער מענטש, א בן־בית ביי אַ ייד: צווישן די אושפיזין אין סוכה, צו „שפוך חמתך" ביים סדר, אויף דער פאָטער־שטול צו „וכרות", און אויף אַלע יאַרי"ז, און יעדעם מאָל, ווען דער חלף האָט זיך געלייגט אויפן האַלדז... און אויסער גוטע מלאכים — האָט מען אייביק טאַטע־מאַמע געהאַט. לעבן זיי — ווער שמועסט פון אַ כיבוד, און, חס ושלום, נישט — האָט מען אַ מצבה, אָנצושפּאַרן און אָפּצוקילן אַ ברענענדיקן קאָפּ, אַ קבר — צום אויסוויינען דאָס פאַרביטערטע האַרץ, און אַ שוכן־עפר, וואָס הערט, וואָס זעט און שווייגט נישט, נאָר מיט זיך פאַר אייך...

און נישט שטענדיק דאַרף מען זיי בעטן: נאַכט אויף נאַכט קומען די טויטע אין דער לעבעדיקער שטאָט אַריין. אין שיל אַריין גייען זיי, דאַווע־נען, לייענען, אָפּריכטן חצות... גייט אַ בר־מינן אַ היימישן לאָדן פאַרביי, הערט ער אַ קרעכץ פון אַ שווער האַרץ אַרויס, אַ זיפץ פון א צעבראָכן געמיט, פאַרשטייט ער אים: לעבעדיקע און טויטע רעדן איין שפּראַך, דאַ־ווענען פון דעם זעלבן סידור אַרויס... מאַכט זיך דער בר־מינן אַ קניפּל אין די תכריכים, און, אַז ער קומט צוריק אין זיין רו אַריין, דערמאָנט ער

זיך, און מיט זיך, און טוט וואָס ער קאָן, וואָס מעגלעך איז. און וואָס איז אין יענע געבענטשטע צייטן נישט מעגלעך געווען... גאָרנישט, אפילו זיך אויסלערנען אַ פריילעכן שושנת־יעקב" — ביי אַ בר־מינן!

איך וויל אָבער נישט כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ, דאָס געהער שוין צו דער זאַך — צו דער מעשה פון רב אברהמל שפּילער, אַ מליץ יושר זאָל ער זיין פאַר מיר און פאַר אַלע, וואָס פאַרציילן פורימדיקע מעשהלעך, אויב נאָר נישט אויסגעטראַכטע...

און געווען איז רב אברהמל אַ שפּילער, נישט קיין קלעזמער. ער איז געקומען צו דער מדרגה, צו וועלכער, אַלע, פיליכט, בענקען, אָבער זעלטן, ווער עס זאָל דערגרייכן: ער האָט פון פידעלע קיין פרנסה נישט געצויגן, דערפון נישט געלעבט...

אַז מען האָט נישט קיין גרויסע אויגן, קיין בייזן האַלדז און אויפגעריסן מויל — אַז „אַבי־וואָס" איז אַ מאַכל, קאַלט וואַסער — אַ משקה, שיינע און קיטיי — אַ מלבוש — האָט ביילע־באַשע אַ קליידל, איז מען יוצא פאַר עולם־הזה, שפּילט מען לשם מצווה, לשם שמים; איז מען אַ שפּילער פאַר זיין ליבן נאָמען — פאַר גאָט, און אַזוינער איז רב אברהמל געווען...

מוצאי־שבת שפּילט זיך רב אברהמל זיינע זמירות... זיצט ביילע־באַשע זיין שפּיזערין, און שעפּט זיך אָן מיט נחת, מיט חיות אויף אַ גאַנצע וואָך... שטייט אַן עולם און גאַס און הערט אונטער, און די נשמות זאַפּן זיך מיט זמירות אָן. אָפּטמאָל ווערט דער ניגון אונטערגעכאַפּט: אַ גאַס איז פּלוצלינג געהויבן געוואָרן אַ שטעטל זינגט א זמר...

און אַ גאַנצע וואָך — ביילע־באשע זיצט אין קלייט, דאָס שטעטל איז פאַריאָגט — און אין שטיבל פון ד' על ד', ביי אַ קליין טישל, פאַרן קליינעם פענצטערל, זיצט זיך איינער אַליין רב אברהמל; מיטן הארץ צום הימל, מיטן אויג צו דוד המלכס תהילימל: שירות ושבחות זינגען די ליפּן און ציטערן פאַר תענוג, און די אויסגעשטרעקטע האַנט קלויבט איבער די סטרונעס פון פידעלע, וואָס ליגט פאַר אים אויפן טיש... קלינגען די סטרונעס פאַר די ווערטער קליינע, ווייסע פליגעלעך אויס; פליען זיי הויך. און רב אברהמל גלעט זיך מיט דער האַנט די שניי־ווייסע באָרד; זיין איינציקער תענוג...

עפּנט זיך נישט דרייסט דאָס קליינע טירל, בייגן חתן־כלה איין די קעפּ, זיי זאָלן זיך נישט אָנשלאָגן, און קומען אַריין, און שטעלן זיך אָפּ פאַר רב אברהמלען געריימלט און פאַרשעמט, און רב אברהמל שמייכלט,

ער ווייסט שוין, וואָס מען מיינט: שוין יאָרן פּאַרקנסט, אָנגעזאַמלט קוים אויף אַ טלית, די חופּה איז גרייט, נאָר אויף קלעזמער האָט פאַרפעלט... שפּילט שוין רב אברהמל אויף אַן אָרעמער התונה; האָט ער, נאָך איידער ער קויפט אַ נייעם לוח — אַ סנדקאות, צו דער צייט — אַ פּדיון הבן, ער איז אַ כהן אויך — איין מצווה לויפט נאָך דער צווייטער. נישט אין דעם אָבער גייט עס.

דער עיקר איז ביי רב אברהמלען פּורים...

אַ פּורים־שפּילער איז ער — פאַר אָרעמע לייט...

פאַראַן הייזער, ווו די שיינע יידן מיט די רויטע פּאַטשיילעס שמעקן נישט אַריין, ווו עס באַווייזט זיך קיין קלעזמער, און קיין פּורים־שפּילער טרעט נישט איבער דער שוועל... ווו די חלה איז אָן זאַפּרען די סעודה אָן פרייד, און אָפטמאָל אָן חלה...

עפנט זיך די טיר, קומען אַריין רחמנותדיקע מענטשן „תומכי עניים“, ברענגען זיי צו עסן און צו טרינקען, בענטשן די אָרעמע לייט די ליבע מענטשן פאַר דער צדקה, און אויך אַלע ליבע געסט פון פּורים־באַל, וואָס געבן די מעגלעכקייט צו טאָן די צדקה, און לויבן זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט גוטע מענטשן באַשאַפן און זעצן זיך עסן און טרינקען... און דאָך — איבער די אָרעמע איינגעפאַלענע באַקן רינען, פליסן טרערן, געזאַלצענע, ביטערע... נישט זיס איז קצבה ברויט, נישט געשמאַק איר געטראַנק... און ווי לאַנג איז, אַז זיי זענען די געבער און אַנדערע די נעמער געווען? און עס הייבט אָן די טרער צו שטעכן אין אויג, די ביטערקייט — זיך צו זאַמלען אין האַרץ, און אַ יידענע פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיטן פאַרטעך; אַ ייד וואַרפט דורכן פענצטער צום הימל אַרויף אַ טענה... און ווער יונגער איז כאַפּט און ציט צוזאַמען די האַנט אויף אַ פויסט. קומט אָבער אַריין ר' אברהמל מיטן פידעלע. די ליכטלעך ווערן מיטאַמאָל ליכטיקער, אויגן לייטערן זיך, אויף די פּנימער באַווייזט זיך אַ שמייכעלע, פאַרשעמט, פאַריתומט, נאָך פאַרטרערט. רב אברהמל אָבער שפּילט שוין „שושנת יעקב“ — גיסט זיך אַ קלינגענדיקער בוימל אין האַרץ אַריין — אָרעמקייט איז קיין שאַנד, איין ברודער ביים צווייטן נעמט, דרייען דרייט זיך דאָס רעדל... און אַרום גייט אברהמל מיט פינקעלדיקע אויגן באַגלייט, און קינדערלעך, מיט קרומע פיסעלעך, ווי די רעגנבויגן, און צאַפּלדיק־פלאַמענדיקע אייגעלעך, ווי פלעמלעך בשרע, לויפן אים איבער די גאַסן נאָך פון טיר צו טיר, פון שטוב צו שטוב... און ערשט שפּעט, גאָר שפּעט — אָרעמעלייט, קיין עין־הרע, מערן זיך — אנגעלאָדן מיט ברכות,

מיט אַ האַרץ איבערגעפּולט מיט גוטער, שטילער פֿרייד פֿון געטוענע מצוות — טרעט נאָך רב אברהמל אָפּ ביים רב מיט דער רביצן, אָן וועלכע אַ מעשה איז גאָר קיין רעכטע מעשה נישט...

און איבער דער צייט זיצט ביילע־באַשע געדולדיק און וואַרט. דאָס האַרץ זאָגט איר, און אברהמל לייקנט נישט, אַז זי האָט אַ חלק, אַ גרויס חלק אין דער מצווה; אָבער אַ קליין ביסעלע בענקען איז קיין עוולה נישט...

און ביים קליינעם טישעלע, פֿאַרן קליינעם פֿענצטערל זיצט די פֿאַרבענקטע אַלטיטשקע און שמייכלט... קוקט מיט די אַלטע, מאָדנע לאַנגדיקוויינענדיקע אייגעלעך אין דער טונקעלער גאַס אריין, און פֿון אונטערן שטערנטיכל קריכן די אויערלעך אַרויס און הערן זיך איין... צי איז עס נישט ער דאָרט מיטן פֿידעלע? נישט פֿון זיין שושנת יעקב דער צוגעשוויגענער קלאַנג?... און די ליפּעלעך רירן זיך קוים־קוים אין שטילן געבעט: זאָל ער זוכה זיין מיטן פֿידעלע אַנטקעגן צו גיין משיחן, שפּילן אים אַ מאַרש...

דעמלט האָט מען אָן משיחן געגלייבט, אויף משיחן, כאָטש ער זוימט זיך, יעדן טאָג געוואַרט.

— אָבער פֿאַרוואָס זוימט ער זיך אַזוי לאַנג? — פֿרעגן די אַלטע ליפּן; דאָס מאָל — נישט אויף משיחן: די האָלאַבצעס זענען קאַלט, די ליכטלעך — רייכערן זיך, צאַנקען, גייען אויס און אברהמל איז נישטאָ.

ביילע־באַשע לויפֿט אין מאַרק אַריין. אַ שווייגנדיקע נאַכט. דורך די פֿאַרהאַמערטע לאַדן רייסט זיך נישט אַרויס קיין קלאַנג, קיין שטראַל. דאָס שטעטל שלאָפֿט.

דער הימל איבער אים וואַכט, מיט טויזנטער, טויזנטער אויגן, אַזוינע ריינע, אַזוינע קלאָרע — אָבער ווו איז אברהמל?

— פֿאַרוואָס פֿאַרשפּעטיקן זיך די טריט פֿון אברהמלען?

אַזוי פֿרעגט אויך דער אַלטער רב, מיטן צעשראָקענעם ציגן־בערדל, און זיין שרעקיק קול וועקט די רביצן פֿון דרימל און דאָס קליינע קעפּל, וואָס האָט זיך אין דער לופֿט, ווי אַן אומרו געוויגט, שטעלט זיך אָפּ. ווו קאָן ער זיין? דער הנא פֿון פֿלעשל משקה אין אַרויסגעשוועמען, האַלבער נאַכט קלינגט דער הייזעריקער אַלטער זייגער אויס און אברהמלען זעט מען נישט... כאַפּט אויף זיך די קוטשמע דער רב, די רביצן — די טערקי־

שע שאַל, לאַמטערן גרויסע — די קוים דערוועקטע שמשים, לויפט מען אין גאַס אַריין, טרעפט מען ביילע־באַשען. רעדט מען, נישטאָ ביי אייך רב אברהמל? קומען קינד און קייט פון די שטובן אַרויס און מען זוכט אברהמלען...

— — — — — — — — — — — —

און אברהמלען האָט, ווירקלעך, אַ סיבה געטראָפן. ווען נישט "שליחי מצוות..." גאָט ווייסט, צי איך וואָלט אייך היינט די מעשה פאַרציילט; עס וואָלט אַ צו טרויעריקע געשיכטע געווען, און טרויעריקע זאַכן האָט איר נישט ליב...

אַהיים, צו זיין ביילן־באַשען, גייט רב אברהמל, אַ ביסל טאַנצן די פיסלעך אונטער, דאָס אַלטע, גראָע קעפל וויגט זיך: פורים, און ער וועט נישט אָפּזאָגן קיין אָרעמאַן, וואָס הייבט אויף צו אים דעם כוס... ער האָט זיך שוין צו ביילע־באַשען פאַרבענקט, עס פאַרדריסט אים, וואָס ער קאָן נישט משנה מנהג זיין און מוז, פאַרבייגייענדיק, אויף אַ ווײַלע אָפּטרעטן ביים רב. וויל ער זיך פאַרקירצן דעם וועג, גייט ער דעם פאַליש, פאַר דער שיל אַדורך, ווי געזאָגט, — שליח מצווה. קומט ער אין פאַליש אַריין, דער־הערט ער קולות פון שיל: געלעכטער, געזאַנג, אַ שאָרען מיט טאַנצנדיקע פיס. נבהל ווערט ער ונשתומם. נישט אַנדערש, טראַכט ער, נייערט ווילע יונגען האָבן זיך אין שיל אַריין פאַרכאַפּט, כאַפּט אים דער חילול הקודש ביים האַרץ, צינדט זיך אָן אין אים דער צאָרן. און אַ כהן איז ער, אברהמל, גיט ער זיך אַ שפּאַר אַריין אין טיר, דער אַלטער שלאָס גיט אַ ביסל נאָך, אברהמל שפּאַרט זיך מיט אַלע קרעפטן אין שפּאַרע אַריין און בלייבט — פאַרשטאַרט פאַר שרעק: מתים זענען עס געווען!

און אַ געמורמל ווערט אין שיל: רב אברהמל, רב אברהמל! און אַלע אויגן ווענדן זיך, טייל — צו אברהמלען, אַנדערע — צו אַ הויכן, הויכן ייד, מיט אַ גרויער, שניי־ווייסער באָרד. און די אויגן, אויף אברהמלען פאַרקוקט, קוקן לייטזעליק און ליב, די אַנדערע, צום הויכן, הויכן ייד געווענדט, וואַרטן אָפּ זיין וואָרט, הענגענדיק אויף זיינע בלויע ליפּן... נישט לאַנג האָבן זיי געוואַרט. מיט שטילע טריט לאָזט ער זיך צו אברהמלען צו, און שטיל ווערט אין שיל, אַז מען הערט, ווי די מצה־שמורה ציטערט, פון אַ ווינטל, דורך אַן אויסגעשלאָגענער שויב געוויגט... און אין דער

שטילקייט דערהערט זיך דעם הויכן — הויכן יידס קול, ווי ער צעשפּרייט מיט דער לאַנגער רעכטער האַנט די שניי־ווייסע באָרד, און זאָגט צו אים: פאַרכט דיך נישט, אברהמל! מיר ווילן דיר קיין בייז נישט טאָן; מיר האָבן זיך דאָ, ווי אַלע יאָר, געפרייט אַ זמר געזונגען, אַ טענצל געכאַפּט; עס איז דאָך פּורים — אַ יום־טוב, וואָס וועט נישט בטל ווערן!

שטייט אברהמל אין שפּאַרע אַריינגעדריקט, און קוקט מיט גרויסע אויגן און טראַכט: מאָרגן וועט מיר קיינער נישט גלייבן, אַז איך בין דאָ געווען, דאָס געהערט און דאָס געזען. ציטערן די ליפּן און געבן קיין קול נישט אַרויס. לעזט אים דער הויכער — הויכער בר־מינן זיין מיין פון פּנים אַראָפּ, ווינקט ער צו אַ מאָגערן, און דעריבער — נאָך העכערן ייד, קומט ער, שטיל שווייגנדיק, צו.

— מיר וועלן דיר — זאָגט דער רב — פאַר די לעבעדיקע אַ וואָרט־צייכן געבן, וועלן זיי דיר גלויבן. אָט דער ייד איז דער ערשטער קהלישער חזן פון שטעטל; איך וועל אים בעטן, וועט ער דיך אַ ניעם „שושנת יעקב“ לערנען.

דער מאָגער־הויכער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ“.

— נייערט — גיט צו דער ערשטער רב פון שטעטל — נישט מיטן קול וועט ער דיך לערנען. ער האָט זיך, לא עליכם, ביים לעצטן נעילה־קדיש פאַרקילט, און מיט א שטומער ווידוי אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט. מיטן פינגער וועט ער דיך לערנען...

טוט דער ערשטער חזן דעם ווילן פון ערשטן רב, שוועבט זיין פינגער אין אוויר און שוועבט. דאָ טאַנצט ער מיט אַ ברעז, דאָ ווערט ער פאַרצי־טערט, און פאַר גרויס חבקות — ווי פאַרשטאַרט; דאָ רייסט ער זיך אין די עולמות העליונים אריין, מיט טענות פון איוב, מיט צער און צאָרן, און אָט צאַפּלט ער, וואַרטנדיק אויף א תשובה פון דער הייך וועגן טויט און לעבן...

אזוינס האָט נאָך רב אברהמל נישט געהערט, ציט ער זיך מיט דער גאַנצער נשמה צום זינגענדיקן פינגער; זאַפּט ער מיט ביידע אויערן דעם ניגון, וויל ער איבן פידעלע פרוון נאָכשפּילן, כאַטש אַ טאָן כאַפּן, קאָן ער נישט, אין שפּאַרע פאַרשפּאַרט, אויסשטרעקן די האַנט... און דעם חזנס פינגער שוועבט אַלץ און שוועבט, און נגינה גיסט זיך פון אים און גיסט...

און איינדערפרי, אַז דער שמש איז געקומען עפענען די שול, און האָט

אים פון שפּאַרע באַפרייט, איז רב אברהמל אָפּגעשפּרונגען אין מיט פּאָ=
ליש אריין, און נישט ענטפערנדיק דעם צעשראָקענעם שמש א וואָרט —
מיט פּאַרצימערטע הענט צוגעדריקט דאָס פידעלע אין דער נאָך ווייסער
איבער נאַכט געוואָרענער באָרד אריין, און האָט אָנגעהויבן שפּילן! דער=
הערט ביילע=באַשע, דערהערן חב, חביצן און די אַלע, וואָס האָבן אים אין
אַלע הייזער געזוכט, און לויפן זיך צוזאַמען; קומען ותיקין דאַווענען, אי?
שטעלן זיך אָפּ; און חב אברהמל שפּילט אליין און שפּילט...

דער קרבן

אַמאָל איז געווען אַ גרויסער שר, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַלאַץ צווישן בערטנער ביים ברעג פון ים.

דער שר איז אַן אַלמן געווען, און נאָך אַמאָל חתונה האָבן, האָט ער נישט געוואָלט צוליב די צוויי טעכטער וואָס ער האָט געהאַט, שרה און רבקה.

שטייט אַמאָל דער שר אין פענצטער פון פּאַלאַץ און וויל זען, וואָס זיינע ארויסגעגאַנגענע טעכטער טוען. זעט ער, אַז איינע, די עלטערע, מיטן נאָמען שרה, זיצט אויף אַ גאָרטן־באַנק און העפט. ווייסט ער, וואָס זי העפט. זי העפט אויס, מיט גאָלד און זילבער און גראַנאַטן אויפן פיינסטן סאַמעט, אַ פּרוכת אין שטאָט אַריין פאַר דער שיל. אַ יפת־תואַר, און אַ בריה־נפלאה, די העמפלער פליען ביים העפטן, און אַ פרומע נשמה דערצו.

און די צווייטע, מיטן נאָמען רבקה, לויפט ארום צווישן די בייטן פון בלומען, און רייסט די שענסטע און די טייערסטע און פלעכט אַ קראַנץ. ער ווייס, פאַר וועמען — פאַרן ליבן פאָטער. אַ יפת־תואר און אַ געשיקטע, און אַזאַ האַרציקע דערצו, און ער הייבט די אויגן אויף, ווייטער צו קוקן. שוועבן זיינע בליקן איבערן שטילן בלויען ים, און זיין האַרץ וווּנדערט זיך: פאַרוואָס זעט מען קיין שיפלעך מיט חתנים פאַר זיינע טעכטער נישט? ווען וועט ער פון זיי נחת דערלעבן?

און ווי ער קוקט אַזוי, דערזעט ער: אַ שיפל נענעט זיך צום ברעג. שטיל רירט עס צו. די רודערס הענגען פון די רייפן אין וואַסער אַראָפּ, און אַ האַנט הענגט פון שיפל ארויס, אין וואַסער אַריין. ווער קאָן עס אין שיפל זיין, און וואָס האָט זיך אים געטראָפן, וואָס די רודערס זענען אים פון די הענט ארויס, און איינע פון די הענט אַזוי שטאַר אין וואַסער אַראָפּ? איז דער שיפער איינגעשלאָפן פאַר מידקייט, אָדער אַ שלאַג פון דער זון באַקומען און פאַרחלשט געוואָרן?

אומרואיק געוואָרן, לויפט דער שר אראָפּ, שרייט די דינער צוזאַמען, אײַלט מיט זיי צום ברעג פון ים, די טעכטער האָבן אויך דערהערט און נאָכגעקומען.

איידער מען האָט אָפּגעבונדן אַ שיפל, אַקעגן צו שווימען און צו רעטן, האָט דערווייל דאָס בלאָנדזשענדיקע שיפל אַליין זיך צוגעשלאָגן צום ברעג.

אין שיפל איז געלעגן אַ פאַרחלשטער יונגערמאַן.

—אוי, ווי שיין! — האָט אויסגעשריגן רבקה. און שרה האָט זיך שוין מיטן קראַנקן פאַרנומען — מען האָט פון פּאַלאַץ א טראָג-בעטל געברענגט, מען האָט דעם פאַרחלשטן, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט דערמינטערן, אויפן בעט געלייגט און, אויף שרהס באַפעל, צום פּאַלאַץ געטראָגן, אין א צימער אַריינגעטראָגן...

— איך רייט אין שטאָט אַריין נאָך א דאָקטער! — האָט דער שר געזאָגט, און אויגנבליקלעך האָבן די דינער פאַר אים צוגעפירט א געזאָטלט פערד...

— איך וועל רייסן בלומען פאַרן שיינעם קראַנקן! — האָט רבקה געזאָגט, אַז ער וועט זיך אויפכאַפּן, די אויגן עפענען, זאָל ער בלומען דערזען...

שרה איז ביים קראַנקנס בעט געבליבן; צוקאָפּנס געזעסן, און שטילערהייט פאַר אים תפילה געטאָן.

— — — — — — — — — — — — —

עס איז געוואָרן פאַרנאַכט. די זון גייט אונטער און שטילע שאָטנס וועבן זיך צוזאַמען אין קראַנקנס צימער.

אין דער פאַרשאָטנטער שטילקייט, מיט טיפע רויטע אָפּגלאַנצן פון דער טיפער אונטערגייענדיקער זון, עפנט זיך פּלוצלינג די טיר פון קראַנקן-צימער, און עס באַווייזט זיך ווער, מיט שוואַרצע פליגל, אין אַ שוואַרץ טוך פאַרהילט.

— ווער ביסטו, ווער? — פרעגט שרה דערשראָקן, און קאָן פון דער דערשיינונג קיין אויג נישט אָפּווענדן.

— דער מלאך-המוות! — ענטפערט דער געקומענער. מען האָט מיך נאָך דעם יונגנמאַנס נשמה געשיקט...

— אוי, — בעט זיך שרה — לאָז אים געמאך! זע, ווי יונג ער איז, זע, ווי שיין ער איז... ער שלאָפט פאַרחלשט, און אַ זיסער שמייכל שפּילט אַרום די פײַנע ליפּן. אַ זיס, ליב לעבן חלומט זיך אים... זע דעם אָפּגלאַנץ פון געחלומטן גליק אויף זײַנע בלאַסע באַקן, אויף זײַן זיסן שטערן...

— דו האָסט אים ליב באַקומען, מיידל — ענטפערט דער מלאך־המוות — קויף אים אויס אויף עטלעכע מינוט!

— אויף עטלעכע מינוט?... מיט וואָס?

ענטפערט ער אויף דער ערשטער פראַגע נישט.

נאָר: —

— שוואַרצע — זאָגט ער — לאַנגע צעפּ האָסטו, שענק מיר דײַנע צעפּ!

— נעם! — שרייט שרה אויס.

און דער מלאך נעמט פון אונטערן שוואַרצן מאַנטל זײַן שאַרף מעסער אַרויס, שנײַדט, שרה בלײַבט גאָל. דער מלאך פאַרשווינדט, אָבער נישט אויף לאַנג.

די זון האָט זיך עטוואָס טיפער געזעצט, אין חדר שטילקייט הערט זיך רבקהס געזאַנג ביים בלומען רייסן; אַ זיס האַרציק ליד זינגט זי, די ווערטער הערן זיך נישט — און דער מלאך־המוות באַווײַזט זיך צום צווייטן מאָל:

— די עטלעכע מינוט זענען אַריבער!

— איך וויל נאָך עטלעכע מינוט פאַר אים קויפן, אפשר וועט ער דערווײַל די אויגן עפענען...

— דו ווילסט זײַנע אויגן זען? וואָס גיסטו דערפאַר?

— וואָס דו ווילסט, מלאך!

— פאַרבן דאַרף איך — ענטפערט דער מלאך. — גיב מיר דעם אַלבאַסטער פון דײַן לײַב, דאָס פּורפּור פון דײַנע ליפּן, דאָס בלויע פון דײַנע אויגן...

— נעם! — ענטפערט שרה.

— אויף אַ פּאָר מינוט! —ענטפערט דער מלאך.

— אויף אַ פּאָר מינוט! — זאָגט שרה נאָך, שוין אַן אויסגעבלייכטע, מיט ליפּן בלויע, אויגן פאַרלאָשענע...

דער מלאך פאַרשווינדט, און רבקהס געזאַנג קומט פון גאָרטן אַלץ נעענטער און נעענטער. „זי וועט באַלד דאָ זײַן!" טראַכט שרה, און ווייס נישט, צי דאָס פרייט זי, צי עס מאַכט איר שמערץ. נאָך איידער די

שוועסטער איז געקומען, האָט זיך דער מלאך־המוות צום דריטן מאָל באַוויזן:

— אַזוי געשווינד? — שטאַמלט שׂרה.

— ווילסטו נאָך צוויי מינוט קויפן?

— איך וויל.

— שיינע צײַן האָסטו?

— נעם זיי דיר!

ער נעמט. דער יונגערמאַן עפנט די אויגן נישט אויף, אויף די טרעפּ הערן זיך שוין רבקהס טריט. זי לויפט אַרויף; אָבער דער מלאך המוות קומט פריער.

— וואָס נאָך זאָל איך דיר געבן? — פרעגט שׂרה פאַרצווייפלט. וואָס פאַרמאָג איך נאָך?

— אַ נשמה! — ענטפערט דער מלאך — לעבן פאַר לעבן. גיב דײַן לעבן פאַר זײַן לעבן!

— איך גיב!

— נישט דאָ! — ענטפערט דער מלאך. דו מוזט אין דײַן צימער אַרײַן, אויף דײַן בעט זיך לייגן, — אַזוי איז דיר שטאַרבן באַשערט.

— און ער ?

— ער וועט לעבן! אויסלעבן זיינע יאָרן.

שׂרה וואַקלט זיך אָפּ אין איר צימער אַרײַן, דער מלאך־המוות גייט נאָך.

אין דער זעלבער סעקונדע האָט רבקה מיט געזאַנג די טיר צום קראַנקנס צימער געעפנט און האַסטיק דעם קראַנקן מיט בלומען באַוואָרפן.

און ער, דער קראַנקער, האָט פּלוצלינג די אויגן געעפנט, פון בעט אַראָפּגעשפרונגען, און איז צו רבקהן, ווי פון אַ מאַגנעט געצויגן, צוגעפאַלן:

— אָ, ווי שיין דו ביסט, כּלה!

— אָ, ווי שיין דו ביסט, חתן!

— — — — — — — — — — — — —

דער שבת־גוי

קאַפּיטל 1

עולם־הזה פון קאָרענעם שקעטעלע. — אַלערליי צייַן. — אַ שוועגקעכץ

דער כעלעמער רב — אַן אָפּגעריבן ספּאָדיקל, אָפּגעריסן לאַסטיקן קאַפּאָטקעלע; אַ קליין יידעלע מיט אַ אָפּן גרגרתל און לאַכנדיקע גראָע אייגעלעך אין איינגעשרומפּענעם פּנים — דאָס גרייז=גראָע פּריילעכע רביל הייבט זיך אויף, צווישן איין סוגיא און דער צווייטער, פאַרדעקט די אָפּענע גמרא מיט די שפּאַקולן פון דער נאָז אַראָפּ, וליתר תוקף ועוז — מיט דער פאַטשיילע פון דעם בוזעם אַרויס, און נעמט זיך, לשם=תענוג — צו זיין ביסל עולם=הזה — צום קאָרענעם טאַבעק=שקעטעלע.

א שמחה=בחלקו און א מענטש אָן אַ גאַל, שמייכלט ער צום שקעטעלע. און קלאַפּט אָן מיט די קליינע פינגערלעך אָן דעקעלע, פּויקנדיק און פרעגנדיק:

— פאַראַן א ביסעלע?

און אז דאָס שקעטעלע ענטפערט דעמפיקלער:

— פאַראַן א ביסעלע, פאַראַן!

עפנט ער מיט רחבה אויך, נעמט מיט די קליינע פינגער=קישעלעך אַ ביסעלע פונעם ביסעלע און טראָגט צום נעזל צו, און גיט אַ קליין שטאָפּעלע רעכטס, אַ קליין שטאָפּעלע לינקס, און נאָכאַמאָל אַזוי, ווערט אים ליכטיק אין די אייגלעך, זאַפּט זיך מיט נחת אָן דאָס הערצעלע, לאָזט ער זיך איבער דער בית=דין=שטוב, ממש טאַנצנדיק, גיט ער אָפּ אַ שבח דעם בורא=עולם, ממש זינגענדיק:

— אי=אי=אי, גאָטעניו, א גוט ווערטעלע דו האָסט עם באַשאַפן!

און ווארפנדיק פון פענצטערל א בליק אין מארק אריין, ווערן אים די אייגעלעך פייכט.

— וואָס פאר א פיינע בריהלעך עס דרייען זיך אויף דיין וועלטל ארום! יידעלעך און, להבדיל, אַ נ ד ע ר ע... אי־אי־אי! מענטשן גאָלדענע, סאמעטענע, זיידענע...

פאלט עמעץ פלוצלינג אריין:

— רבי, געוואלט!

— דערשרעקט ער זיך:

— וואָס איז דיר געשען אזוינס, יענקעלע?!... יענקעלע?

ער קען אים! גאנץ כעלם קען דער רב, כמעט ביי אלע סנדק געווען.... און אַז ער זעט אַ צעבלוטיקט מויל ביי יענקעלען:

— אוי, אוי, יענקעלע, ווער האָט דיר שלעכטס געטאָן, יענקעלע?!

זיצט שוין יענקעלע אויף דער באנק פון פאָרן בית־דין־צדק־טיש מיט די הענט די פארבלוטיקטע די באַקן צוהאַלטנדיק, און וויגט זיך, ווי אַז אומרו רעכטס און לינקס אין דער בריט, זאָגנדיק:

— אוי, אוי, דער שבת־גוי, רבי!

גאפט ער, דער כעלעמער רב:

— ווי קומסטו, אינדערוואָכן, צום שבת־גוי — יענקעלע?!

— אַ באַשערטע זאַך, רבי־לעב... כ׳גיי, איבערן מאַרק גיי איך מיר... ווי מיינט איר, רבי־לעב? ליגט מיר אין זין דער שבת־גוי? טראכט איך פון א שבת־גוי? וועגן פרנסה טראכט א ייד! מיט יידיקע הענט וועל איך קומען אהיים! וואָס וועט די פלוניתטע, טראכט איך, זאָגן... די ארורה מיינע... איר קענט דאָך זי, רבי־לעב! קומט ער אקעגן, דער שבת־גוי. דערזע איך אים, שיכור־ניסלעך קנאַקט ער זיך... און עפעס קונציק אַזוי — א ווארף מיט דער האנט דורכן אוויר, פונקט אין מויל אריין, א קנאק, און ווארפט שוין מיט די ליפן רעכטס און לינקס די שאָלעכצער. האָב איך מיך אָפּגעשטעלט, קוק איך אויף זיין בריהשאפט.

גלייכט ער זיך אוים מיט מיר, זאָגט ער:

— יענקעלע, עפן ס׳מויל, יענקעלע!...

מילא, בעט אַ גוי, עפן איך... און געמיינט האָב איך, רביניו, ער וויל מיר שיכור־ניסלעך ווארפן אין מויל אריין — עפן איך — נעמט ער, רבי, די פויסט און גיט מיר אַ זעץ אין די ציין אַריין!

צעוויינט ער זיך נאָך מער, יענקעלע:

— אוי, דער רוצח, דער רוצח...

איז עס אָבער דעם בעלעמער רב נישט גיהאַ.
גייט ער נעענטער צו און מוסרט אים:
— דאָס האָב איך נישט ליב, יענקעלע! ווי זאָגט מען עס, גלאַט אַזוי, אויף גאַטס באַשעפעניש — רוצח?
— ער האָט דאָך מיר דריי ציין אויסגעהאַקט — צעבליפּעט זיך יענ־קעלע, ווייזנדיק די ציין.
קוקט דער רב און שאָקלט מיטן קעפּעלע און זאָגט, נישט גלייבנדיק:
— זאָג דעם אמת, יענקעלע, ס'איז ד י י נ ע ציין?
—וועמענס דען, רבי? נאַט, רבי, זעט!
און ער עפנט אויף דאָס מויל און ווייזט אים די לעכער...
קוקט דער רב און גאַפט:
— הפלא ופלא — זאָגט ער נאָך אַ ווײַלע — אַ ייד זאָל האָבן אַזוי־נע ציין...
— א וואָסערע דען ציין האָט א ייד? — פרעגט יענקעלע א ביסל שוין דערשראָקן.
— נאַ, זע! — ענטפערט דער רב און ווייזט אים זיין אַלט מעבל און אַלטן מויל — אַנדערע האָבן לחלוטין נישט קיין ציין, סיי־ווי־סיי, נישט אַזוינע ציין! כ'בין דאָך נישט קיין היינטיקער, נישט געזען אַזוינע ציין ביין אַ ייד אין מויל!
און קלערן זעצט ער זיך דער רב; צוויי שאלות מיטאמאָל:
— ווי קומען אַזוינע גרויסע געזונטע ציין צון אַ ייד?
און דער שבת־גוי, וואָס האַקט ער עס אין פרעמדע ציין אריין?
קלערט ער און קלערט ביז ער שפּרינגט אויף:
— אהא!
דאָס הייסט — דערגאַנגען:
— האָ בהאָ תליא, יענקעלע! איינס אָן צווייטן ווענדט זיך עס... דו זאָגסט גלאַט אין דער וועלט אריין „רוצח!“, אויף גאָטס באַשעפעניש — „רוצח“! נישטאָ קיין רוצחים. עס זאָלן זיין רוצחים אויף דער וועלט, וואָלט די וועלט, חס־ושלום, קיין קיום נישט געהאַט! אלא מאי? אַ מעשה־שהיה פּ א ר צ ײ ל ס ט ו דאָך, און איך גלייב דיר, און איך זע דאָך די אויסגע־האַקטע ציין, איז די מעשה, פאַרשטייסטו מיך, אַזוי —
און ער כאַפּט א ביסל אָטעם און פאַרטייטשט:
— שולדיק, יענקעלע, זענען טאַקע דיינע ציין!
שפּרינגט יענקעלע אין דער הייך:

— היתכן, רבי מײנע צײַן? און דער ערל?

— גאָר אינגאַנצן פּטור איז ער נישט, דאָס, יענקעלע, זאָג איך נישט! דער עיקר־חייב אָבער זענען דײַנע צײַן, דאָס הײסט: נישט דײַנע צײַן...

— וואָס טײַטש?

— לײג צו קאָפּ, יענקל! דער ערל איז בטבע א מזג־טוב... שיכור־גיסלעך געהאַט דיך דערזען, האָט ער דיך באמת געוואָלט מהנה זײַן, מכבד זײַן... „עפן ס'מויל!", זאָגט ער... אַרײַנוואַרפן וויל ער: זײ האָבן דאָך ליב ווײלטאָג און קינצעלעך! אָבער אז דו, יענקל, האָסט געפּאָלגט, און ער האָט דערזען גאַנצע צײַן, ז ײַ נ ע צײַן, הײסט עס, און ד ײַ ן מויל... פאַר־שטײסטו דאָך: אַן אינו ישראל, אין דײַן מויל זײַנע צײַן, ווערט ער אומטער־געצוונגען! און אַן אינו ישראל, אז ער ווערט אונטערגעצוונגען, וואָס זאָל ער טאָן? זעצט ער מיט דער פויסט!

— פאָלג מיך, יענקעלע — ענדיקט דער רב — מאַך קײן עסק נישט דערפון... גײ אַהײם צו דײַן פּלוניתטע, זאָג איר, איך האָב געהײסן, בפי־רוש געהײסן, זי זאָל דיר מאַכן א שווענקעכץ פון פ ײ ג ן....

פאָלגט יענקעלע, גײט אַוועק און דער רב רופט אים נאָך:

— און דאָס אַנדערע מאָל, אַז אַן ערל הײסט דיר עפענען דאָס מויל עפן אַ ביסעלע... נישט מער ווי אַ ביסעלע, אַ שפּאַרעלע! ער דאַרף גאָר־נישט זען, אַז אַ ייד האָט צײַן...

קאַפּיטל 2

נאָכאַמאָל קלעפּ. — דער רב וויל מתפלל זײַן אויף אַ האַלב ברויט — און עצה־טובה.

גײט דער בעלעמער רב צו זײַנע סוגיות צוריק, לערנט געשמאַק און שעפּט נחת פון דער הײליקער תורה. און כאַפּט פון צײַט צו צײַט א ביסע־לע פונעם עולם־הזה אינעם קאָרענעם שקעטעלע... און דאָס האַרץ פון תענוג וואַקסט!

— אוי, אַ וועלטעלע, אַ וועלטעלע...

און וואַרפט ווײַטער אַ בליק, דורכן פאַרגרינטן אַלטן שײבעלע, פון פענצטערל אין בית־דין־שטוב, צום מאַרק אַרויס...

— און מענטשעלעך, גאָטעניו, סאַמעטענע, זײדענע...

ענדיקט ער די שבחים נישט. ווייטער אריינגעפאלן יענקעלע. נאָך קיין חודש נישט אריבער.

גאפט ער, דער רב:

— וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט, יענע נאַכט — וואָס איז ווייטער, יענקעלע?

— דער שבת־גוי! רבי, אליץ דער שבת־גוי! — שרייט יענקעלע — און פאלט אויף דער באנק אנידער.

מוסרט אים דער רב מיט לייטזעליקייט:

— אַ פּגע־רע דו ביסט, יענקעלע! וואָס קריכסטו אליץ צום שבת־גוי? קיין רוצח, חלילה, איז ער נישט, אָבער גלאט אזוי — נאָך וואָס טויג ער דיר?

— פון הינטן איז ער מיר אָנגעקומען, רביניו... — פארענטפערט זיך יענקעלע — פון הינטן, רבי־לעבן! איך גיי מיר דורכן געסל, רביניו, אהיים... אַ ברויט האָב איך פאַר מיין הויזגעזינד געטראָגן, פאַר ווייב און קינדערלעך אַ ברויט געקויפט, זיין ליבער נאָמען האָט א ברויט באשערט! אונטערן אָרעם טראָג איך עס... קריג איך פלוצלינג הינטן־ארום אַ זעץ אין קאָפּ אריין, בין איך אומגעפאלן, חלש איך, האָב איך מיך קוים אויפגע־כאפט — זע איך, גייט דער שבת־גוי אוועק מיטן פולן מויל און קייט, און דאָס ברויט ליגט מיט פאַר די פיס אָפּגעביסן — נאט, זעט, רביניו — אוי דער קאָפּ, דער קאָפּ! —

און ער ווייזט דאָס ברויט דעם רב און כאפט זיך אָן ביים קאָפּ.

באטראכט דער רב דאָס ברויט און זאָגט:

— דער קאָפּ איז אַ קלייניקייט, פון אַ זעץ, חלילה, שטארבט מען נישט! אָבער זע, יענקעלע, ווער האָט רעכט געהאט?

— אָט זע — ציין! אן ערל, זע, האָט ציין! זעסט? אַ ביס, און מיט־אמאָל א העלפט פון ברויט! איך וואָלט עס נישט געקאָנט!...

— יאָ, רבי! — איז מודה יענקעלע, אָבער מיטן רוצח וואָס וועט זיין?! כ ע ל ם איז אין סכנה!

— אי — י — י!

— און מיין נישט, יענקעלע — ווענדט ער זיך צו אים — אַז איך האָב קיין צער נישט דערפון... איך ווייס, וואָס אַ האלב ברויט ביין אַזאַ ייד ווי דו, מיט אַזוי פיל מיילעכלעך אין שטוב, באטייט... עס וועט דיר טאקע, געבעך, פעלן... עס זאָל זיך ווענדן אָן מיר, זאָג איך דיר בהן־צדקי, איך וואָלט בפירוש געהייסן, קהל זאָל דיר אָפּקויפן אַ האלב ברויט... פאַר־

וואָס נישט? מאַקע אָרעם קהל, אָבער — אַ ייד האָט היזק געהאַט און פון אַלעמענעס שבת־גוי! און אַ האַלב ברויט איז גלאַט קיין סכנה נישט... קהל וועט נישט בדלות... ווייסט דאָך, איך האָב קיין ד ע ה נישט!

צעשרייט זיך יענקעלע:

— אזוי?... הייסט עס, לית דין ולית דיין... דער רוצח וועט ארומגיין פראַנק און פריי!

— רוצח — ענטפערט דער רב געלאַסן, איז פּאָרט לאַוו־דווקא... כ'האָב דיר איינמאָל שוין געזאָגט: די וועלט, חס־ושלום, וואָלט קיין קיום נישט געהאַט! נישטאָ קיין רוצחים...

— אלא מאי? פרעגסטו?

— שולדיק, זאָג איך דיר, יענקעלע איז דאָס ב ר ו י ט ! „על פת לחם — שטייט אין די ספרים — יפשע גבר". קענסט דאָך די קליינע אותיות — אַ מענטש זינדיקט איבער אַ ביסן ברויט!... און אַלע: אַ ייד איז עובר אויף „לא תחמוד"... אמאָל אפילו אויף „לא תגנוב"... א גוי, להבדיל, אויף „לא תגזול"... אמאָל מאַקע אויף „לא תרצח!" אויך, אָבער נישט פון דער טבע... אלץ דאָס ברויט! דו ווייסט גאָרנישט, יענקל, אַ יצר־הרע עס שטעקט אין ברויט. הגע בעצמך, זאָג אַליין, יענקעלע, ווען נישט דאָס ברויט, וואָס וואָלט געאַרט א שבת־גוי, אַז יענקעלע דרייט זיך ארום אויף דער גאַס, שפּייזט זיינע עופהלעך און לויבט גאָט? האַ? אָבער אַז מען דערזעט ברויט... אַז יענקעלע טראָגט אַ ברויט! יאָ, יענקעלע, פאַרשטייסט! צעקיי עס גוט...

און דער רב גייט צו, לייגט יענקעלען די הענט אויף די אַקסל און זאָגט מיט גרוים רחמים:

— ווייסטו וואָס, יענקעלע? די ווייסט דאָך, איך בין אַן עניוו, בטבע אַן עניוו... איך האָב נישט ליב יענע זאַכן... פונדעסטוועגן, דיר וועל איך עס טאָן, דיר צוליב! און ווייסטו וואָס? איך וועל מתפּלל זיין אויף אַ האַלב ברויט פון דיינעטוועגן!

— אַ דאַנק, רביניו! — שפּרינגט יענקעלע אויף דערפרייט. און וויל ארויס פון שטוב.

— נאָר הער, יענקעלע — שטעלט אים נאָך אָפּ דער רב — מער זאָלסטו קיין ברויט, וואָס דיין ליבער נאָמען וועט דיר באַשערן, אָפן און בפרהסיא נישט טראָגן; מען דאַרף נישט אויפרייצן דעם יצר־הרע... האָסט אַ פּאָלע — פאַרהיצק!

קאַפּיטל 3

א ווייב מיט אַ קאַטשובע. — א מעשה פון הינטערן באַד.

גייט יענקל בארואיקט אוועק פון רב, און קומט נאָך א קורצער צייט צוריק מיט א געוואלט צום דריטן מאָל, און ווייטער דער שבת־גוי.

— דאָס איז שוין — זאָגט דער רב — למעלה מן השכל. א ייד זאָל זיך במשך פון איין זמן טרעפן דריי מאָל מיט אַ שבת־גוי — און דערביי דריי מאָל געשלאָגן ווערן! עס לייגט זיך גאָרנישט אויפן מוח.

— עס שמעקט עפּעס דערינען! — זאָגט ער — און ער קנייטשט איין דעם שטערן און הייבט אָן חוקר־ודורש צו זיין:

— האָסט אים געוויזן די ציין?

— חס־ושלום, רבי! אַז איר האָט נישט געהייסן?!

— געהאלטן ברויט בפרהסיא?

— ווער ברויט, ווען ברויט, רבי?

וואָלט ער געהאט ברויט, וואָלט ער גאָר צו דעם אלעם נישט געקו־מען... ער איז אהיימגעגאנגען אָן ברויט... האָט אים די פּלוניתטע באגעגנט מיט דער קאַטשובע... איז ער אַנטלאָפן, איז זי אים נאָכגעלאָפן, איז ער פון דער שטאָט ארויס, צום באָד געלאָפן... אַ יידענע, פון שטאָט ארויס לויפט זי נישט... קומט ער בשלום הינטערן באָד אַרומער, ליגט דער שבת־גוי אין גראָז; שפּרינגט ער אויף, דערהרגענען וויל ער אים. אויפן סאַמע־ראָדנע טויט, זאָגט ער! און שלאָגט — קוים זיך אויסגעריסן...

— ווייסט וואָס, יענקעלע — מאַכט שטיל דער רב, נאָך אַ פאַרקלער־טער ווילע — וועסט מיר מוחל זיין, איך גלייב נישט!

כאפּט יענקעלע אראָפּ די קאַפּאָטע:

— רבי, אזוי גרוים גאָלד, ווי גרוים צייכן בלאָע...

און וויל זיך אויסטאָן אינגאַנצן; לאָזט נישט דער רב:

— שוטהלע, נישט דאָס מיין איך — מאַכט דער רב — דאַרפסט דיך גאָרנישט אויסטאָן... לשיטתי גיי איך גאָר, איך קאָן גאָרנישט גלייבן, דער שבת־גוי — גאָטס אַ באַשעפעניש, זאָל גלאַט זיין אַ רוצח! אַ רוצח דאַרף גאָר נישט זיין במציאות... און זאָג אליין, יענקעלע, היכא דמי — רוצח? דו וואָלסט געקאָנט זיין אַ רוצח?

יענקל זאָגט: — ניין!

— איך אויך נישט! — זאָגט דער רב.

און פארטראַכט זיך, און כאַפּט זיך נאָך א ווײַלע אויף:

— אהא.

„דערגאַנגגען!“, הייסט עס, און ער צעשמייכלט זיך און זאָגט:

— ווייסטו וואָס, יענקעלע?! הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן!

און ער שטעלט זיך אויף, און זייערט מלה במלה:

„הינטערן באָד, זאָג איך דיר, יענקעלע, מוז זיין דאָס אָרט, ווו קין, ווי אין דער תורה הקדושה שטייט, האָט געטייט ברודער הבל“. —

„און דאָס אָרט, האָבן מיר אַ קימא־לן, איז מסוגל לרציחה, בפרט, איז עס א סכנה פאר א בן־נח, וואָס קאָן זיך בטבע נישט איינהאַלטן“ —

עפנט יענקעלע מויל און אויערן:

— אָ!

— וואָס? — שמייכלט הער רב — עס לייגט זיך אויפן שכל?

מן־הסתם! אַז איך זאָג, זאָג איך! אַ מכה שולדיק איז דער גוי!

— פּאַלג־זשע מיך, יענקעלע, מאַך דיר נישט דערפון. ווילסטו, רוף אַ פעלדשער, אנישט, לייג אליין צו קאַלט וואַסער.

— און שבת, איך מיש מיך אפילו נישט אין קהל־זאכן, אָבער בשעת סכנה — שבת, אם־ירצה־השם, לאָז איך אויסרופן אין שיל און אין בית־המדרש, דער עולם זאָל וויכן דעם הינטערן־באָד!

— און אפשר וועלן די באַלעבאַטים איבערטראָגן דאָס גאַנצע מרחץ... אין שטאָט אריין, אין מארק אריין... נישט גלייכער, וואָס? איז עס אָבער שוין נישט מיין זאך! א גוטן טאָג, יענקעלע...

קאַפּיטל 4

די אסיפה. — יענקל מוז אַוועק.— דעם שבת־גוי — הוספה.

איז אָבער נישט אוועק קיין גאַנצער חודש און יענקל איז געקומען נאָכאַמאָל...

די צ ײ ן נישט געוויזן, הינטערן ב אָ ד נישט געווען און צע־בראָכענע ביינער האָט ער. —

הינטער דער שיל האָט ער אים דערטאַפּט, דער שבת־גוי...

מוז שוין דער רב מודה זיין:

— אוי, אַ גזלן! טאַקע ממש א גזלן!

און „א סכנה פאר גאנץ כ ע ל ם...".

— פאר מיר, למשל, נישט. איך קום נישט ארוים מפתח ביתי... נאָך וואָס? אָבער — גאַנץ קהל!

— וואָרום — זאָגט ער — וואָס ביסטו עס מער פון אן אנדערן כּצ־לעמער ייד. דו הייסט יענקל, אן אנדערער הייסט גרוינעם; אין נאָמען ווענדט זיך עס נישט. און איך ווייס גאָרנישט, צי דער שבת־גוי ווייסט, ווי עמעץ הייסט? ווי אַזוי רופט זיך דער, ביי וועמען ער נעמט די לייכטער אראָפּ...

— מוז מען שוין — זיפצט ער אָפּ — אן אסיפה מאכן... יאָ...

— און ווייסט, דער עיקר, פאַר וואָס איך האָב מורא, יענקעלע?

— פאר וואָס, רבי?

— פארן יום־כיפורדיקן פאר־נעילה!

אַז ערל קומט אין שיל אַריין, אָנציגדן די נעילה־ליכט, קאָן ער חרוב מאכן כעלם. אומברענגען, חס־ושלום, די גאַנצע קהילה מיטאַמאָל!

און ליב האָט ער, דער רב, „אומר ועושה"!

שבת העגגען שוין אין מקום־קודש קווימלעך גרויסע מיט אותיות שרייענדיקע:

אן אסיפה וועט זיין! א סכנה פאר דער שטאָט!

א סכנה — קומען זיך צוזונויף די קארפּן־קעפּ, איילן זיך די מיזלי־קעס, זיצט מען קאָפּ אויף קאָפּ — —

— זאָגט־זשע, וואָס, רבי־לעב...

— זאָל יענקלע, זאָגט ער, פאַרציילן...

זאָגט יענקל זיין עדות. פאַרציילט דער רב, ווי עס איז אים איינגעפאַלן א סברא... און אַז געהערט איז געבליבן יענקעלע — —

— א רוצח — שרייט יענקעלע — א רוצח!

ציטערט „א פיש אין וואסער"...

— וואָס־זשע טוט מען, רבינו?

נישט לאַנג ווארטן לאָזט דער רב, און זאָגט אַזוי:

— איך זאָל, זאָגט ער, האָבן א דעה ביי קהל... מען זאָל מיך באמת פרעגן, וואָלט איך אזוי געזאָגט:

יענקל זאָל קודם־כל, און מאקע באלד מאָרגן, אם־ירצה־השם, און גאָר באַגינען טאַקע ערגעץ אַוועק... ווארן אויף אים האָט ער שוין אַ חזקה, דער שבת־גוי... מער ווי אַ חזקה, א כיוון־דרש...

ולהשיב אפו, כדי מציל צו זיין קהל פון סכנה זאָל מען דעם שבת־גוי געבן הוספה:

אַ גרעסער שטיק קוילטש, צוויי טרינק בראָנפן, איך זויים? אולי ירחם!...

איר לאכט?

און דאָך שטעקט אין יעדן פון אונדז אַ שטיק בעלעמער רב!

מלווה מלכה

איך וויל אייך פארציילן א שיינע, וואונדערלעכע מעשה:

פון דער פערטער סעודה פון שבת־קודש — מלווה־מלכה, וואָס דוד־המלך, עליו־השלום, האָט מתקן געווען...

פון א פשוטן ערלעכן ייד, וואָס האָט אויף זיך גענומען די מצווה פון מלווה־מלכה;

פון יענע לייט, וואָס האָבן דווקא געוואָלט אראָפּפירן דעם ייד פון זיין דרך, ער זאָל כאָטש איין מאָל אין לעבן נישט קאָנען מקיים זיין די מצווה—

און ווי אזוי דער ייד איז ניצול געוואָרן פון זייערע הענט.

און א מעשה איז עס מיט א מוסר־השכל:

דער פשוטער ייד וועט זיך דרשענען א קל־וחומר: מה־דאך אזאַ קליינע מצווה, שאדם (וואָס א מענטש) דש (טרעט) בעקבין (מיט זיינע טריט), מאכט אזאַ רושם, ברענגט צו אַזאַ נסיון...

אנדערע גרעסערע מצוות, אויף וועלכע די וועלט שטייט באמת, על אחת כמה וכמה.

אין יעדער יודע־חן, וואָס האָט אַ ידיעה אין ענין פון סעודת־דוד־המלך, עליו־השלום — דעם וועט דאָס גאָר אויפגיין א ליכט אין די אויגן!

ער וועט, געמלער, זען באַשיינפּערלעך, ער היכן הדברים מגיעים; און וואָס אַ נדר, וואָס אַ ייד נעמט אויף זיך, באַטייט, ווי מען וועט, בעזרת־השם, זען פון גוף־המעשה.

און אציגד הייב איך אָן:

.1

פאַרצייטנס, אין אַ גאַליציש שטעטל אין קיר״ה, זענען געווען צוויי שותפים.

תבואה־סוחרים זענען זיי געווען; היפשע תבואה־סוחרים. געפירט

גרויסע פאדריאדן פארן מלכות, געהאלטן אייגענע פערד און וואגן, און א יונג — א שמייסער. און צוויי מויערן געהאט אין שטאט, יעדערער זיין מויער.

און די שותפים, וואס זענען געווען גלייך אינעם מסחר, זענען נישט גלייך געווען אין יהדות.

איז נעמלעך איינער פון די צוויי שותפים געווען א חסיד, א ירא־שמים און א למדן א גרויסער דאצו, און דער צווייטער — אזוי... א פשוטער ייד, אן ערלעכער מאן.

פלעגט דער שותף דער למדן זיצן אין דער היים על התורה ועל העבודה. און קוים אפשפארן א שעה צי צוויי שעה אין טאג אויף עצות און חשבונות מענין המסחר. און דער צווייטער פאר דאס, דער פשוטער ייד, פלעגט א גאנצע וואך באדן אין עסק.

פארט מען א גאנצע וואך ארום: פון פויער צו פויער, פון פריץ צו פריץ — אויפקויפן קארן; אין די מילן אריין — מאלן דאס קארן; אויף די פונקטן דערנאך, צוצושטעלן דאס מעל פאר די חיילות

און די חיילות זענען צעווארפן אין דער גאנצער סביבה, איבער אלע דערפער — פלעגט טאקע דער ייד אהיימקומען קוים צו מרחץ אויף שבת.

און וואס האט ער, אומשטיינס געזאגט, פון שבת? קוים ער קאן מקיים זיין די מצווה פון „שינה בשבת תענוג"... אוים מענטש קומט ער אהיים

מיד, און דער גאנצער „הו־הא" אין קאפ.

ווייסט דאך אבער א ייד, וואס דער תוך און דער עיקר איז, גייט ער און נעמט אויף זיך די מצווה מקיים צו זיין ברוב פאר והדר די מצווה פון מלווה־מלכה!

צו דער מלווה־מלכה פלעגט דעם שותף, דער חסיד, קומען זייער זעלטן: א פאר מאל אין יאר, שלא לבייש.

ער פלעגט בעסער זיצן צווישן זיינס גלייכן אין שטיבל, און עוסק זיין אין ז יי נ ע זאכן.

פאר דאס פלעגן קומען אנדערע שיינע יידן, אפילו לומדים און אזוי ארעמעלייט, וואס פלעגן אפשר א גאנצע וואך ווארטן אויף דער מלווה־מלכה, זיך כאטש איין מאל אנצועסן זאט.

און באלד טאקע נאך הבדלה, דער פשוטער ייד זאגט זיך „ויתן־לך", זינגט זיך זמירות (פון געשעפט, ביז נאך דער מלווה־מלכה, רעדט ער נישט) און אין קיך ברענט שוין א פייער, ווערגערט מען שוין פרישע לאק־

שן, קאָכט מען פרישע פיש, זענגט מען אָפּ פרישע עופות, וואָס מען האָט נאָר=וואָס געברענגט פון שוחט — א ביסל משקה וועט, פארשטייט זיך, אויך נישט פעלן — אויף אַ גבירישע התונה דארף מען נישט — נישט שענער, נישט בעסער...

און ביי דער מלווה=מלכה איז ששון=ושמחה.

וויים=געדעקטע טישן, אז עס בלאנקט, אויסגעשטעלט כלי כסף וזהב, אלערליי קאָלירטע גלעזערנע כוסות, ווי צון א סדר. און ליכט אָנגעצונדענע א סך: הן אויפן טיש אין די זילבערנע לייכטער, הן ארום די ווענט, אין די זילבערנע העסן.

און דאָס בני=בית מיט די אורחים זעצן זיך ארום, אנשים לחוד נשים לחוד. די מענער אין בגדי=שבת ויו"ט, די ווייבער אין טייערע קליי=דער, אבנים יקרות ותכשיטין, און מען עסט, און מען טרינקט, און מען רופט: דוד=המלך, עליו=השלום, חי וקים! און — מען לאָזט זיך א טענצל...

מן=הסתם געפּעלט עס נישט יענע לייט!

האָט מען אויף דעם ערלעכן ייד און זיין מלווה=מלכה אן אויג.

.2

ויהי=היום — עס איז געקומען א צייט, און די שותפים זענען געשטא=נען אין אַ גרויסער סכנה.

געהאט האָבן זיי א גרויסן פּאָדריאד, אויף כמה=וכמה אלפים כור קמח פאַרן חייל אין דער כביבה, און אין קאָנטראַכט, וואָס מען האָט גע=מאכט מיטן מלכות, איז געשטאנען, ווי דער סדר=עולם איז, שחור על גבי לבן, א תנאי, אז, הס=ושלום, מען וועט עובר זיין איין טערמין פון שטע=לונג, וועט ווערן פארפאלן דער גרויסער זאלאָג, און דאָס מלכות וועט נאָך צונעמען ביי די שותפים זייערע מויערן, מיטן כלי=בית און אַלע מטלטלין, ביז פערד און וואָגן; און האָט נאָך פראַוו, ווי פארצייטנס דער מנהג איז געווען, זיי אליין צו נעמען און וואַרפן אין קייטן אריין, און פארשיקן, ווו דער פעפער וואקסט...

און געווען איז עס פונקט נאָך א שוואכן ווינטער; געלעגן אן ערד — א נאקעטע, אן שניי. דער זאָמען פון קאָרן איז אויסגעליפטערט געוואָרן —

איז נאָך ווייניק?

לאָזט נאָך, באַלד נאָכן ווינטער, אַרויס אַ קול, אַז קיר"ה איז זיך

מכּין למלחמה קעגן תגור! ווערט ג אָ ר גאָלד און טאָלער קאָרן! און נישט בנמצא.

איין פּריץ אין דער סביבה, א שררה א גרויסער, האָט יאָ עטלעכע הונדערט קערץ קאָרן, און נישט צוצוטרעטן, ער האָט געלאָזט זאָגן, אַז אויב מען וועט אים נישט ברענגען א דריי, צי גאָר א פירפאכיקן פּרייז פאַרן קאָרן, וועט ער ארויסטרייבן פון פּאַלאַץ, נאָך אָנרייצן די כלבים...

מיט איין וואָרט — סכנות נפשות: בדיל־הדל, און נאָך פאַרפאַלן צו ווערן אויף כף־הקל...

מילא, איז דאָך אָבער א ייד געוווינט צו צרות, צו סכנות־נפשות, איז דאָך אויף דעם פּאַראַן בטחון... זיצט זיך מוצאי־שבת־קודש דער שותף דער למדן אין שטיבל און הערט און פאַרציילט מעשיות פון לאַדירער. און דער שותף — דער ערלעכער, פשוטער ייד — וואַרט אויף דער מלווה־מלכה, און אויף אורחים, און גייט זיך אזוי אויף און אָפּ איבער דער שטוב, און ברומט זיך די אליהוס...

און ווי ער ברומט אזוי די אליהוס, דערהערט ער פּלוצים פון דרויסן אַ געזעצערײַ איבערן ברוק אין גאס; די שויבן קלינגען אונטער: א רייטער יאָגט זיך צום הויז

וואָס קאָן עס זיין? אַ רייטער פון פּאָלק? אַצינד? פאַר מלווה־מלכה?

א רגע כמימרא — דער רייטער איז שוין פאַרן הויז. ער שפּרינגט שוין אַראָפּ פון פערד, בינדט עס צו ביים ציימל צום הראָנג פאַר דער שטוב, ער עפנט שוין די טיר — דעם שותפס ווייב רעדט שוין צו אים:

ער, פאַר מלווה־מלכה רירט זיך נישט פון אָרט.

וויזט זיך אַרויס: עס איז נישט פון פּאָלק — עס איז אַ שטאַפעט פון אַ פּריץ, טאקע פון גרויסן שררה, וואָס האָט דאָס קאָרן — אַ בריוו האָט ער אין גרויס אייליעניש געשיקט. און דער בריוו איז אַ ישועה פון הימל: באשר־בכן, דער פּריץ איז פּלוצלינג גערופן געוואָרן קיין ווין, תיכף ומיד צו קומען צום מלכות, האלבער נאכט מוז ער ארויספאָרן, נו — פעלט אים הוצאות־הדרך (פּריצים האָבן קיינמאָל קיין בארן גראָשן נישט). על־כן, אויב „יאָש“ (יוסף האָט דער ייד געהייסן, מילא: יוסף — יאָסל, יאָש...) אויב יאָש וועט תוך־כדי־דיבור קומען מיט מזומנים, קריגט ער דאָס קאָרן בחצי־חינם. אַ מקח, וואָס מען הערט עס נישט אין גרעסטן זול!

האָט די יידענע איבערגעלייענט דעם בריוו אין דער ערשטער שטוב, פאַלט זי אריין מיט דער בשורה צום מאן — לויפנדיק צו דער צווייטער

שטוב, שרייט אין קיך אריין צום משרת, ער זאָל געשווינד איינשפּאַנען פערד און וואָגן און —

— הערסט, מיין מאַן!

וויל דער מאַן אָבער נישט הערן.

שרייט זי אויס די בשורה אויף אַ קול:

— כאַפּ, מיין מאַן, פּאָר!

— להד"ם! מיין יידל וויל פאַר „מלווה־מלכה" נישט פאָרן. ער וועט צוליב מסחר נישט מבטל זיין זיין מצווה, נישט עובר זיין אויף אַ נדר!

דער יידענע געפעלט עס אפילו; פונדעסטוועגן זאָגט זי:

— נאַרעלע איינער, איינגאַנצן אַ מייל וועגס, און די פערד זענען אויסגערוט... און דאָ שאַבט מען ערשט די פיש, מען איז נאָך נישט צו־ריקגעקומען פון שוחט... וועסט נאָך, אי"ה, צוריקקומען צו דער צייט... און ווען אַ ביסל שפּעטער? —

ענטפערט דער מאַן יוסף, אַז פ א ר מלווה־מלכה מאַכט ער קיין מסחרים נישט.

זאָגט זי, אַז זי וועט שיקן נאָכן שותף. אַן ערלעכער ייד, אַ למדן, זאָל ער זאָגן...

און איידער זי רעדט ארויס דאָס וואָרט — אצבע אלקים! דער שותף דער חסיד איז פונקט געקומען צו מלווה־מלכה.

הערט ער, דער למדן — דער חסיד, ווען וואָס עס גייט, לאַכט ער!

— פּע, זאָגט ער, אָפּשטויסן בידים אַ ישועה פון זיין ליבן גאָטן? און — אַ הבר האבוד, און אַזאַ גם! משוגע מיינע שונאים!

הייבן זיך אָן צוזאַמענקומען אורחים. העלפן זיי אויסער: כאַשיינ־פערלעך, אַ גאָט־זאַך!

ווערט דער פשוטער, ערלעכער ייד בטל ומבוטל פאַר די לייטישע אור־חים, דער עיקר פאַרן שותף, דעם ירא־שמים, דעם חסיד און דעם גרויסן למדן; בפרט, אַז דער רופט זיך נאָך אויס, אַז ער פאָרט מיט.

דערווייל פאָרט, פאַרביי פאַר דער טיר, דער וואָגן מיטן קנאַק, דער יונג שפּרינגט אַראָפּ, גלייכט אויס דאָס געזעם; דער חסיד כאַפּט זיך ארויף און זיצט שוין. דער פשוטער ערלעכער ייד קריכט ארויף — הייסט מען דעם שטאַפּעט רייטן פאָרויס, רייט ער. הילכט ווייטער די גאַס פון די טריט פון פערד. שפּרינגט אַרויף דער שמייסער אויף דער קעלניע, נאָכאַמאָל אַ קנאַק מיט דער בייטש, דאָס בני־בית מיט די עטלעכע, שוין אָנגעקומענע אורחים רופן נאָך: אין אַ מזלדיקער שעה! דאָס ווייב: פאַר געזונטערהייט

און קום געזונטערהייט! דער וואָגן רירט. דער פּראָסטער ייִד — דער שותּף לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. עס צופּט אים עפּעס ביים האַרץ, עפּעס שלעכטע נביאות זאָגט אים דאָס האַרץ, נאָר ער שעמט זיך אויסצוזאָגן דעם למדן — זיפצט ער אָפּ און שווייגט.

.3

און גאָר איינגאַנצן איז דעם פּראָסטן יידס האַרץ קיין פאַלשער נביא נישט געווען...

ארויסגעפאָרן זענען זיי אין א לבנה־נאכט: שטערן כחול־הים, אָבער קוים האָבן זיי געהאט די שטאָט הינטער זיך, האָט זיך דער הימל פאַר־וואָלקנט, טונקל איז געוואָרן און וואָס אמאָל טונקעלער.

דער רייטער איז שוין לאנג פארשוונדן געוואָרן; א פּריציש פערד! די פערדס־טריט הערן זיך נאָך א ווייַלע און — פאַרהילכן!

דערווייל ווערט נאָך טונקעלער, עס הייבט אָן בלאָזן א צפון־ווינט און יאָגט אָן נ יי ע עננים. די שטערן לעשן זיך, איינס נאָכם אנדערע ווי קליינע קינדער־לאָמטערנדלעך פון ווינט.

עס ווערט חושך, מען פארלירט דעם וועג, מען שניידט זיך עפּעס אריין אין וואלד, אויפן וועג דארף גאָר קיין וואלד נישט זיין; פון וואנען האָט זיך גענומען א וואלד?

דערווייל פארלירט דער יונג — דער שמייסער, די בייטש; שפּרינגט ער אראָפּ ז ו כ ן די בייטש. די פערד שלעפּן זיך ווייטער, דער שמיי־סער קומט נישט צוריק, מען רופט, ער ענטפערט נישט. דער אָרעמער פּראָסטער ייִד זיצט פאַרחושכט און האַלב־פאַרחלשט פאַר שרעק. דער חסיד שפּרינגט אַראָפּ זוכן דעם שמייסער, און ווערט אויך נעלם אין דער פינצטערניש. דער פּראָסטער ייִד ווערט שוין גאָר פארחלשט; שטארקט ער זיך אָבער, שטעלט זיך אויף, קריכט ארויף אויפן געזעס, גלאצט אין דער פינצטערניש אריין מיט די אויגן — ער זעט נישט.

וויל ער שרייען, קען ער, פאר גרויס שרעק, נישט ארויסברענגען קיין קול. דערווייל שלאָגן אָן די פערד מיטן דישעל אָן א בוים; דער דישעל פּלאצט, דער וואָגן קערט זיך איבער. דער ייִד פאלט ארויס, צו זיין גליק — אויף א בערגל גראָז. די פערד רייסן זיך אָפּ פון בוים, און אנטלויפן, משוגע פאר שרעק, אין דער וועלט אריין... עס הילכן א ווייַלע די טריט, די רעדער, און ווערן אויך פאַרזונקען אין חושך. און דער פּראָסטער ייִד

הייבט זיך אויף איינער אליין אין דער פינצטער, ער שטויסט קוים מיט די לעצטע כוחות א קול פון האלדז ארויס, שרייט; קיינער ענטפערט ניש. דער ווינט כאפט דאס געשריי און צעברעקלט עס, און צעטראגט עס און עס ווערט פארזונקען אין א געפייפעריי.

וואס זאל, נעבעך, טאן א ייד? אין פינצטערן וואלד איינער אליין איז ער; מי־יודע וואס פאר א חיות רעות עס האלטן זיך אויף אין וואלד, אי־נעם געפייפעריי פון ווינט דאכט זיך אים, ברילן זיי, די חיות...

ענטפערט ער איבער זיין נשמה צום בורא־עולם: טו מיט מיר, ווי דיין ווילן איז — און הייבט אן שטיל צו זאגן ווידוי.

און דער ווינט רוישט, ער הערט זיינע אייגענע ווערטער, זיין אייגע־נע ווידוי נישט; עס רוישט, פייפט און רייסט די ביימער, די צווייגן.

אבער אט — צווישן די פאנאנדערגעריסענע צווייגן גיט פלוצלינג ווי א בליץ, אויף א רגע כמימרא באווייזט זיך א ליכט...

מילא, ותחי נפשו! עס מוז דאך זיין ערגעץ א הויז! די צווייגן האבן זיך שוין צוריק באהעפט, פארפלאכטן אינעם חושך... הייבט ער אן צו גיין צום ארט, פון וואנען דאס ליכט האט זיך אים באוויזן... און ער איז געגאנגען און געגאנגען, ביז גאט האט אים געהאלפן, און ער איז צוגע־קומען צו א הויז מיט ליכטיקע פענצטער.

געלויבט איז זיין נאמען!

פונדעסטוועגן צוגיין גלייך זוכן א טיר, האט ער מורא. א קשיא אויף א מעשה: א הויז אין וואלד, עס קאנען זיין גזלנים, עס קאנען זיין יענע לייט, באהיט און באשירמט זאל מען זיין... ער וועט נאר א בליק טאן אין פענצטער... לאזט ער זיך אראפ אויף אלע פיר, קריכט שטיל און פאמע־לעך צום ליכטיקן פענצטער צו, שטעלט זיך פאמעלעך און מיט גרויס הארצקלאפעניש אויף, בייגט זיך צו, קוקט אריין, און דערזעט דאס, וואס איך וועל אייך פארציילן אין פערטן קאפיטל.

.4

א גרויסע שטוב האט ער דערזען. און ער וואלט געשווירן, זיין שטוב: אין מיטן שטוב שטייט א טיש, פונקט ווי ביי אים צו מלווה־מלכה. פונקט אזא טישטעך; פונקט צו דער האר, אזוינע כלים: זילבער, גאלד און קא־לירט גלאז. און טעלער אזוינע, ווי ביי זיין אשה. און אויף די טעלער די

זעלבע מאכלים... און פונקט אזויפיל ליכט: הן אויפן טיש אין זילבערנע לייכטער, הן ארום די ווענט אין זילבערנע העסן, כהוויה דערקענט ער זיי.

איז עס ניט א חלום? גיט ער זיך א צופ ביי דער באָרד, א ריס ביים אויער, א ביס אריין אין פינגער, ניין, עס איז קיין חלום נישט!

און ביים טיש, צו אים הינטערן פענצטער מיט די אקסלען, זיצט א ייד — דאכט זיך, ער אליין! זיין קרומער אקסל.

רבונו-של-עולם. א חלום, צי א כישוף, צי גלאט אזוי פארבלענדעניש?!

ווי עס איז, ער מוז אריינגיין, סיי-ווי-סיי, א ייד זיצט, א טיש צו מלווה-מלכה איז געדעקט; ער וועט גיין, מקיים זיין די מצווה.

און ער איז גובר די שרעק, רייסט קוים אָפּ די פיס פון דער ערד און גייט ארום הויז, טאפט און געפינט אין דער צווייטער זייט, פונקט קעגנ-איבער דעם פענצטער, א טיר! ער עפנט זי מיט א פארציטערטער האנט, דערזעט דעם ייד פנים-אל-פנים, עס הענגט דאָרט נישט קיין שפיגל, ער זעט דעם ייד בחוש, און דער ייד איז ער אליין, זיינע באָרד-און-פאות, זיינע ברעמען, זיינע אויגן, זיינע באקן, און די יארמולקע מיטן קאפטאן זענען זיינע...

ער אליין איז עס.

און דער ייד, דאָס הייסט, ער אליין, זיצט און קוקט אויף אים מיט שטיל-שווייגנדיקע אויגן, נאָר פול מיט רחמנותדיקער שטראָף; ווי איינער רעדט: וואָס האָסטו מיר, וואָס האָסטו, הייסט עס, דיר געטאָן? פון וואַנען פאלסטו עס דו אוים?...

וויל ער פרעגן: וואָס? קאָן ער ווייטער קיין קול פון האַלדז נישט ארויסרייסן, נאָר דאָס הארץ זאָגט אים: מבטל געווען מלווה-מלכה, עובר געווען אויף א נדר...

און ווי דאָס הארץ זאָגט אים אזוי, פארלירן פלוצלינג די כלים אויפן טיש זייער גלאנץ און ווערן ווי פארטריבט; און די ליכט, אין די לייכטער און העסן, הייבן אָן טונקל און טונקעלער צו ווערן, און ווערן באלד טאקע שווארץ — שווארצע ליכט ברענען! און דער ייד, דאָס הייסט ער אליין, צוזאמען מיטן טיש, מיט די מאכלים, מיט די כלים, מיט די לייכטער הייבן אָן אלע צוזאמען פאמעלעך, פאמעלעך צו זינקען אין דער פאָדלאָגע אריין... די שווארצע ליכט-פלעמלעך אין די לייכטער און העסן הייבן אָן צו ווערן רוויקער און רוויקער. און אז דער טיש מיט אלעם ארום איז שוין איינגע-זונקען ביז צום אויבערשטן שטח פון טאָוול, און דער ייד, דאָס הייסט, ער

אליין אין יענער געשטאַלט, איז שוין אַראָפּ מיט דער באָרד, און עס האַלט שוין ביי די ליפּן, האָבן זיך די פּלעמלער מיטאַמאָל געטאָן אַ לעש אויס...

זאָגט פּלוצלינג דאָס הארץ אונטער דעם ייִד: כאַפּ עפּעס און מאַך אַ ברכה, זיי מקיים מלווה־מלכה! — שטרעקט ער אויס א האנט, און כאַפּט, איידער דער טיש ווערט איינגעזונקען, א פּרי פון אַ טעלער אַראָפּ, מאַכט „בורא פּרי העץ“; א ביס, א שלינג־אַראָפּ, און גיט א געשריי: דוד מלך ישראל חי וקים!

און דאָס האָט געהאָלפן!

כהרף־עין איז אַלץ פאַרשוואונדן געוואָרן: די געשטאַלט, דער טיש, דאָס הויז, דער וואַלד — איינער אַליין שטייט ער ווייט הינטער דער שטאָט, אויף עפּעס אַ לאָנקע... און תוך־כדי־דיבור נעמט אים אָן פון הינטן אַ האנט; הייבט אים אויף, טראָגט אים אין אוויר, צו דער שטאָט־צו טראָגט מען אים, און מען לאָזט אים אַראָפּ פאַר זיין אייגענער טיר. —

.5

שטייט דער ייִד מבולבל הינטער זיין אייגענער טיר און גלייבט זיינע אויגן נישט.

הערט ער פון אינעווייניק, די אורחים זינגען זמירות, הייבט ער שוין אָן צו גלייבן — עס זאָל האָבן אזוי ווייניק געדויערט?

דערהערט ער אָבער, ווי זיין פלוניתטע זאָגט אין קיך:

— שוין אַלץ פאַרטיק — וואָס זוימט ער זיך, נעבעך?! ווער ווייסט, וואָס מיט אַים איז, נעבעך, געשען?...

טראַכט ער: וואָס איז זי, נעבעך, שולדיק? עפנט ער אויף די טיר און גייט אַריין.

זעט ער, קיינער וווּנדערט זיך נישט.

דאָס ווייב האָט׳ם דערזען און שמייכלט.

פרעגט ער: ווו איז דער שותף?

זאָגט מען: נישטאָ!

„גאָרנישט געווען?“ — ניין! אוודאי, ווי אַלע מאָל, אין שטיבל. —

און דאָס ווייב זאָגט אים: וואַש דיך! און רופט באַלד צו דער קיך; זי הייסט, דער יונג זאָל אַריינטראָגן דעם באָרשט...

פאַרשטייט ער נאָך ווייניקער:

— דער יונג איז אין דער היים?

— ווו דען?

— און די פערד?

—שטייען אין שטאל, ווי זאָלן זיי זיין? הערסט נישט זייער הירזשען? ער הערט!

ער הערט אפילו, ווי די פּאָדקאָווע קלאַפּן אָן דער פּאָדלאָגע; די שטאל איז נישט ווייט פון שטוב. —

פאַרשטייט ער שוין, אַז עס איז געווען א שפּיצל פון יענע לייט, אַז נאָר מיטן „בורא פּרי העץ“ און „דוד מלך ישראל חי וקים“ האָט ער זיך מציל געווען פון זייערע הענט. —

הייבט ער אויף די הענט מיט ליב און דאַנק צו זיין ליבן נאָמען...

און ווי ער דאַנקט אזוי און לויבט גאָט אין דער שטיל, דערהערט זיך ווייטער פערדס־טריט פון גאַס, הילכט ווייטער אָפּ דער ברוק; אַ רייטער געזעגנט זיך ראש צום הויז. אָט איז ער דאָ, שפּרינגט אַראָפּ, קומט אריין — א זשאַלנער איז עס, נישט קיין שטאַפּעט, א קיראַסיער.

און האלטנדיק דאָס ציימל פון פערד איבער דער שוועל, גיט ער איבער א פּאַפּיר:

דאָס איז געווען א פּריקאַז פון גענעראל.

און אזוי האָט דער גענעראל געשריבן:

„היות דאָס חייל רוקט צוריק אָפּ קיין ווין, איז בטל דער פּאָדריאַד, דאַרף מען נישט קיין קאָרן“. —

פאַרשטייט איר שוין אליין, וואָס פאַר א מלווה־מלכה עס איז געווען!

אינהאַלט

זייט

מסירת נפש	5
די ירושה	48
איבער א שמעק טאַבאַק	51
דאָס גלעזל	61
מאָטל פּרינץ	70
א חלום פון א ליטווישן מלמד	77
צוזאמען	89
דאָס פּאַרטעך	94
ר׳ יוחנן גבאי	106
דער אַרענדאַר	110
נעילה אין גיהנום	127
דער בעל־שם פירט אוים א שידוך	133
דער דין־תורה מיטן ווינט	154
פדיון שבויים	162
דער זיווג אָדער שרה בת־טובים	167
דער שפּילער	174
דער קרבן	181
דער שבת־גוי	185
מלווה מלכה	195